STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01437

SHRIFTN FUN A YIDISHN FOLKLORIST

Samuel Rubinstein

Permanent preservation of this book was made possible
by the children of Mitchell Saltzberg
He enjoyed a Yiddish story.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל רובינשטיין

שריפטן

פון אַ יידישן פאָלקלאָריסט

צווייטע פאַרגרעסערטע
און פאַרבעסערטע אויפלאַגע

אַרויסגעגעבן פון
יובל-קאָמיטעט
ווילנע 1938

Printed in Poland.

Sz. Rubinsztejn — „Szriftn fun a jidiszn folklorist“
Wydano przez Komitet Jubileuszowy

Druk. Sp. Wytw.-Handlow. Wilno, ul. Trocka 7.

אין שײַן פון פאַרגאַנגענהייט

(אויטאָביאָגראַפישע נאָטיצן, באַפּעפּערט און באַזאַלצן מיט פאָלקלאָר, עטנאָגראַפיע און קוריאָזן פון אונדזער נאָענטן עבר)

אָנשטאָט אַ הקדמה

דער ערשטער, וואָס האָט מיר אויפגעגעבן די אידעע צו פאַרצייכענען מײַנע זיכרונות, איז געווען מײַן אומפאַרגעסלעכער פרײַנד ש. אַנ-סקי, וועמען איך פלעג אָפט דערציילן עפּיזאָדן פון מײַן לעבן.

— איר ווייסט, — האָט מיר אַנ-סקי געזאָגט — איך וואָלט אײַך געראָטן פאַרצייכענען אָט די אַלע קוריאָזן און זיי צוזאַמענשטעלן אויפן פּאָן פון אײַער ביאָגראַפיע.

— און מיר דוכט, — האָב איך געענטפערט, — אַז דרייען אַ ספּאָדעק די לייענער וואָלט הייסן אַ חוצפּה. מילא, די באַרימטע שריפטשטעלער האָבן רעכט אויף אויטאָביאָגראַפיעס, אָבער ניט אַ מינדסטער פון דער חבריא.

דערויף האָט מיר אַנ-סקי געענטפערט מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן הומאָר:

— אַפילו ווען די באַרימטע שריפטשטעלער וואָלטן ניט אָנגעשריבן זייערע אויטאָביאָגראַפיעס מעגט איר שוין זײַן זיכער, אַז סוף-כּל-סוף וועט זיך אויסגעפינען אַ ליטעראַטור-פאָרשער, אַ ראובן ברײַנין למשל, וואָס וועט וויסן צו דערציילן וועגן זייער לעבן. ער וועט אַפילו קענען פעסטשטעלן, וועלכן נומער קאַלאָשן האָבן די דאָזיקע שרײַבער געטראָגן, ריכטיקער, וועלכן נומער קאַלאָשן האָבן זיי ני ט געטראָגן, אָט די דאָזיקע שרײַבער, ערשט נאָך דעם ווען זיי זײַנען געוואָרן באַרימט בײַ דער כּנסת-ישראל... אָבער אַ קינד פון זײַן פאָלק, וואָס האָט דורכגעמאַכט די אַלע שבעה מדורי גהינום, זיך געראַנגלט צווישן דער השׂכּלה און מאַרקסיזם, אַ „יִדישער" פּעליטאָניסט פון דער רוסישער ראַדיקאַלער צײַטונג, אַ זאַמלער וואָס האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט דעם גאַנצן יִדישן אָרום, וואָלט געדאַרפט אַרײַנוועבן אין זײַנע זיכרונות דעם יִדישן פאָלקלאָר און שילדערן פאַר די לייענער זײַן לעבן, ווײַל ז ײַ ן לעבן איז זייערס. קיינער פון אונדז האָט ניט דאָס רעכט צו זײַן אַ „נחבא אל הכּלים". ערשט ניט לאַנג האָב איך באַמערקט אין אײַער שפּריכווערטער-קאָלעקציע: „דער גרעסטער גדלן איז דער עניו..."

אַנ-סקיס ווערטער האָבן טאַקע געווירקט, און אַזוי ווי איך געפין זיך נעענטער צום סוף ווי פון אָנהייב, טרעט איך צו צו פאַרצייכענען מײַנע זיכרונות אין מײַן קליין געבוירן-שטעטעלע דימער, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג געשפּרודלט מיט שפּריכווערטער, רעדנסאַרטן, קוריאָזן, וויצן, לידער, צונעמענישן, קללות, סגולות, זאַבאָבאָנעס, אײַנגלויבענישן, לעבנס-באַגריפן, שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך דאַן איבערגעקרייצט און אײַנס דאָס צווייטע אײַנגעשלונגען...

פאַרוואָס בין איך געבוירן?

אין דער מעטריקע שרייבט מען ווו און ווען איז דער מענטש געבוירן, מען שרייבט אָבער ניט פ אַ ר וו אָ ס ער איז געבוירן געוואָרן.

אַוודאי, ווען מיינע עלטערן וואָלטן זיך מיט מיר מיישב געווען, צי זאָלן זיי מיך ברענגען אויף דער וועלט, אָסור אויב איך וואָלט זיי צוגערעדט. טאַקע אין אמתן, כ׳מיין וואָס?..

נאָר אַזוי ווי עלטערן רעכענען זיך ניט ביי אַזעלכע אומשטענדן מיט אַזאַ „פּיסקליאַ״, בין איך בלית־ברירה געבוירן געוואָרן אויף דער דאָזיקער וועלט.

אַלס „ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט״ וואָלט איך אייגנטלעך געדאַרפט שילדערן פאַר אייך מיינע ערשטע איינדרוקן וועגן דער אַזויגערופענער „ליכטיקער״ וועלט. לײַדער איז עס ניט פון די גרינגע זאַכן. סיידן אפשר זיך אַנטשולדיקן צוליבן מלאך, וואָס האָט אַ טבע צו שנעלן יידישע קינדער אונטערן נאָז, זיי זאָלן פאַרגעסן...

איין פאַקט קען איך פעסטשטעלן: מיין עלטערע שוועסטער האָדל פלעגט דערציילן, אַז געבוירן געוואָרן בין איך מיט קוראַזש, געפּילדער און געוויין.

אָט וואָס עס הייסט אינטויציע — אַ פאַרגעפיל וועגן אַזאַ וועלט, ווו די ווילדסטע חיות וואָלטן געמעגט מאַכן די ברכה „שלא עשנו אדם״!..

אגב, ווען איך זאָל זיך ניט פאַרטראַכטן וועגן אָט דעם וועלטל, אַזוי קומט מיר שטענדיק אויפן זין נחס תיבה. צווישן זיי איז טאַקע דאָ אַ גרויסע ענלעכקייט: ביידע פאַרמאָגן מער בהמות און חיות ווי מענטשן...

אַ וועלט ווו מער מענטשן קומען אום פון איבערעסן זיך איידער פון ניט דערעסן, אַ וועלט ווו מער מענטשן ווערן דערטרונקען אין וויין איידער אין וואַסער, אַ וועלט ווו מער מענטשן קומען אום פון לוקסוס איידער פון מאַנגל, נויט און הונגער!

שוין איין מאָל אַ וועלטעלע!

און אין אַזאַ וועלטל איז דען אַ חידוש, וואָס מ׳ווערט געבוירן מיט אַ קוראַזש, געוויין און מ׳שטאַרבט מיט אַ זיפץ?

ט אַ ט ע — מ ו מ ע

אַ ייִד מיט אַ הויכן שטערן, מיט שמייכלענדיקע ליפּן און אויגן. אַ ווערטל־זאָגער און ליבהאָבער פון וויצן און גליייכווערטלעך. געשעפטן האָט ער געהאַט גוזמאות: געטריבן בראָנפן אין אַ „גוראַלניע״, געהאַקט „דעליאַנקעס״ און ווידער אַ מאָל געטריבן בוי־מאַטעריאַלן מיטן „ספּלאַוו״ איבערן דניעפּער, געהאַלטן אַ בליייווייס־פאַבריק. פונדעסטוועגן האָט עס אים ניט געשטערט צו שפּילן אויסגעצייכנט אויפן פידל, און דערמיט האָט ער פאַר

אײַך אויפגעעפנט גאָר אַ נײַע וועלט. איר האָט געפילט, אַז בײַ אים אין פידעלע איז פאַרבאָרגן אַ געפּײַנגטע נשמה. די נשמה קלאָגט, וויינט און בעט זיך אויף דעם יידישן שטייגער. אָוונטצײַט, ווען די שטערן האָבן געשײַנט און דער הימל האָט באַהאַלטן אָן אַ שיעור סודות, פלעגט ער זיך נעמען צו זײַן פידעלע. דאָס פידעלע האָט געזונגען און שטיל געטאָגט אין האַרצן. שנײַדעריונגען וואָרפן אָן אויג צו אַ כלה. יונגוואַרג פלעגט זיך דרייען אַרום אונדזער אָפענעם פענצטער. מ'האָט אָנגעוואָרן דעם חשבון, וויפל מ'דאַרף זיך דרייען אַרום אונדז. צעכראַסטעטע יידן אין יאַרמלקעס און ארבע־כנפותן פלעגן זיך אויסשיטן אויף זייערע פריזבעס. עפּעס אַ דאָרשט נאָך שיינקייט, איידלקייט, נאָך פײַנקייט. מ'האָט שעהן לאַנג געשמועסט פון דער גרויסער שיינער וועלט, די פאַנטאַזיע האָט געאַרבעט אויף פליגלען פון טרוים. די פאַרשמאַכטע נשמות פלעגן זיך אַוועקטראָגן העט ווײַט פון דעם שטעטל, פון דאגות־פרנסה און קראַנקע קינדער, ליידיקע קעשענעס, צעריסענע שיכלעך און איבערגעוואַקסענע בתולות. דערגרייכט האָט די נשמה דורך סטאַמבול ביזן עמק השרון און די לבנון־בערג. און ווי געוויינטלעך פלעגט מען טרויעריק אויסלאָזן מיט אַ זיפץ: פאַראַן אַ וועלט מיט וועלטעלעך... אַך טי, רבונו־של־עולם!..

דער טאַטע צעגיסט זיך אויף דעם פידעלע און צעגייט זיך ווי אַ וואַקס; דאָס פידעלע זינגט מיט אַ געוויין, מיט אַן אויסגעשריי פון דער נשמה. עס גיסן זיך אַלערליי מינים געזאַנגען, אַז עס נעמט אָן בײַם האַרצן...

איצט ערלויבט מיר אײַך פאָרצושטעלן מײַן מומען, וואָס האָט זיך מיר אָנגעקערט אַ צווײ פאַכיקע מומע. ערשטנס, דעם טאַטנס צווייט ווײַב, צווייטנס, מײַן יונג פאַרשטאָרבענער מאַמעס אַ שוועסטער, וואָס האָט טאַקע צוליב דעם חתונה געהאַט פאַרן טאַטן, כדי זי זאָל קענען מדריך זײַן „בדרך הישר" איר שוועסטערס יתום.

אַ טשעפּקע־יידענע אין אַ באַרדיטשעווער זײַדענעם טוך מיט אַן איידעל מאַיעסטעטיש געזיכט; אַ בת־טובים, — דעם באַרדיטשעווער רבס אַן אייניקל. אַ גרויס בריהשאַפט איז עס געווען פון דער מומען צו באַזאָרגן אַזאַ, קיין עין־הרע ניט, כאַליאַסטרע, ווי מיר קינדער, און פילגעווען אַלע קראַנקע פון שטעטל — ווען מיט אַ לעדוויצע מיט אייער, ווען מיט געשאַטקעוועטע קרויט, ווען מיט געזײַערטע אוגערקעס און קאַווענעס, ווען מיט „וימאָראָזיק", ווען מיט רעטעך־אײַנגעמאַכטס, ווען מיט קאָרענעם־לעקעך, מיט פיש־אייל אויף ראָסל, מיט מאַלינע־סאָק, מיט אַ לימענע, ווען מיט „פרילע", ווען מיט נאַשאַטירנעם ספּירט, ווען מיט כינע, פיסטאַשקעס, ווען גאָר מיט פאָנטיק, און טאָמער האָט זיך געפאָדערט אַ מיטל קעגן עצירות, איז אין אַ קאַנע קיינמאָל קיין מאַנגל ניט געווען. אונדזערע לצים פלעגן זיך וויצלען, כדרכם בקודש, מיט אַ שפּריכ־

וואָרט: „דער בעסטער מסחר איז אַ קאַנע: — מ׳לייגט אַרײַן אַ ביסל און מ׳נעמט אַרויס אַ פולע שיסל״...

אויב דער טאַטע איז געווען אַ ליבהאָבער פון דאָס וואָס מיר רופן פאָלקלאָר (הגם ער האָט אויף זײַן לעבן קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ וואָרט) איז די מומע געווען אַן אָנהענגערין פון עטנאָגראַפיע: זי פלעגט מיך באַהיטן און באַשירמען מיט סגולות, באַבסקע פרימכעס און זאַבאַבאָנעס. למשל, בשעת מ׳האָט געקויפט פון מײַנעטװעגן אַ נײַ װיגעלע האָט זי — דערציילט מען — לשם סגולה אָנשטאָט מיך אויסגעוויגט אַ קאַץ. מײַן מומע, די גרויסע מכניס־אורחטע, האָט דערנאָך אויסגענוצט די קאַץ: „וואַשט זיך די קאַץ איז אַ סימן אַז געסט וועלן אָנקומען״ איז:

— פייגע, זײַט אַזוי גוט און מאַכט דעם סאַמאָוואַר, אפשר אייניקלעך... שפּעטער א ביסל איז די קאַץ געוואָרן אויס מיוחסת, ווײַל „אַז ס׳שטעלט זיך אַ טייזוּים אין גלאַז איז אַ סימן אויף געסט״.

עפּעס האָט מײַן „עטנאָגראַפישע״ מומע פאַרמאָגט אין זיך אַ דאָרפיש־פּויערישע אײַנגלייבעניש. למשל, „ווען דער הימל איז רויט אין מערב־זײַט איז אַ סימן, אַז גאָט פּיצקעט די רשעים מיט די פײַערדיקע ריטער״; „אַז ס׳דאָרשט זיך איז אַ סימן, אַז מאָרגן וועט זײַן אַ שטאַרקער פראָסט״; „אַז די לבנה שטייט מיט די הערנער אַרויף איז אַ סימן, אַז מאָרגן וועט זײַן אַ הייסער טאָג״; „אַז דער ווינט צעטרײַבט די כמאַרעס איז אַ סכנה אַרויס פון שטוב, ווײַל איבער די גאַסן טראָגן זיך, טאַנצן און בושעווען שדים, רוחות, מחבלים און שרעטעלעך״.

אַ שאָד, כ׳לעבן, וואָס מײַן מומע איז איצט ניטאָ, זי וואָלט געווען דער רײַכסטער אוצר פאַרן ייִוואָ, וואָלט געקאָנט אויפלעבן און פאָרשטעלן דעם אַלטן ייִדישן לעבן מיט אַלע זײַנע מנהגים, איינגלייבענישן, זיטן, אויפפירונגען און בכלל דעם גאַנצן ייִדישן סדר פון אַמאָל.

מײַנע קינדער־יאָרן

אַז דער באָדן װערט פעסטער אונטער די פיס, לאָזט מען זיך איבער „גאָטס װעלטעלע״. לאַנג גיין איבער מײַן שטעטעלע האָט מען ניט באַדאַרפט: צוויי שורות הײַזער הייסן „די גרויסע גאַס״ און הינטער זיי ליגן צװואָרפענע געסלעך און הינטער־געסלעך. מיט דאָרשטיקע בליקן באַטראַכטן די גערטענער, וואָס בליען מיט בעז און אַקאַציעס אָט איז שוין דאָס בריקל איבערן טײַכל. פון ביידע זײַטן שטייען קוזניעס, עס הערט זיך דאָס קלאַפּן פון האַמערס. פונקען בליצן פון דעם „בלאָזזאַק״ אין די פאַררייכערטע אויוונס. נידעריקער אַראָפּ צו פון דעם טײַך, דאָרט וווּ די ברעגעס פאַרלירן זייער לאַנגדיקע מינע, איז אַלץ ווי פאַרפּישופט, די גרינע פאַרחלומטע פעלדער זײַנען אָנגעטרונקען מיט שטראַלן פון שיינקייט. די קלוגע גרעזעלעך דער־ציילן זיך גרינע מעשהלעך וועגן פאַרשאָלטענע מכשפים, וועגן דעם בן־מלך

און בת־מלכּה. געלעכצט האָט אונדזערע קינדישע נשמה נאָך איר שורש. אין אַ מינוט אַרום האָבן מיר, קינדער, געמאַרשירט איבער זוניקע פעלדער, זינגענדיק דערבײַ דאָס ל״ג־בעומר לידעלע פון חדר:

דרײַ ראָטנע קאָמאַנדיר,
פּאָר סאָלדאַטן גייען מיר.
פּאָר סאָלדאַטן ווען מיר גיין,
פון דער אוטשעניע מיט געוויין.
אייסער קייסער קומט אַרײַן,
גיסט מען אָן אַ כּוסה ווײַן, —
אייסער קייסער קומט אַרויס
שיסט מען פון די ביקסן אויס —
פּוי!

ניט געקוקט אויף די קרומע ברענענדיקע שטראַלן פון דער זון האָבן מיר געהאַלטן אין איין שפּאַנען צווישן די ווענט פון קאָרן און ווייץ, ביז מיר זײַנען געקומען צו די מילן.

— קינדער, — האָט אויסגעשריען לייבעלע פּאָפּעלע, זשמורענדיק די אויגן, — לאָמיר בעסער שפּילן אין איבערהאָקערלעך. — אין איבערהאָקערלעך! האָבן אונטערגעכאַפּט חיים־לייזער בייזע ליפּ און טעלעבנדיק אויף דער לינקער זײַט.

— שוין אײַנגעגעסן, — האָט שימעק בורנקיפּקער טרויעריק געזאָגט און פויל זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן גראָז, קײַענדיק אַ בלאַט, — שטענדיק אין איבערהאָקערלעך, שטענדיק... שוין בעסער זיצן אין דער היים, אַז ס׳איז ניטאָ אין וואָס צו שפּילן...

די לעצטע ווערטער האָט שימעק געזאָגט דורך טרערן. שימעק איז געווען זייער לײַכט אויף טרערן.

טעלעבענדיק האָט אונדז שעלמיש אַ ווונק געטאָן און מיר קונדסים האָבן זיך גענומען פאַר די הענט און געכאַפּט אַ ריקודל אַרום שימעקן, אונטערזינגענדיק:

לאָמיר זיך איבערבעטן,
זײַ זשע ניט קיין נאַאַר...
זײַ זשע ניט קיין נאַאַאַר...

און אַז מיר האָבן פאַרענדיקט דאָס פּאָלקסלידל, האָט לייבל מענדעלע טייגעכץ געזונגען מיט דער זעלבער מעלאָדיע די „שטיקלעך", וואָס אונדזערע ליצים האָבן „צוגעשטיקעוועט":

פּילנעס ווע‌סטו בײַ מיר מאַרשן,
ברויט מיט גאָפּלען עסן...
פּעטש ווע‌סטו, מײַן ווײַבל, כאַפּן
קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

שפּאַצירן וועסטו בײַ מיר מאָרשן,
נאָכגײן וועט אַן עולם,
אויפן פערד וועט מען דיך פירן
גלײַך צו דעם בית־עולם...

מיט שטראַלנדיקע פּנימער און פינקלדיקע אויגן האָבן מיר קונדסים אונטערגעכאַפּט:

לאָמיר זיך איבערבעטן,
זײַ זשע ניט קיין נאַר...
זײַ זשע ניט קיין נאַאַר...

שימעק האָט געלאַכט און געווישט די אויגן, ביז ער איז ענדלעך צוגעשטאַנען צו אונדז און זיך געלאָזט שפּילן אין איבערהאַקערלעך.

מיכלע קוזעל האָט גענומען וואַרפן גורל, ווער פון אונדז זאָל אָנהייבן די שפּיל:

אַני הלכתי בדרך
ופגע בי
איש חזק
ושמו קאָזאַק,
נאַהײַקע בידו
וחרב בצדו,
אָמר אלי:
דיענגי דאַוואַי,
שנאַפּס ניקאָלאַי,
ניט איינס ניט צוויי ניט דרײַ,
אַרויס ביסטו פון מײַן חדר פרײַ,
פון מײַן חדר ביסטו אַרויס...

— פע, האָט אויסגעשריען די בן־פקועהלע, דער גורל־וואַרפער איז אַ צו לאַנגער, לאָמיר בעסער וואַרפן גורל מיט „עריקעס און בעריקעס".

— און איך וויל וואַרפן גורל נאָר מיט „עגעטע פעגעטע" — האָט זיך פאַרעקשנט מאיר קאַצאַפּטשיק.

מאיר קאַצאַפּטשיק האָט גענומען וואַרפן צווישן אונדז גורל:

עגעטע פעגעטע
צוגעטע מע,
אַבעל פאַבעל
דאָ מענע.
איקע פיקע
גראַמאַטיקע,
זאַיען באַיען
אָנץ פיאָנץ!

— קינדער, לאָמיר וואַרפן גורל מיט „אָני גראַדע“, האָט מיט אַ קוויטשיקן קול אויסגעשריִען שטשור פון זאָווערמילך.

פייסי זשערעבטשיק, אויגנווייטיק, יאַכנפּליאַסטער האָבן אונטערגע־כאַפּט: אָני גראַדע איז אַוודאי בעסער...

פייסי זשערעבטשיק האָט גענומען וואַרפן צווישן אונדז גורל:

אָני גראַדע
זאַטשע מאַדע
טשעטירע פּאַני
זאַ קאַזאַני
פּראָטש פּראָטש
רחום רחום
טײַטש לאמור
מיקל טשאָם
יידל יידל, באָם
אין דרויסן פליט אַ הייסע פלאָם.

— שאַט, איך האָב אַ בעסערן גורל אויף יידישקייט אין טשערנאָבל:

איינס צוויי דרײַ
אודער לודער לײַ
אָקום באָקום
ביידע גלאָקום
צירל, פּערל דוקס!

דערזען, אַז מען קען דאָ ניט דערגיין קיין טאָלק איז וויזעלע געפאַלן אויף אַן אײַנפאַל:

דו ווילסט מיט „עגעטע פּעגעטע“, ער וויל „עריקעס און בעריקעס“, דו ווילסט „איינס צוויי דרײַ“. — אפשר וועלן מיר וואַרפן גורל אויף די גורל־וואַרפערס אַליין און אויף וועלכן גורל־וואַרפער ס'וועט פאַלן, מיט דעם גורל וועלן מיר וואַרפן איידער מיר הייבן אָן די שפּיל. וויזעלע האָט זיך אַוועק־געשטעלט מעשה אָפּיציר און וואַזשנע אויסגערופן:

— פייסי זשערעבטשיק, מאיר קאַצאַפּטשיק, בן־פּקועהלע, יאַכנפּליאַס־טער, אויגן־ווייטיק, סטאַנאָוויס!.. איך וואַרף צווישן אײַערע גורל־וואַרפערס מיט אַ קורצן גורל־וואַרפער:

ענע בענע רעטש
קווינטע קווינטע זשעטש
ענע בענע ראַבע
קווינטע קווינטע זשאַבע!

דער גורל איז געפאַלן אויף דעם גורל־וואַרפער „עריקעס און בעריקעס“.

בן־פּקועהלע האָט זיך גענומען טײַטן אויף אונדז מיט זײַנע דינע פינגער:

עריקעס און בעריקעס
און קראַדענע פּלי
עפּצי לעפּצי דאַר פּעטרי
פּעטרי וויצי
זיבענע שפּיצי
אַקום באַקום
גענדזעלע גלאַקום
אַטשקום טשאַטשקום בראַד!

דאָס וואָרט „בראַד" איז אויסגעפאַלן אויף מיר. הייסט עס, אַז איך דאַרף אָנהייבן די שפּיל. און איך האָב אָנגעגורט מײַנע לענדער און מיט אַן אימפּעט זיך געלאָזט איבערצוהאַקן די געשלאָסענע דאַרע הענטלעך פון דער מחנה פון יהודה, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט אַזוי שטאַרק ווי איך האָב גערעכנט. דערפאַר טאַקע בין איך געפאַלן אויף אַ בוים און זיך צעקרעלט דעם שטערן. אַ פאַרצווייפלטער האָב איך זיך געלאָזט אַהיים.

— אַ ווייטיק איז מיר — האָט מײַן מומע אויסגעשריען — ווער האָט דאָס דיר צעביסן דײַן שטערן?

— איך האָב זיך צעביסן מײַן שטערן — האָב איך געשטאַמלט.

— בריה מײַנער, ווי אַזוי האָסטו געקענט דערלאַנגען מיטן מויל דײַן שטערן?

— איך האָב זיך אָנגעשטעלט אויף אַ קלאָץ, האָב איך זיך גאַנץ פאַרענטפערט אין פאַרלעגנהייט.

— האָרכסטו — האָט מײַן מומע שוואַרץ-נביאות געזאָגט דעם טאַטן, — דו וועסט זען וואָס פאַר אַן אכבריישניק עס וועט אויסוואַקסן פון אָט דעם קליפּהניק; עפּעס דער שוואַרץ-יאָר ווייס וואָס... פאָלג מיך, לאָמיר אים אַרײַנגעבן צו אהרן דעם מיידלשן לערער, דאָרט וועט ער לפחות זיך ווייניק שליאָען מיט דער באָסע קאָמאַנדע...

אהרן דער מיידלשער לערער האָט מיך אָנגעהויבן לערנען יידיש פון דעם „שיר גרוס" (שורה גרוס) אויף „וואַסער-כתב" (כדי אויסאיבן די האַנטשריפט פלעגט מען אָנצייכענען דעם „שיר גרוס" מיט װ אַ ס ע ר ד י ק ע טינט דער שילער זאָל מיט געוויינלעכע טינט אויספילן דעם וואַסער-כתב). דער העכסטער קלאַס האָט שוין זיך ניט געניטיקט אין דעם „וואַסער-כתב" — אָדער ווי מ'פלעגט עס רופן „גאַנג-וויגעלע" און געשריבן, אונטערלייגנדיק אַ „טראַקסע" (טראַנספּאַראַנט).

און געשלעפּט האָבן זיך טעג און געקומען זײַנען טעג, ביז איך האָב דערהערט מײַן מומען רעדן צום טאַטן:

— האָרכסטו, אהרן דער מיידלשער לערער זאָגט, אַז דאָס קינד האַלט שוין, אָן עין-הרע ניט, בײַ איבערגיין אין חדר צום מלמד. אפשר ביסטו גערעכט געווען אים אַרײַנגעבן אין חדר צום באַרדיטשעווער ליטוואַק?

— פון מײַנעטוועגן אַפּילו מאָרגן!

אויפֿן צווייטן טאָג האָט מײַן „עטנאָגראַפּישע" מומע גענומען אַן איי און איבערגעקײַקלט איבער מײַן פּנים מיט די ווערטער: „אַזוי ווי די איי איז פֿול, אַזוי זאָל זײַן מײַן קינדס קעפּעלע פֿול מיט תּורה וגדולה. אָמן סלה".

דער באַרדיטשעווער ליטוואַקל ליטוואַקל האָט מיט אַ ליטוויש־קלוגיטשקן שמייכעלע מיר אָנגעשריבן אויף לשון־קודש די דאָזיקע „פּאָעזיע":

אָנסה את הנוצה,
אם תלך במרוצה.
אם במרוצה תלך,
אכתוב כתב למלך;
ואם לא תלך במרוצה,
אשליכנה החוצה.

און מיר געהייסן עטלעכע מאָל איבערשרײַבן און אויסחזרן, געבנדיק מיר אָנצוהערן, אַז אין גיכן הייבט ער אָן מיט מיר לערנען חומש מיט טײַטש.

מײַן דרשה פֿאַר חומש לערנען

דער רבי האָט מיך אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש מיטן פּנים צום עולם און אָנגעהויבן מיטן נוסח:

— נו, יינגעלע, זאָג.

א י ך: ויקרא ה׳ אל משה און ער האָט גערופֿן צו משהן.

ר ב י: ווער האָט גערופֿן: דער באָד־גוי אין באָד אַרײַן? דער שמש אין שול אַרײַן?

א י ך: ניין... גאָט האָט גערופֿן צו משהן.

ר ב י: צו וועלכן משהן? צו משהלע הינדע־רחלס? צו משה דעם שאָרניק? אָדער גאָר צו משה מוניעס, וואָס שערט אַ „פּאָלקע" און שפּילט אַ קאָזאַטשקע אין ספירה?

א י ך: ניין... צו משה רבינו אויפֿן באַרג־סיני.

נאָך דער „דרשה" האָט מײַן רבי, ווי אויך די געסט, מיך „גענומען אויפֿן צוקונדער", פֿאַרשיטנדיק מיך מיט די כאַראַקטעריסטישע שאלות אויף דעם שלאָגוואָרט „וואָס איז דאָ קשה?"

דימערער לצים האָבן געהאַלטן אין שיטן פֿונעם אַרבל, ניט רעכע־נענדיק זיך מיט דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק:

פּסח הענזעלע האָט נעדאַרפֿט אַרײַנפֿירן מיטוואָך פֿרײַטיקן אַ ברייטן וואָגן האָלץ דורך אַ שמאָלן טויער. האָט ער אָנגעטאָן פֿאַרגרעסער־ברילן און געקוקט נאָר אויף דעם טויער. וואָס איז דאָ קשה?

— שוין אַ יאָר, אַז ליבע די קורלאַפּניטשקע איז אַן עגונה. אין מיטן דערינען האָט אהרון דער פּישער געבראַכט אַ דערטרונקענעם פֿונעם דניעפּער, האָט זי באַלד דערקענט, אַז דאָס איז איר פֿאַרפֿאַלענער מאַן חיה־שרה די

שוואַרצע, אַ סימן, זאָגט זי, אַז ער איז געווען אַ שטאַמלער. וואָס איז דאָ קשה? —

קריוואָשייקע האָט געטרונקען מיט זײַן שווער קריוואָרוטשקע: לחיים שווער זאָלט איר לעבן. וואָס איז דאָ קשה!

זומער לעבן איז הייס, ווײַל ווינטער הייצט מען די אויוונס אַ סימן זומער אַז מ׳הייצט ניט איז אום ווינטער קאַלט. וואָס איז דאָ קשה?

— אַ ייִנגעלע האָט געפרעגט בײַ זײַן מאַמען: אַז מען וויל אויפהערן צו מעלקן די בהמה ווי אַזוי פאַרדרייט מען זי? וואָס איז דאָ קשה?

שימעק עליע בורנקיפקער

פאַראַן פנימער אויף וועלכע ס׳איז אָנגעשריבן: האָב מיך ליב, צו אַזעלכע האָט געהערט אין מײַן „כּיתּה״ שימעק דער יתום, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן בײַ זײַן זיידן עליע בורנקיפער. צו אים בין איך צוגעבונדן געוואָרן, ווײַל ער איז געווען אַ קוואַל פון פאָלקסלידער און האָט זיי מיר באַליבט געמאַכט. אייביק, אייביק וועל איך ניט פאַרגעסן זײַן בלאַסן פנים, פאַרחלומטע און נאַסלעכע אויגן. קיינער, קיינער האָט ניט פאַרמאָגט אַזוי פיל לידער.

פאַרנאַכט נאָכן חדר פלעגן מיר זיך פאַרקלײַבן הינטער די מילן, און שימעק פלעגט אָנהייבן זײַנע טרויעריקע יתומים-לידער, פון וועלכע מיר איז פאַרבליבן אין זכרון:

„אַ שעפעלע אָן אַ פאַסטעך
איז דאָך זייער ביטער,
אַזוי איז ניט גוט
אָן אַ פאָטער און מוטער״...

איך האָב גוט געקאָנט זײַן יתומים-„רעפּערטואַר״:

— שימעק, נו, און בעכן-טרערן...

שימעק האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און פיבערהאַפט אַ גלאַנץ מיט די אויגן:

אַפן באַרג שטייט אַ באַרג,
זי טוט מיט איר פאַרברומען;
כ׳האָב געהאַט אַ גוטן פרײַנד
און קאָן צו אים ניט קומען...
בעכן טרערן טוען זיך
פון מײַנע אויגן רינען,
כ׳בין געבליבן ווי אַ שפּענדעלע
אַף דעם וואַסער שווימען...
טײַכן טרערן טוען זיך
רינען פון מײַנע אויגן,
איך זאָל האָבן פליגעלעך
וואָלט איך צו איר געפלויגן...

שימעק איז געווען מײַן נאָענטסטער חבר, הגם איך בין געווען דער היפּך פֿון אים: שימעק אַ טרויעריקער, אַ שטילער, מיט טרוימערישע אויגן, איך אַ שטיפֿער, וואָס האָט שוין דאַן געציילט צענדליגגער נעמען: מזיק, דיבוק, ספּירט, קליפּהניק, סטאַטיק, תּכשיט, תּנא, קוועקזילבער, שלאַק, פּורעניות, אַ קינד ווי אַ שד, פּריטשעפּע, אָנשיקעניש, כּל־בוניק, שיבעניק, מה־יעשהניק, וויזעלע, אַכבריישניק, וואָס צוליב מאַנגל אין פּלאַץ און עניוות פֿונעם מחבר מוז פֿאַרקירצט ווערן דער סופּלאָזיקער צעטל פֿון די נעמען, מיט וועלכע מ׳פֿלעגט באַקריינען דעם שרײַבער פֿון די שורות. ס׳איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אַפֿילו דער ערל טערעשקע, אונדזער שבת־גוי, קלאַפּנדיק זיך מיטן פֿינגער אויפֿן שטערן, פֿלעגט מאַכן האַלב יידיש האַלב רוסיש: שמינדריק, גרויסער תּכשיט, וועליקי קאָפּ, אוי ווײַ מיר...

אויף קאָפּירן און נאָכקרימען יענעם בין איך געווען טאַקע אַ בריה. האָט אַ ליטווישער מגיד געהאַלטן אַ קאָמיש צוויידײַטיקע דרשה, אַזוי פֿלעג איך נאָכמאַכן און מסביר זײַן דעם עולם:

דער וואַלד איז די וועלט, דער בער איז דער יצר־הרע, דער יעגער בין איך און די גרויסע מיט די קליינע הינטעלעך זענט איר, רבותי...

מײַן מומע פֿלעגט פֿאַרבאָרגן אַ שמייכעלע אין איר לײַטישן גוידער, איבערקוקנדיק זיך מיט יענעם:

עפּעס אַ דיבוק האָט זיך אינעם קינד אַרײַנגעכאַפּט...

ס׳האָט ניט געהאָלפֿן קיין קוויטל צום רבין, אַדרבא, בשעת דער האָרנאָסטײַפּאָליער רבי איז אײַנגעשטאַנען בײַ אונדז אין שטוב, האָט זיך צו מיר געווענדט חײַקל דער האָרעפּאַשניק: פֿאַראַיאָרן שמחת־תּורה, ווען איך בין נאָך ניט געווען קיין בעל־עגלה, האָט דער חזן געהאַלטן די שמחת־תּורהטשקע פֿאַר די פּיסעלעך און האָט זיך געקרוזשעט איבער אַלע מעסטעטשקעס און אַלע יידן מיט די קישעלעך: דערלעבט איבער אַ יאָר! און איך זיי אויף לשון־קודש: גאַמאַטעם! גאַמאַטעם! איצט בין איך ווידער אַ בעל־עגלה און מיר איז שווער אויפֿן לשון־קודשדיקן באַרג; דו ביסט דאָך עפּעס אַ למדן, שרײַב מיר אָן, זינו, אַ קוויטל דעם רבין, אַז מײַן שקאַפּע זאָל שוין מער ניט חולה זײַן.

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר זײַן ביטע און אים גלײַך אָנגעשריבן אַ קוויטל מיט אַ בקשה, אַז דער האָרנאָסטײַפּאָליער רבי זאָל זיך באַמיען פֿאַר דער פּמליא של מעלה, אַז שקאַפּע בת חײַקל זאָל האָבן אַ רפֿואה שלמה.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז פּעטש, קלעפּ, בוכענצעס און סטוסאַקעס זײַנען געפֿלויגן אויף וואָס די וועלט שטייט, אַז איך האָב ממש דערזען פֿונקען אין די אויגן.

מײַן מומע האָט מיך געפּאַטשט ווי אַ משוגען קעלבל, ניט פֿאַרגעסנדיק דערבײַ מיך באַשירמען מיט אירע פֿרימכעס:

ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן, ניט צו דיר ריידנדיק!..

איך ווער אַ פאַרברענטער משכּיל *

... אויף פאַרשיידענע וועגן איז די השכּלה געקומען צו מיר. מײַן שוועסטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ קאַנעוון משכּיל.

אַלס משכּיל האָט ער זיך גערעכנט, ווײַל... ער איז געגאַנגען אין אַ סורדעט ביז די קניעס און געטראָגן אַ מאַנישקע מיט אַ שוואַרצע טאַשמע; דערצו נאָך האָט ער געטראָגן אַן אַכטקאַנטיקע קעסטלדיקע היטל מיט אַ קנעפּל פון אויבן, און דאָס איז דאַן געווען די והותר...

דאָס ערשטע השכּלה־ביכל מיט וועלכן מײַן שוואָגער האָט געוואָלט מיך „אַראָפּפירן פונעם וועג" איז געווען דעם מלבּימס „פּאָעזיע" אונטערן קעפּל „משל ומליצה". אמת טאַקע, אין דעם ספרל איז געווען מער קאָפּ־אַרבעט ווי האַרצאַרבעט, מער מלאכה ווי קונסט, מער זיצפלייש ווי טאַלאַנט, אָבער קיין גרויסער מבין בין איך ניט חוץ דעם האָט דאָס קליין ביכל, אַלס „אומלעגאַלס", גערייצט מײַן יונגע פאַנטאַזיע און דערוועקט אַ חשק און אינטערעס צו אַזעלכע „פאַרדעכטיקטע" ביכלעך.

גאַנצע נעכט פלעג איך הינטער פאַררינגלטע טירן שלינגען העברעיִשע געשמאַקלאָזע אומגעלומפּערטע בבא־מעשיות ווי שמר"ס העברעיִשע ראָמאַנען „הנדחת" און „מות ישרים", וואָס זײַנען געווען דאַן געוואַלדיק פּאָפּולער, ווײַל... „זיי רופן אַרויס טרערן", הגם דעם זעלבן טאַלאַנט באַזיצט אויך די מינדסטע ציבעלע ווי דער „העכסט אינטערעסאַנטער" ראָמאַן־מאַכער.

ענדלעך איז צו מיר אַרײַנגעפאַלן פּרץ סמאָלענסקיס „התועה בדרכי החיים", וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפן רושם. ווי הײַנט געדענק איך נאָך די צײַט און אומשטענדן בײַ וועלכע איך האָב געלייענט דעם אייגנאַרטיקן פּובליציסטישן ראָמאַן.

סליחות־צײַט איז עס געווען. מיט גרויס אומגעדולד האָב איך אָפּגע־וואַרט, ביז מײַנע עלטערן זײַנען אַוועק אין שול אויף „זכור ברית". פאַרזיכטיק האָב איך זיך פאַרשפּאַרט און אָנגעהויבן דעם „התועה", וואָס רעדט אַרום ברייטלעך פאַרשיידענע יידישע לעבנס־פּראָבלעמען. געדאַנקען וועבן זיך. פאַר די אויגן שוועבן בילדער. פון אַלע זײַטן שווימען מחנותווײַז: „נאורים" ישיבה־בחורים, חזנים, משוררים, בטלנים, רעזאָנערן, „כאַפּערס", אָדער גאָר אַ באַנדע פון געלט־אויספּרעסערס, ווי גאָטס סטראַפּטשעס, צדיקים, מוסרים, „בוערים", „עטלפים" און „מורדי אור". — אָ, די מורדי אור! זיי ליגן מיר אין לעבער. ווען איך קען זיי אַוועקשטעלן קניען הונדערט טעג און הונדערט נעכט אויף קײַלעכדיקע פּאַסאָליעס!..

---

* צוליב טעכנישע סיבּות און טעמים פון אייגנהייטלעכן קאָלאָריט איז די גרויסע אויטאָביאָגראַפיע אין „שריפטן פון אַ יידישן פאָלקלאָריסט" שטאַרק געקירצט דורכן מחבר, וועלכער לאָזט דורך די קאַפּיטלען וועגן זיין פערזענלעכן לעבן ווי אויך זיין אַמאָליקן קאַמף פאַר אַ בעסערן לעבן: ווען דו ווילסט אויפלעבן יענע הערלעכע און שטאָלצע צייטן, זעסטו זיי דורך טרערן...

.. קאַפּיטלעך לויפן נאָך קאַפּיטלעך, זיי פּײַניקן מיך. עפּעס ניט אַזוי גרינג קומט מיר אָן סמאָליענסקעס ראָמאַן, ווי דאָסטאָיעווסקיס אויסטערלישע טיפן.

...אין דרויסן איז סליחותדיק, האַרבסטיק. ביימער רוישן, רוישן. דער רעגן פּליסט אַראָפּ פון די שויבן ווי טרערן. עס איז שוין שפּעט בײַנאַכט. אין שטוב איז שטיל, נאָר דער זייגער, דער אַלטער זייגער שעפּטשעט, שנאָרכט, קרעכצט, אָנגעהאָרעוועט האָט ער זיך, ער האָט געמאָסטן די נאַכט ביז דער גסיסה...

צווישן די קאַפּיטלעך „פּח יוקשים״ און „אחרית התועה״ איז אויסגע־גאַנגען די נאַכט. אין דרויסן איז שוין בלוי... מײַנע צערודערטע נערוון און פאַרפלאָמטע אויגן האָבן ניט באַמערקט ווי אין מײַן צימער איז מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן. גלײַכצײַטיק האָבן זיך אַזוי פאַררעטעריש אַרײַנגעגליטשט די שטראַלן פון דער השכלה צווישן דעם בילד פון „כותל המערבי״ און מײַן זיידנס ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווערס ספר „קדושת לוי״, וואָס מײַן מומע האָט באַקומען בירושה פון „מאירקע מײַן זון״ אַלס קמיע פון דער כפירה רחמנא ליצלן.

ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט די „קמיע״ זיך געמוזט אונטערגעבן סמאָליענסקיס ראָמאַן. נאָכן „התועה״ האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַן אומרו. ווי בייזע רוחות בעת אַ לבנה־נאַכט אין אַ פאַרלאָזענעם שלאָס, אַזוי האָב איך זיך געטראָגן איבערן צימער. מײַנע יונגע געדאַנקען האָבן זיך געשלאָגן ווי אַ כוואַליע אָן אַ פעלז. הייסע פיבערהאַפטיקע טרוימען האָבן מיך אַרומגערינגלט. וויפל שלאָפלאָזע נעכט בין איך אָפּגעזעסן אין געדאַנקען פאַרטיפט און געוועבט אַ פאָדעם צו אַ פאָדעם דעם געוועב פון אונדזער קינדפטיקן לעבן דאָרט אויף דער פרײַ... אין אַ פּאָר טעג בין איך שוין געשטאַנען און געפּריידיקט פאַר משכילים־קרײַזל סמאָליענסקין.

איך כאַפּ אויף איינצלנע צעשוווּמענע פראַזעס, וואָס זײַנען מיר פאַר־בליבן אין זכרון:

...אַוודאי, ווען דער גרויסער חוזה און מוכיח פרץ בן־משה וואָלט לעבן אין די נביאים־צײַטן וואָלט דער „התועה״ אײַנגעשלאָסן געווען אין תנ״ך...

...„דער טינט, מיט וועלכן דער מחבר האָט געשריבן זײַן „התועה״, איז בלוט פון די קדושים״...

„...סמאָליענסקי מאַכט אין זײַן „התועה״ דעם אײַנדרוק פון אַן אומערמידלעכן קעמפער, וואָס טראָגט פײַער אין האַרצן פון די לייענער און צו גלײַכער צײַט פילט איר די קעלט פון אַ מעסער, וואָס איז אַרײַנגעזעצט אין אײַער גלויבנדיקן האַרצן״...

און ווײַטער:

...„די שטרעבונג צו דער אַבסאָלוטער פרייהייט דורך השכלה איז דער גאָלדענער לייטער. אויף וועלכן דאָס האַרץ שטייגט צום הימל״...

איך האָב גערופן צום קאַמף קעגן די צבועקעס, געפאַרבטע פויגלען, וצדקתכם, קעגן די פני און זייער משרת, קעגן דעם רב מחמיר, קעגן די קהלשע קליאַמקעס, דעפּוטאַטן פון דער מיעשטשאַנסקער אופּראַווע און בעל־טאַקסע, וואָס פרעסט פלייש פון די אָרימעלייט און פאַרטרינקט מיט זייער בלוט; איך האָב גערופן צום קאַמף קעגן דער פּאָליציי, וואָס שטעלט זיך אויף דער זייט פון די קהלשע מאַכטהאָבער און פּינצטערע קליקע, — צום קאַמף קעגן דער פּאָליציי, און זיך ניט שרעקן פאַרן סוף.

ווייל:

„בעסער אַ שרעקלעכער סוף איידער אַן אומענדלעכע שרעק פון אַזאַ פאַרשקלאַפטן יידישן לעבן״...

און נאָך אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען האָב איך אַרויסגעזאָגט אויף מיין ערשטער אומלעגאַלער „מאַסווקע״. צי די יוגנט האָט מיך איגאַנצן פאַרשטאַנען, קען איך ניט זאָגן. ווען דער שרייבער פון די שורות זאָל מיר געבן אַ וואָרט, אַז ער וועט זיך אויף מיר ניט באַליידיקן, וואָלט איך זאָגן, אַז נאָר איינער האָט אים פאַרשטאַנען און דער איינער האָט אים אויך ניט פאַרשטאַנען... אפשר ווייל דער רעדנער איז געווען ווייט פון דעם אידעאַל פון אַן איצטיקן פּאָליטישן אַגיטאַטאָר, וואָס פּאַסט זיך צו צו זיין מאַסע.

הינדע-רחל די שעלטערקע

... דאָס שטעטל איז געווען אויפגעטרעסלט פון די פיינדלעכע „קוויטלעך״ קעגן דעם רב און סטאַנאָוואָי, וואָס די „דעמאָקראַטן״ האָבן אויפגע־קלעפּט אין בית-המדרש. דאָס שטעטל האָט גערודערט און אין מיטן מאַרק האָט זיך באַוויזן „הינדע־רחל די שעלטערקע״ און געשאָטן מיט קללות און חרמות:

— מיין טאַטע אין זייערע יאָרן האָט עטלעכע פּאָר תכריכים צעריסן.
— באָדן זאָלן זיי זיך אין קאָראָטקע וועג.
— כף-הקלע זאָל זיי וואַרפן.
— פּראַפּצעגנט זאָלן זיי שטיין.
— אַרויסשלעפּן ביי זיי די קישקעס פון בויך און אַרומוויקלען זיי אַרום האַלדז.
— אַ קלאָג אין זייערע פּאַדלע קישקעס.
— מגולגל זאָלן זיי ווערן אין אַ הענגלייכטער: ביי טאָג הענגען און ביינאַכט ברענען.
— ברענען זאָלן זיי אָן סטראַכאָווקע.
— יעדן טאָג פרעגן ווי איז היינט דאָס וועטער אין דרויסן.
— אַלצדינג זען און ניט קענען קויפן זיך.

— פּרעהס מכּות באַשאָטן מיט איובס קרעץ.

— בעסער וואָלט אויף זייער אָרט אַ שטיין אַרויס פון זייער מאַמעס בויך.

— די באָבע זאָל געכאַפּט ווערן. וואָס האָט זיי אָפּגענומען.

— שפּאַלטן דעם בריקל אויף צוויי טיילן און אַרײַנרוקן די ציצעליסטן דורכן מויל אין בויך אַרײַן זיי זאָלן פּלאַצן.

— אַ גרויסן געשעפט זאָלן זיי האָבן מיט סחורה, וואָס זיי האָבן זאָל מען בײַ זיי ניט פרעגן און וואָס מ׳כרעגט זאָלן זיי ניט האָבן.

— צען שיפן מיט גאָלד זאָלן זיי פאַרמאָגן און דעם גאַנצן גאָלד זאָלן זיי פארקרענקען.

— אויפשטעלן זיי אויפן קאָפּ אַ פולן טאָפּ מיט כּנים און אָפּהאַקן זיי די הענט, זיי זאָלן ניט קאָנען זיך אָנקראַצן.

— מיט אש און מיט מים אויף דעם אַלטן בית־חיים.

— וויפל זיי זײַנען געגאַנגען אויף די פיס זאָלן זיי גיין אויף די הענט און די איבעריקע זאָלן זיי זיך שאַרן אויפן הינטן.

— אין זומערדיקע טעג זיצן שבעה און ווינטערדיקע נעכט — זיך רײַסן אויף די ציין.

— הונדערט הײַזער זאָלן זיי האָבן, אין יעדער שטוב צען צימערן, אין יעדן צימער צוואַנציק בעטן און קדחת זאָל זיי וואַרפן פון איין בעט אויף דער צווייטער. —

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רעדל — האָט זיך געוויצלט „יאָסעלע פּאָמעניצע״ – מ׳טיילט דאָ רעטשאַנעק?

— „אַז אָך און וויי צו דער דרגא, אַז מ׳מאַכט שוין די מאַניפּאַרגע״— האָט הינדע־רחל בייז געענטפערט.

צווישןביידע איז פאָרגעקומען אַ דיאַלאָג אין שפּריכווערטער:

— „ס׳איז אַ פּיסקל פון אַ שור הנסקל״.

— קוק אים נאָר אָן „אַליין שפּילט ער און לייגט צו דעם אויער״ וועגן דעם רב...

— אוי, זאָגט ער, „מי בחרב ומי ברעב, ווער זאָל נכשל ווערן דורכן שווערד און ווער דורכן רב״...

— „אַ פליי קאָן זיך אויך בײַסן״, „דעה טאַטעטשקע מיט די ביינער האָט דיר געלאָזט גריסן״.

— „איר מעגט זיין בייז, אָבער דעם טאַטן באַהאַלט״.

— „טי מעניאַ רוגאַל איז קיין טענה ניט״, „אַז מ׳וועט האַלטן בײַ שמײַסן וועט מען פאַרוואַרפן שמיץ״...

איך מאַך פּליטה אַפילו אָן נעגל־וואַסער

... מײַן מומע איז אַרײַנגעפאַלן, ווי אין אָרון־קודש, צום טאַטן אין צימער מיט אַ מענה־לשון:

— דאָס ערשטע מאָל זע איך, אַז אַ טאַטע זאָל אַזוי מפקיר זײַן זײַן מוזיניק! גיי הער וואָס די וועלט רעדט, — אַ וועלט איז ניט משוגע, אַ וועלט איז ניט חסר־דעה...

— אָבער וואָס זאָגט די וועלט דײַנע? — האָט דער טאַטע אומגע־דולדיק געפֿרעגט.

— אין שטאָט רעדט מען, אַז דער תּכשיט דײַנער איז אַ פּאָעט...

— אפשר הייסט ער בײַ זיי דערפֿאַר פּאָעט, ווײַל ער שרײַבט זיי טאָקע אַדרעסן קיין אַמעריקע?..

— בראש האַלטסטו אין איין וויצלען זיך און לאַכן. מיט דיר איז אויסגעקומען דאָס ווערטל: „טאַטע, דו לאַכסט, אַז אָך און ווי איז צו דײַן געלעכטער". צוליב אַזעלכע ווערטלעך ביסטו קאַפּאַל (קאַפּאַבל) מקריב זײַן דײַן קלענסטן קינד אויף דער עקידה...

אַזוי ווי מײַן פֿרײַדענקענדיקע מומע איז געווען אַ קעגנערין פֿון קרבנות און אַזוי ווי איך בין גלײַך אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט, האָט זי זיך געלאָזט צו מיר מיט אַ רעוויזיע אין מײַן צימער. דאָרט האָט זי געכאַפּט אַ גראָבן רוסישן בוך און עס אַוועקגעטראָגן צו בענציען דעם שרײַבער מיט צוויי צעקעמטע באַקן־בערד אין דער ברייט, וואָס האָט אים געגעבן די צורה פֿון אַ געוועזענעם אונטער־אָפֿיציר. בענציע דער שרײַבער האָט אָנגעזאָטלט זײַן רויטע נאָז מיט בלויע שפּאַקולן (אַ דימערער שפּריכוואָרט: „אַ קאָזאַק אין בלויע הויזן פֿאָרט רײַטנדיק אויף אַ רויטער שקאַפּע — בענציע דעם שרײַבערס שפּאַקולן אויף זײַן נאָז וואָס איז דאָס?") און האָט איר ערקלערט, אַז דאָס גויִש בוך הייסט כ ר ע ס ט אָ מ אַ ט י ע און באַטײַט בײַ די ג ע צ ל מ ט ע מ אַ מ ע...

מײַן מומעס ערשטע רעוויזיע האָט שפּעטער אויסגעהאַלטן הונדערטער „אויפֿלאַגעס"... די ערשטע רעוויזיע דורכן סטאַנאָוואָי איז אָבער ניט צושטאַנד געקומען, ווײַל ער האָט מיך „ניט געטראָפֿן":

ווי באַקאַנט איז דעם סטאַנאָוואָיס נשמה אויך ניט קיין ראָזינקע, אפשר צוליב יידישע געפֿילטע פֿיש, חלה, פֿלוימען־צימעס און כּרמל־ווײַן? אַלס כּפוי טובה איז ער געקומען גאַנץ פֿרי און אײַנגערוימט מײַן טאַטן אַ סוד, אַז ער האָט אַ באַפֿעל פֿון די קיִעווער זשאַנדאַרמען צו מאַכן בײַ מיר אַ רעוויזיע, גלײַך מיך אַרעסטירן און אָפּשיקן קיין קיִעוו. דערום — האָט דער פּריסטאַוו געזאָגט — איז גלײַכער, אַז איך זאָל זיך תּיכּף ומיד אָפּטראָגן נאָך ביז זײַן רעוויזיע, דאָס הייסט, אַז ער האָט מיך ניט געטראָפֿן, דאָס הייסט...

שנעל האָט מײַן מומע פֿאַרפּאַקט עסנוואַרג ס'זאָל מיר קלעקן ביז באַרדיטשעוו, און ווישנדיק אירע פֿאַרוויינטע אויגן האָט זי אַפֿילו אין אַזאַ עת צרה ניט פֿאַרגעסן אָן אירע באַבסקע סגולות און פּרימכעס, זאָגנדיק מיר בײַם געזעגענען זיך מיט מיר: גיב איבער דעם פֿעטער מאָשקעלען, אַז איך

האָב אים געבעטן, ער זאָל זיך משתטח זײַן איבערן הייליקן אוהל פון אונדזער זיידן „קדושת לוי", און ער זאָל למען השם אויסטריקענען די ווילדע גראָזן, וואָס וואַקסן לעבן קבר, און אַז דו וועסט טראָגן די טרוקענע גראָז אין אַ זעקעלע אויפן האַלדז וועט דער גזר מירצעשעם בטל ווערן.

* * *

... ס'איז געווען אַ העלער פרימאָרגן ווען דער וואָגן האָט מיך געטראָגן איבער די גרינע פעלדער צום דניעפּער. דער וועג איז געלאָפן און געשאָטן מיט בלומען, וואָס האָבן געקוקט מיט פאַרווונדערונג אויף מיר און מײַן גלות־פראַווען.

פאַסן גאָלד האָבן זיך געצויגן פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן, — דאָס זײַנען די גאָלדענע חלומות וואָס פלאַטערן אין דער לופט און זינגען און ציִען דאָס האַרץ. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז די זון איז פון אמתער גלײַכ־הייט, מענטשלעכער גרויסקייט פון דער פרײַהייט, — אָט דער רעליגיע פון יענער צײַט...

* * *

רויִק איז געלעגן די שיינע אוקראַיִנישע טײַך. אַ קלאָרע ווי אַ שפּיגל. דער בלויער הימל האָט גערוט אין אירע קילע אָפּגרונטן. ציטערדיקע רעגנ־בויגנס פון דער זון האָבן פאַרשפּרייט איבערן דניעפּער ווי פאַרביקע בריקן פון איין עק צום צווייטן, און אַ רויטער שימער איז געלעגן אויף אים ווי אַ ליבער שמייכל...

... דער הימל, די כוואַליעס פונעם דניעפּער זײַנען אַ טייל פון מיר, פון מײַן נשמה און יונגע טרוימען, ווי איך פון זיי...

* * *

היטנדיק האָב איך זיך דערשלאָגן פון האַפן ביזן קיִעווער וואָקזאַל.

... עס רוישן די רעדער, די נאַכט האָט זיך צוגעפּרעסט פון דרויסן צו די פענצטער מיט איר פײַכטער ברוסט. דאָס ליכט אין ווינקל צאַנקט איינזאַם און טרויעריק ווי דאָס לעבן פון אַ פאַרוואָגלטן מענטשן. אַ שטוביק שווערע פינצטערניש וויגט שטיקערווײַז און פלאַטערט אין אַלע זײַטן, און די פענצטער קלינגען און קרעכצן אין שטילן קומער...

ווער בין איך און וואָס בין איך? — האָב איך גענומען מאַכן אַ חשבון־הנפש: אַ משכּיל? אָבער איך בין דאָך אַ סאָציאַליסט. אַ סאָציאַליסט? אָבער איך בין דאָך אַ פאַרברענטער משכּיל. בין שטאַרק צוגעבונדן צו דער העב־רעיִשער ליטעראַטור? איז עס ניט קיין סתירה? ווער בין איך און וואָס בין איך? — בין איך פון זיך אַליין ניט אָפּגעשטאַנען און געבליבן ניט צופרידן פון דעם יידישן אינטעליגענט, וואָס טראָגט אין האַרצן דעם אייביקן ריס, ווערט געוואָרפן און געשלײַדערט אין קאָנוווּלסיעס צווישן די ברעגעס פון גרויסן ים, וואָס טיילט אָפּ די אַלטע יידישע וועלט און נײַע...

איצט, ביים שיין פון פאַרגאַנגענהייט, באַזונדערס פון דער געגנוואַרט, פאַרשטיי איך, אַז איך בין דאַן געווען ניט מער ווי דער עסטעט, וואָס ווערט צוגעצויגן צו אַלץ וואָס איז נאָר שיין, אָנהייבנדיק פון די לובאַוויטשער ניגונים ביז די רעוואָלוציאָנערע לידער אין קאַמף מיט די שוואַרצע באַנדעס פּאָגראָמשטשיקעס...

* * *

צווישן קאַזאַטין און באַרדיטשעוו הייבט אָן דער ניי־געבוירענער טאָג פאַנאַנדערצופּעפנען זיינע ליכטיקע אויגן און דאָס אויפוואַכנדיקע וועלדל ווערט פאַרצויגן מיט ראָז־פאַרבזקע פּאַסן!

— באַרדיטשעוו! — שרייט אויס דער קאָנדוקטאָר.

ווער ווייס, ווי לאַנג איך וועל זיך דאָ פאַרהאַלטן און ווען איך וועל קענען זיך אומקערן צוריק צו מיין ליבן „אַלקערל״, צו מיין שטעטל, וואָס האָט מיר באַליבט געמאַכט די יידישע וויצן, גלייכווערטלעך, שפּריכווערטער און לידעלעך, מיט וועלכע עס האָט דאַן געשפּרודלט און געשווימט מיין שטעטל?

דאָס שטעטל

דאָס קליינע שטעטעלע, ווו דער שרייבער פון די שורות איז אויפגעצויגן געוואָרן און פאַרבראַכט זיינע בעסטע יאָרן איז דער סאַמע נאָפּל צווישן די חסידישע שטעט מאַקאַרעוו, טשערנאָבל און האָרנאָסטייפּאָליע און האָט שטאָלץ געטראָגן דעם דל־גאהדיקן נאָמען „דימער״, וואָס אונדזערע לצים פלעגן דרינגען, אַז דער נאָמען זאָל זיך נעמען פון צוויי כשרע לשון־קודש־דיקע ווערטער: די־מר, וואָס באַטייט געגנוג ביטער.

שפּילן זיך און צערטלען מיט די שטעט־נעמען דורך קאַלאַמבורן און שפּילווערטער איז אין יידישן פאָלקלאָר ניט קיין נאָווינע.

אָט איראָניזירט די חסידישע שטאָט מאַקאַרעוו אויף איר „קאָנקורענטקע״: „ס׳איז דען טשערנאָבל? ס׳איז דאָך טשערנאָהיבעל״. טשערנאָהיבעל פאַרשווייגט ניט אַזאַ שטעכווערטל און „רייצט״ זיך: „מאַקאַרעוו איז מקרב אירע קרובים, אַבי דער מאַקאַרעווער זאָל האָבן וואָס מער מקורבים״. די פאַראָרעמטע פּאָניעוועזש גייט ניט אַוועק פונעם אמת און איז זיך מודה: „דערויף הייסט דאָך אונדזער שטאָט פּאָניעוועז, ווייל פה נבז״. ווילנע, וואָס איז ביי זיך עד היום גרויס מיטן „ווילנער באַלאַבעסל״ זאָגט מיט יראת־הכבוד: „מיט אַזאַ שטימע זיצט מען ניט ביי אונדז אין ווילנע״. די זעלבע שטאָט, וואָס גייט אויס פון אָרעמקייט, נויט און מאַנגל, שמייכלט ביטער: „ווילנער טויטע ריידן פול לעבעדיקער ווי וואַרשעווער לעבעדיקע״...

אַז וואַרשע וויל יענעם צואיילן, געפינט זי ניט קיין אַנדערן אויסוועג ווי צו מסביר זיין מיט שטעט — שפּריכווערטער: „ביז סטאַשעוו איז זיך מיישב ווערט ראַקעוו אויך אַ תקיף״. קאָרעץ פלעגט אין דער וועלט־מלחמה

שטאָלצירן: „איר האָט אַ מאָל געהערט, אַז אין קאָרעץ זאָל אויספעלן אַ קאָרעץ קאַרטאָפליעס?"

שעדלעץ, וואָס איז געוואָרן נאָך דער מלחמה אַ פּוסטקע, קלאָגט זיך: „מ'שטיינס געזאָגט, ווער איז געבליבן אין שעדלעץ? טאַקע נאָר אַ שד און אַ לץ". אַז מען ווערט באַעוולט פון אַ ראָדעמער זאָגט מען: „דרויף הייסט דאָך עפּעס ראַדאָם, ווייל רע-דם"... לוצק, זאָגט אויפן וואָלינישער דאָרפישן אַרט און שטייגער: „אין פינטשעוו טאָגט דער ד'יד (זיידע) איז שוין אויפן צענטן דאָרף". קאָוונע איראָניזירט איבער דער „ריישישער" תל-אביב: „אין טעלוויאָוו מאַכט מען אַ תל פון אַ גויש על פי הברה ספרדית". ווען עמעצער באַליידיקט זיך אויף אַ קאַלאַראַשן ייד, וואָס האָט זיך צעשריען אויף זיין גאַסט, פאַרענטפערט זיך דער קאַלאַראַשער ייד: דערויף הייסט דאָך ביי אונדז קאַלאַראַש, ווייל קול-רעש"... אַז דער פוס-אָרעמאַן בעט נדבות, זאָגן בענדינער יידן: בענדין איז אַ בן-דין און ווייל ניט וויסן פון קיין רחמנות".

בשעת דער וועלט-מלחמה, ווען גאַנץ דייטשלאַנד האָט אַרויסגע-פּירט ברויט, פלעגן די „אָסט-יידן" אויסטייטשן: „בערלין נעמט זיך פון בר לי אין"; שפּעטער ווען די הונגעריקע דייטשע זעלנער האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער פּעטער אוקראַינע און ווי די היישעריקן זיך גענומען אויסליידיקן די שפּייכלערס, פלעגן זיך יידן אין אוקראַינע אַזוי וויצלען: ווערליק דער אשכנזי איז בודק חמץ אין לאַנד, איז אַ מצווה מאַכן אויף אים די ברכה המוציא לחם מן הארץ"...

זשענעווע, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט איר פעלקערבונד, דיפּלאָמאַטישע נאָטעס און קאָנפערענצן, פּראָטעסטן און שלום-פּראָיעקטן איז: „זשענעווע נעמט זיך פונעם שורש ג נ ב ה"... אָדער: „לאָזאַן איז אַ רמז: לאָז זיין ערגער, אַבי אַנדערש"... בשעת דער וועלטקריג, ווען די רוסן האָבן אָפּגעטראָטן פון ליק איז: „ליק מאַכט: לויף יון קוריק".

די לעצטע שפּריכווערטער זענען אויס מער, ראַפינירט, אָדער איך וואָלט געזאָגט, ווי אַ פּאָליטישע סאַטירע, הגם פּאָלקלאָר איז אין עצם הומאָריסטיש און זעלטן ווען ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט סאַטירע. —

איך האָב זיך אָפּגענויגט פון דעם עצם ספּור המעשה — פון מיין ביאָגראַפיע, ווייל איך בין אויסן געווען ניט אַזוי דעם זאַמלער ווי די זאַמלונג.

למען האמת געפינט דער שרייבער פון די שורות פאַר זיין חוב צוצו-געבן, אַז בשעת דער טשערנאָבילער רבי איז דורכגעפאָרן דימער אויף זיין וועג קיין קיעוו, האָט ער אַ זאָג געטאָן, טייטנדיק מיטן פינגער אויף דימער, בזה הלשון: „אי אָ נו, קברות התאווה".

אַז דעם רבינס ווערטער וועגן אונדזער שטעטעלע זיינען נתפרסם געוואָרן ביי אונדז, האָבן אונדזערע לצים תיכף אונטערגעכאַפּט: וואָס פאַר

אַ ווײַטער קוק! דימער איז טאַקע, בנאמנות, קברות התאווה: וואָס פאַר אַ תאווה זאָל זיך ניט אַרײַנכאַפּן אין אַזאַ העק, אַזוי מוז מען בײַ איר בעטן מחילה, תּיכף זי אײַנוויקלען אין בגדים, פאַרנייען מיט סירעווע פאָדעם און ברענגען זי צו קבר־ישראל...

ווי איר זעט האָט מײַן שטעטל זיך אויסגעצייכנט מיט לוסטיקע לצים. טאָמער האָט אַ קאָרעסטעווער מוכר־ספרים אַראָפּגעבראַכט לכבוד ראש־השנה אַ טראַנספּאָרט לוחות, אַזוי פּלעגן אונדזערע רשעים פון אים ניט אָפּשטיין:

— ר׳ יהושיע־העשל, נאָך וואָס טויג אונדז אײַער לוח, בעת אונדזער שטעטל פאַרמאָגט אַזאַ פּרעכטיקע מקווה און שמעקעדיקע באָד־געסעלע? פעטער, צו וואָס טויג אונדז אייער לוח, בעת מיר אַליין ווייסן, אין וועלכן חודש ס׳שמעקט יאָ און אין וועלכן סהערט אויף?

ווער זיינען געווען אָט די דאָזיקע לצים, וועלכער גוטער יאָר האָט זיי פאַרטראָגן גראָד אין אַזאַ קליין העק? פון וואָס פאַר אַ קוואַל האָבן זיי געשעפּט זייערע וויצן און פּאַראָדיעס אויף אונדזער „בלאָטעווקע״? דאָס זיינען געווען לעבנסלוסטיקע יונגען, קינדער און איידעמס אויף קעסט, וואָס זיי אַליין זאָגן עדות אויף זיך מיטן ווערטל: „די גמרא זאָגט, אין פּסוק שטייט, דער מדרש ברענגט, — האָט מען, לפּחות, צושטייער אויף צו לעבן און מאַכן די האָפּקע״. „מאַכן די האָפּקע״ איז געווען די נשמה, דאָס חיות.

די דאָזיקע לעבנסלוסטיקע יונגען האָבן ניט געוווּסט פון דאגות־פּרנסה, און באמת הנאה געהאַט פון דעם לאַכן, אין וועמעס געלעכטער ס׳האָט זיך געשפּירט דער לאַכן פון געזונטע יונגען, וואָס אַלע זייער חושים זײַנען פול מיט גענוס פון עולם הזה.

דימערער לצים זײַנען געווען ספּעציאַליסטן צו פּאַראָדירן און שאַרזשירן יענעמס שוואַכקייט. אונדזער שטעטל, למשל, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שול־שמש, „פּאַנטאָפל וואָלף״, וואָס איז געווען אַ ווילדער בעל־מדקדק און מקפּיד געווען אויפן דגש. האָבן די לצים „אַליין״ געהערט ווי „פּאַנטאָפל וואָלף״ זאָל האָבן זיך דורכגעשמועסט מיט דער גויקע הינער־פאַרקויפערן אויף גויש אָן דגשן על פּי דקדוק בזה הלשון: „פּאַראַסק פּראָדאַי מניע פּיווניאַ אַ (האָן) זאַ פּיאַט פּיאַטאָקאָוו״...

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער שמועס על פּי דקדוק מיט דער גויקע איז געשטויגן ניט געפלויגן. דימערער לצים זײַנען אויסן געווען צו שאַרזשירן יעדערן — מעשה כעלעם — מאַכן יענעם לעכערלעך, ניט רעכענענדיק זיך מיט יענעמס אומגליק.

אָט איז יונג אָפּגעשטאָרבן דעם מוהלס איידעם, איז באַשאַפן געוואָרן אַ מזומענע מעשה.

ניטאָ קיין מזל

אַז שרה שימעלעס דעם מוהלס (אַ דימערער שפּריכוואָרט: „דער איינציקער שנײַדער, וואָס גנבעט ניט קיין יתור איז דער מוהל״) טאָכטער האָט

מיט אַ צײַט צוריק פאַרלאָרן איר מאַן, איז זי געקומען צו דער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט אָפּנעמען די אַסעקוראַציע־געלט. ווען דער קאַסיר האָט איר אויסגעציילט דאָס געלט, האָט זי זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— מיר וועלן אַלע שטאַרבן — האָט דער קאַסיר זי גענומען טרייסטן — דאָס איז דער סוף פון יעדן, און איר דאַרפט ניט וויינען פאַר זײַן טויט.

— איך וויין ניט, וואָס ער איז געשטאָרבן, האָט זי געגעבן צו פאַרשטיין דעם קאַסירער — איך וויין וואָס ער האָט אַזאַ ביטערן מזל: אַ גאַנץ לעבן האָט ער זיך געמוטשעט, געטראָגן אויף זיך דעם עול פרנסה ווי דער אייזל די טאַטשקע און קיין פרנסה ניט געהאַט. איצט אַז... ס'איז יאָ באַשערט האָבן די עטלעכע קערבלעך, ליגט ער, מײַנע שונאים, אין דרערד...

אַ פּרייזקוראַנט אויפן חתן

אין שטעטל האָט זיך דוד־נחמן דער לאַנד־שדכן נאָכגעפרעגט ביי חיים איטע־גיטלס די פּערעליאַק שפּרעכערקעס (אַ געוויסער לץ) וועגן אַ חתן, האָט ער אים גלייך געענטפערט, אַז דער חתן דאַרף נעמען פיל נדן.

— פאַרוואָס עפּעס פול נדן? האָט זיך דער שדכן אינטערעסירט.

— איבערפול סיבות: אַ פערד וואָס פלעגט קאָסטן 20 רובל, קאָסט היינט 50 רובל, אַ חזיר, וואָס פלעגט אַמאָל קאָסטן 10 רובל קאָסט הײַנט 30 און אַ חתן וואָס פלעגט נעמען 50 רובל נדן נעמט הײַנט הונדערט רובל. הײַנט, אַז ער איז אַ פערד אין דער וועלט, אַ חזיר וואָס איז זײַן גלײַכן ניטאָ און דערצו אַ חתן, טאָ וויפל איז ער ווערט?

אַ גרוס פון דער היים

אָפּדינענדיק אין מיליטער האָט אַ זעלנער אויפן וועג אַהיים זיך באַגעגנט מיט „שמואליק מאַרגאָליכעס" און געוואָלט בײַ אים אָפּנעמען אַ גרוס פון דער היים:

— וואָס הערט זיך עפּעס אין דער היים?

— די פּאָר פערד, וואָס דער טאַטע האָט געקויפט, זײַנען געפּגרט.

— וואָס איז די סיבה?

— זיי האָבן זיך איבערגעהאָרעוועט פון צופיל פירן וואַסער בעת דער שרפה.

— וואָסער שרפה?

— ווען אײַער דירה האָט אָפּגעברענט.

— פון וואָס האָט זיך עס גענומען?

— ווען דײַן מאַמע איז געשטאָרבן, איז מען געגאַנגען מיט אַ ליכט האָט מען פאַרוואָרפן פײַער.

— אוי וויי, די מאַמע איז געשטאָרבן!

— זי האָט זיך פאַרבענקט נאָכן טאַטן, עליו=השלום.
— אַ בראָך איז צו מיר – דער טאַטע איז אויך געשטאָרבן!

פאַרוואָס ער האָט ניט געבענטשט?

— רבי, איז געשטאַנען דער שטאָט-לץ „משה דעם פעטערס" און זיך מתוודה געווען מיט אַ צעבראָכענעם האַרץ – איך האָב ניט געבענטשט נאָכן עסן.
— סטייטש, ווי בענטשט עס ניט אַ ייִד נאָכן עסן?
— ווייל איך האָב זיך ניט געוואַשן פאַרן עסן.
— ווי וואַשט זיך ניט אַ ייִד פאַרן עסן?
— ווייל דאָס עסן איז געווען טריף.
— ווי קען אַ ייִד עסן טרפות?
— ס'איז געווען ביי גוייִשן טיש.
— אפיקורס, ווי עסט מען דאָס ביי אַ גוי.
— אָבער, רבי, דימערער ייִדן האָבן מיר ניט געוואָלט געבן עסן ווען דאָס האַרץ האָט געקלעמט נאָך אַ לעפל געקעכטס.
— ווי קאָן דאָס זיין, אַז אַ ייִד זאָל אַ ייִדן ניט וועלן געבן עסן?
— ווייל ס'איז געווען תשעה באָב...

אַ שאַנדע!

חיים=איטעגיטל די „פערעליאַק = שפּרעכערקע" איז גראָד געשטאַנען דערביי ווי דער זעמסקער נאַטשאַלניק איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ פערד.

אַ שאַנדע! – האָט זיך דער לץ אָפּגערופן – אַזאַ געשיכטע וואָלט זיך מיט מיר קיינמאָל אין מיין לעבן ניט טרעפן.

— ביסטו אַזאַ גרויסער רייטער? האָט אים דער נאַטשאַלניק געפרעגט.

— ניין, האָט אים דער לץ געענטפערט, איך וואָלט גלאַט קיינמאָל ניט אַרויפגעקראָכן אויפן פערד, ווייל איך האָב מורא...

חדושים פון קליינעם שטעטל

אַ „פאַריזער רעדאַקטאָר" האָט אַמאָל באַזוכט אונדזער בלאָטאָווקע מיט אירע עליע=לייזערס פראַכטפולע בלאָטעס (אַ דימערער שפּריכוואָרט: „ווילנע איז ירושלים דליטע און דימער – ירושלים דבלאָטע") האָט ער געשריבן – ווי די לצים שווערן זיך–אין זיין פראַנצויזישן בלאַט, אַז צווישן אַלע אַנטיקן, וואָס ער האָט אויף זיין רייזע געזען איז דאָס וואָס אין אוקראַינע געפינט זיך אַזאַ ישוב, ווו מענטשן גייען האַלב אין דער ערד און האַלב אויף דער ערד...

די לצים זײַנען פרײַדענקער און שאַנעווען ניט זייער אייגענעם מרא דאתרא:

די בעסטע צייט

איינער פון די לצים „איך האָב אײַך אַלעמען אין דרערד" איז געקומען צום רב זיך גטן מיט דער ווײַב.

— איז זי באַ אײַך די ערשטע אָדער די צווייטע? האָט דער רב געפרעגט.

— די ערשטע ווײַב.

— שוין לאַנג נאָך אײַער חתונה?

— שוין העכער דרײַסיק יאָר.

— העכער פון דרײַסיק יאָר? — האָט זיך געוווּנדערט דער רב — האָט איר קינדער?

— יאָ, צוועלף קינדער.

— פאַרוואָס איז ביז הײַנט גוט געווען און איצט ווילט איר זיך גטן? האָט זיך אַלץ געוווּנדערט דער רב.

— איך וועל אײַך דערציילן, רבי, וועט איר מיך פאַרשטיין. ביז נאָך דער חתונה האָב איך מײַן ווײַב ניט געזען. אונדזערע עלטערן האָבן אונדז חתונה געמאַכט. דערזען מײַן ווײַב, האָב איך אָנגעהויבן שרײַען:

— טאַטע, איך וויל זיך גטן.

— מ'קען ניט, זי זויגט אַ קינד און מ'טאָר זיך ניט גטן. מ'האָט דאָס קינד אָנטוויינט.

— טאַטע, איך וויל זיך גטן.

— מ'קען ניט, ס'זײַנען פאַראַן צוועלף קינדער צו אויסגעבן... רבי, זי האָט איצט אויפגעהערט צו טראָגן און זויגן. די צוועלף קינדער האָבן מיר שוין אויסגעגעבן, איצט איז די בעסטע צײַט...

אונדזער רב, מוזט איר וויסן, איז שטאַרק ענלעך געווען אויף שלום-עליכמס ר' יוזיפל דער רב אין כתרילעווקע, דערפאַר פלעגט מען אויסטראַכטן אויף אים הוריות און זיך ווילצלען איבער אים:

דער דין-תורה ביים רב

שמעון סיניאַקער (אַ ישובניק) איז געשטאַנען און געטענהט פאַרן רב:

שטעלט אײַך פאָר, רבי, מײַן שוועסטער און מײַן בהמה זײַנען ביידע געווען בײַ מיר. זי איז געווען אַן אַלמנה.

ר ב: ווער, די שוועסטער?

י ש ו ב נ י ק: ניין, מײַן שוועסטער איז די אלמנה. מיט אַמאָל קומט קריגעלע דעם פיקהאָלצס און נעמט זי צו. דאָס איז דאָך פאַר מיר אַ גרויסער היזק, ווײַל זי האָט געגעבן אַזוי פיל מילך.

ר ב: ווער, די שוועסטער?

ישובניק: ניין, רבי, די בהמה.

ר ב: איך פאַרשטיי אײַך ניט, ר׳ שמעון, ערשט נאָר וואָס האָט איר געזאָגט, אַז די שוועסטער און איצט גאָר די בהמה.

ישובניק: זאָלט איר מיר, רבי, געזונט און שטאַרק זײַן, ער האָט די שוועסטער אויך צוגענומען נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעבונדן די שטריק פון אירע הערנער.

ר ב: וועמען, די שוועסטער?

ישובניק: איך האָב דאָך אײַך געזאָגט די בהמה. זי, די שוועסטער, זי פלעגט זאָגן ברכה מיט מײַנע קינדער, איך מיין די שוועסטער ניט די בהמה. זי איז געווען אַ דימענט.

ר ב: ווער די בהמה?

ישובניק: ניין, מײַן שוועסטער און איצטער ווייס איך ניט וואָס זאָל מען טאָן. זי איז ווערט דרײַסיק קערבלעך.

ר ב: ווער, די שוועסטער?

ישובניק: רבי, וואָס טוט זיך דאָ מיט אײַך? פאַרוואָס מישט איר אינאײנעם די בהמה מיט מײַן שוועסטער? פאַרגעסט ניט, רבי, אַז אַלץ וואָס מיר איז איבערגעבליבן איז אַ קאַלב, וואָס זי האָט אים געלאָזן.

ר ב: ווער, די שוועסטער?

ישובניק: רבי, די בהמה, ניט מײַן שוועסטער, נאָר די בהמה, רבי.

די דאָזיקע וויצן–שאַרזשן זענען אויס ווי אַ טעמע פאַרן הומאָריסט, ער זאָל זיי סטיליזירן, אָפּוואַרפנדיק דאָס פסולת, און שאַפן דעם נאַציאָנאַל-יידישן הומאָר.

דער וויץ האָט בײַ אונדז אין שטעטל אַרײַנגעדרונגען אין אַלע געביטן און בראַנזשעס:

אַ שילד פון אַ שערער

גאָדל דער שערער האָט אַרויסגעהאַנגען אַ בילד פון אבישלום, וואָס רײַט אויף אַן אייזל און בלײַבט הענגען מיט זײַנע האָר אויף אַ בוים און יואָב שטעכט אים אין האַרץ.

אונטער דעם בילד האָט ער אָנגעשריבן:

וואָלט אבישלום זיך אָפּט געשוירן בײַ מיר וואָלט ער צו אַזאַ אומגליק ניט געקומען. פרײַז פאַר שערן 5 קאָפּיקעס.

איך פאַרענדיק מיט אַ מער ראַפינירטן וויץ, וואָס דערמאָנט שוין מיט זיך לינעצקיס סאַטירישן חלף:

פראַקטישע מענטשן

ערב יום-כיפור איז אָנגעקומען קיין באַרדיטשעוו אַ נײַער גובערנאַטער און פאַרלאַנגט פונעם פאָליצמײַסטער ער זאָל אים פירן אין די יידישע בתי-

מדרשים — ער וויל זען, ווי ייִדן דאַוונען. האָט אים דער פּאָליצמייַסטער אַרייַנגעפירט אין באַרדיטשעווער כאָרשול. די מוסטערהאַפטע אָרדנונג, די שטילקייט, זויבערקייט און דער געזאַנג האָט שטאַרק אויסגענומען בייַם גובערנאַטער. האָט ער פאַרלאַנגט פונעם פּאָליצמייַסטער, ער זאָל אים פירן נאָך אין אַ בית־המדרש. האָט אים דער פּאָליצמייַסטער אַרייַנגעפירט אין אַ חסידישן קלויז. דאָרט האָט ער דערזען ווי ייִדן שאָקלען זיך צום וואַנט, מאַכן משונה העוויות, גלאָצן מיט די אויגן, דראָען מיט די פויסטן דער סטעליע, אָדער פאַלן גאָר מיטן הינטן. ווי באַקאַנט אַרבעט דעם גובערנאַטערס קאָפּ אַזוי לאַנגזאַם און פויל ווי די פּויערשע רעדער איבער זייַן זאַמדיקער גובערניע. אַרויסגייענדיק מיט זייַן סוויטע פון דעם חסידישן קלויז, האָט דער גובערנאַטער אַ זאָג געטאָן פאַרטראַכטערהייט:

אָ, די ייִדן זייַנען פּראַקטישע מענטשן, אַפילו אַ שול האָבן זיי פאַר משוגעים געגרינדעט...

דער שפּרודלקוואַל מיט שפּריכווערטער

דימער איז אַ קוואַל פון ייִדישן וויץ. אייַלט מען זיך, דריקט מען עס אויס אין אַ שטיפערישן שפּריכוואָרט:

מאַדאַם לאָקשנקוגל האָט געהייראַטעט אויס ליבע, דאָס הייסט געהייראַטעט און אויס ליבע.

די ליבע איז בלינד: אַפּריִער קען מען זיך ניט זאַט אָנקוקן, דערנאָך קען מען זיך ניט קוקן גלייַך אין די אויגן.

רעדט בעסער, פרייַלן, וועגן ליבע: איר האָט ליב לאָקשן מיט מילך?

חתונה האָבן איז געגליכן צו אַ שיף, ווו ס'הייבט אָן רודערן, אַפּריִער פירט ער אָן בייַם רודער, דערנאָך נעמט זי איבער דעם רודער.

אַ מאַן איז ווי אַן ענגער שוך, כאָטש ער דריקט, דאָך מוז אַ ווייַב אים טראָגן.

אַז דער מאַן איז אַ רב, איז די ווייַב אַ רעבעצן; אַז די ווייַב איז אַ יולדת איז דער מאַן אַ יאָלד.

יויך פון אייבן, צימעס פון אונטן, פיש פון פייַער, אַ ווייַב פון וואַסער.

די ווייַב עסט גוט בשעת זי ליגט אין קימפּעט, דער מאַן — בשעת ער עסט אין סוכה, זיי ביידע עסן גוט ווען זיי זייַנען ביי יענעם אויף אַ שמחה און ביידע עסן קרענק בשעת ס'איז ביי זיי אַ שמחה.

אַז אַ בחור וויטעט זיך מיט אַ מיידל איז עס אַ הקדמה צו אַ „חבור"...

אָבער אונדזערע דימערער שפּריכווערטער זייַנען ניט אַזוי אייַנזייַטיק, אדרבא, זיי האָבן אַרומגענומען אַלע ווינקעלעך פון אונדזער לעבן. אָט נעמט די פאָלגנדע ווערטלעך, וואָס זייַנען געווען אַ מין פּאַרגעפּיל, אָדער אָנזאָג וועגן געלטמאַנגל, קריזיס און יעצטיקע שווערע מאַטעריעלע צייַטן:

נעמעניו — לאַכעניו, געבעניו — וויינעניו.

דער שווערסטער שטיין אויף דער וועלט איז דער שטיין פאַרן נגיד און בעטן בײַ אים אַ גמילות־חסד.

אַז מען האָט אַ הויז, האָט מען צוויי דאגות: דירה־געלט טאָמער וועט מען לעבן און קבורה־געלט טאָמער וועט מען שטאַרבן.

ווען זאָגט מען דרײַ ליגנס מיט אַ מאָל? ווען דו בעטסט באָרגן דיר געלט און יענער ענטפערט דיר: יעצט (און ווען יאָ?) האָב איך ניט בײַ זיך (און אין דער היים?) קיין קליין געלט? (און גרויס־געלט?).

הײַנט גייט די מתים צום בעסטן, ווײַל די בעסטע געשעפטן זײַנען אין דרערד.

אַז איך זאָג, אַז איך צאָל — זאָג איך, אַז איך זאָג, אַז איך צאָל ניט צאָל איך ניט.

אַ דין־תורה? פּאַזשאַלעסטאַ! אַ שבועה? ס׳אודאָוואָלסטוועם! אַ תּקיעת־כּף! פּאָטשעמו ניעט? געלט? קרענק דיר אין די ביינער!

אַזוי ווי די בעסטע געשעפטן ליגן אין דרערד, אין מײַן עצה דו זאָלסט בעסער גיין אין דער ערד.

דײַן גמילות־חסד וועל איך לאַנג ניט האַלטן: איך וועל אים תּיכּף ומיד אייסגעבן...

אַ דאַנק פאַר דײַן גמילות־חסד. גאָט זאָל דיר העלפן, דו זאָלסט אַזוי לאַנג לעבן ביז איך וועל דיר באַצאָלן דעם גמילות־חסד...

די מחברים פון אָט די דאָזיקע שפּריכווערטער און וויצן פלעגן פאַראָדירן דעם „צדיק אין פּעלץ״, דעם צורבא דרבנן אָדער „סטערווע דרבנן״, וואָס רעוועט (רעדט) אויף „לשון קוילעטש״ למשל:

האַי מאַן דקאָרי (וואָס רייכערט) סיגרת ביומא דשבתא מעלה עליו הכתוב כאלו אָכל סעודתאָ ביומאָ דכפורתא.

קאָזינאָ (אַ ציגעלע) שהלכה לגינאָ ואָכלה באָטווינאָ מאַי דינאָ? אָמר רב הונאָ לוקחים דובינאָ ונותנים בספינאָ, זי זאָל אײַנעמען אַ מיתה־משונה.

פון אַזעלכע פּאַראָדיעס איז ניט ווײַט געווען צו „נאַציאָנאַלער אפּיקורסות״:

רש״י האָט אַ טבע פון אַ קינד: ער מאַכט אויף יעדן אָרט...

הלל הנשיא איז געווען דער ראש־ישיבה פון שפּילן אין פּילקע (פוטבאָל) ער האָט געוואָלט אויסלערנען תורה כולה על רגל אחת...

אָט אַזוי האָט ערשט ניט לאַנג געשפּרודלט מײַן שטעטל מיט פײַער־ווערק פון וויצן, שפּיצן און בליצן. מערקווירדיק, די סאָלידע רעדנסאַרטן האָבן אויסגעזען מאָדנע שטיפעריש.

ער שמייכלט ווי אַ פּגר אומגעוואַשן.

זי שטייט מיט פאַרלייגטע הענט, ווי די סאָרווערן בשעת אויסרופן דרשה־געשאַנק.

ער זעט אויס ווי אַ מויז נאָך ערדציטערניש.

די הייזער זעען אויס ווי פּאַרכעס אָן יאַרמעלקעס.

ער וואַרפט זיך ווי אַ כּפּרה פון דעם קאַשעק.

ער טרייסלט זיך ווי אַ הונט אין די נײַן טעג.

ער איז איידל ווי דעם אָקס ווײדל.

ער קערט ווי אַ בער אין רעטשקע.

ער דרייט זיך ווי אַ חזיר אויפן גליטש.

ער קוויקט זיך ווי דער אייזל מיטן קוקורעקו.

ער שנאָרכט ווי דער הונט נאָכן טשאָלנט.

ער שעמט זיך ווי אַ שקאַפע, אַז זי קערט איבער דעם וואָגן.

ער איז אַזוי גרויס ווי אַ מזמור לתודה אין אַ קליין סידורל.

ער שטייט ווי אַ ביק אין גן־עדן.

ס'איז אים ווי אַ פּיק אין דער אַרענדע.

ער זעט אויס ווי אַ געמאַרענירטער הערינג — וויל מען לייגט מען דאָס ווײדעלע אים אין מויל אַרײַן.

איך האָב זיך אויספירלעך אָפּגעשטעלט אויף יידישע וויצן, גלײַכ־ווערטלעך, שפּריכווערטער, רעדנסאַרטן, לידעלעך און בכלל אויף דעם יידישן פאָלקלאָר.

דאָס יידיש פאָלק האָט ניט אומזיסט. זוכה געווען צו דעם העכסטן טיטל, צו וועלכן אַ פאָלק קאָן נאָר שטרעבן — צום ערן־טיטל עם הספר. דער ספר, דאָס בוך, איז געווען דער וויכטיקסטער יסוד פון יידישן לעבן.

צוגלײַך מיט דעם ספר תורה שבכתב, וואָס מיר האָבן באַקומען בירושה פון אונדזערע עלטערן, באַזיצן מיר נאָך אַ תורה שבעל פה, וואָס דאָס פאָלק האַלט אין איין שאַפן דעם פאָלקלאָר: פאָלקס־מעשיות, לידער, שפּריכווערטער, רעדנסאַרטן, גלײַכווערטלעך און וויצן. די דאָזיקע „תורה שבעל פה" שפּיגלט אָפּ אין זיך די צאַרטקייט, — פון דעם יידישן האַרץ, די הויכקייט, טיפקייט און שאַרפזיניקייט פון דעם יידישן געדאַנק. דער פאָלקלאָר איז די אויגן פון אַ פאָלק, דורך וועלכע מען קוקט דעם פאָלק גלײַך אין דער נשמה אַרײַן.

די קולטורעלע פעלקער האָבן שוין לאַנג אָפּגעשאַצט דעם גרויסן היס־טאָרישן, וויסנשאַפטלעכן, פּסיכאָלאָגישן און עסטעטישן ווערט פון דעם פאָלקלאָר און באַציִען זיך דעריבער מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו יעדערער קלייניקייט אויף וועלכע עס ליגט דער שטעמפּל פון פאָלקס־געדאַנקען.

נאָך דער וועלטקריג און אירע היסטאָרישע אונפאַרמײַדלעכע פּועל־יוצאס ווי עקאָנאָמישע צעפאַלנקייט און בירגערקריג האָט מער פאַר אַלץ געליטן דער יידישער פאָלקלאָר, ווי אויך זײַן וויגעלע — דאָס שטעטל, וואָס איז טויב, חרוב און פאַרשטומט געוואָרן. אַ גרויסער טייל פון אונדזער פאָלק־

לאָר איז פֿאַרלוירן געגאַנגען. מיט יעדער שריפֿה, מיט יעדן גירוש איז פֿאַרפֿאַלן אַ שטיק פֿון אונדזער עבר, עס ווערן פֿאַרגעסן די אַלטע טיף פּאָעטישע דערציילונגען און לידער, דער כאַראַקטעריסטישער קנייטשיקל פֿון דעם ייִדישן בויגעוודיקן וויץ, עס ווערט פֿאַרשוווּנדן אַ קאַפּיטל פֿון אונדזער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע, גראָד ווען די היסטאָרישע וועגן קרייצן זיך...

קיינמאָל האָבן נאָך פֿאַרצייכענונגען פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר ניט געהאַט אַזאַ גרויסע קולטורעלע ווערט ווי איצט אין דעם בין-השמשות פֿון דער ליבער פּראָווינץ. אין אַזאַ צײַט איז וויכטיק, אַז יעדער פֿון אונדז זאָל פֿאַרצייכענען אויפֿן פּאַפּיר, וואָס ער האָט געהערט און וואָס ער געדענקט, ניט וויכטיק צי אין פֿאָרם פֿון רוישטאָף צי אין פֿאָרם פֿון אַן אויטאָביאָגראַפֿיע.

פון פאָלקלאָר
ביז ליטעראַטור

...וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ
הַשָּׁמָיְמָה...

(ויצא כ״ח י״ב)

אונדזער פֿאָלקסליד

ס'וועט ניט זײַן קיין פּאַראַדאָקס ווען מיר וועלן זאָגן, אַז אויף דער נײַסטער ייִדישער פּאָעזיע ליגט נאָך אַלץ דער שטעמפּל פֿון אונדזער ליבער תּמימותדיקער פֿאָלקסליד און זאָל דאָס ניט לגנאַי געזאָגט ווערן, ווײַל מיר האַלטן נאָך פֿונעם כּלל: בעסער זײַן אַ קאָפּ פֿון אַ לעבעדיקן פֿוקס איידער אַן עק פֿון אַ טויטן לייב...

די מאָדערנע ייִדישע פּאָעזיע, ווי ראַפֿינירט זי זעט ניט אויס אויפֿן ערשטן אויגנבליק, איז זי דאָך אין איר תּוך פֿאָלקסטימלעך, און אויב איר ווילט, אַפֿילו פֿאָלקלאָריש, וויפֿל זי זאָל זיך ניט וועלן פֿאַרקליידן אינעם אייראָפּעיִשן פֿראַק און הענטשקעס, שטעקט נאָך אַלץ אַרויס פֿון איר בוזעם דער טלית־קטן... פֿאַר אונדזערע משׂכּילים, פֿאַר די אַלטע ווי פֿאַר די שפּאָגל נײַע, איז עס אפֿשר אַ גרויסע חרפּה. פֿאַר אונדז אָבער, וואָס שאַצן טאַקע אָפּ יעדער עכטקייט און פֿאַרוואָרצלטקייט, איז דער „יחוס־בריוו" פֿון אונדזער מאָדערנער פּאָעזיע, אַז זי שטאַמט טאַקע פֿונעם אַלטן פֿאָלקסשויס אַרויס, ניט קיין בושה, נאָר אַ גרויס געווינס.

אַז פּרוג, רייזען און מאָריס ראָזענפֿעלד זײַנען דורכויס, אין זייערע בעסטע אויפֿריכטיקע זאַכן, פֿאָלקסטימלעך, דאַרף מען, דוכט זיך, גאָרניט דערווײַזן, זייערע לידער זײַנען סײַ לויטן גראַם און סײַ לויטן מאָטיוו גאָר נאָענטע קרובֿים מיטן ליד פֿון פֿאָלק. זיי פֿאַרגיסן טרערן אויפֿן ביטערן ייִדישן מזל, זיי וועקן דאָס „פּינטעלע ייִד", דאָס רחמנות־געפֿיל און אָפּט ייִדישע גוטהאַרציקײַט, פּונקט ווי דאָס האָט געטאָן דאָס פֿאָלקסליד בשעתו. פֿון דעם גלאַנץ און לוקסוס, פֿון דער אייראָפּעיִשער פּאָעזיע מיט אירע פּרינצן און פּאַטראָנען, מיט זייערע האַלב־געפֿילן און ווילדן דעגענעראַטיוון ריח פֿון קאָקאַין און אָפּיום, ווייס לחלוטין ניט די ייִדישע מאָדערנע פּאָעזיע פֿון די אויבן דערמאָנטע דיכטערס. די דאָזיקע אייראָפּעיִשקייט איז זיי לגמרי פֿרעמד און אומפֿאַרשטענדלעך. קינדער פֿון פֿאָלק וואָס האָבן געשאַפֿן פּאָעזיע, זײַנען זיי געווען אינגאַנצן אונטער דער השפּעה פֿונעם מקור פֿון דער פֿאָלקס־פּאָעזיע, וואָס איז געווען און געבליבן — דאָס פֿאָלקסליד.

דער שפּעטערדיקער פּעריאָד פֿון אונדזער פּאָעזיע מיט דוד איינהאָרנס „שטילע געזאַנגען" איז ניט מער ווי אַ ווײַטערדיקער עטאַפּ פֿון דעם פֿאָלקס־ליד מיט זײַן עלטער בּאַרעמהאַרציקייט און דערהויפּט מיט זײַן נאַיִוו־אויפֿ־ריכטיקער ליבע צו דער ייִדישער טאָכטער, וואָס איז נאָך ניט פֿאַרסמט מיט דער הפֿקרות אין געדאַנק און איבעזעטיקייט און געפֿיל, ווי דאָס איז

דאָס רוב דער פֿאַל אין דעם ליבעליד פֿון דער מאָדערנער פֿראַנצייזישער פּאָעזיע, אײנהאָרן און די ייִדישע פּאָעטן פֿון יענער צײַט, וואָס זײַנען ניט אַזוי אָריגינעל ווי ער, האָבן פֿון די שטאַרקע לײַדנשאַפֿטן, אַזוי צו זאָגן, ניט געוווּסט, פּונקט ווי דערפֿון האָט ניט געוווּסט די פּאָעזיע פֿונעם פֿאָלק. און ווי לײַבלעכע שוועסטער, וואָס אײנע איז אַן עלטערע און די צווייטע אַ ייִנגערע — קענען פֿאַרגלײַכן ווערן די אײנהאָרנישע לידער מיט די פֿאָלקס-לידער.

און ווײַטער. די ייִדישע פּאָעזיע מאַכט נאָך אַ טריט נעענטער צו אייראָפּעיִשקייט. עס באַווײַזט זיך אַ גאַנצע ריי דיכטערס אין אַמעריקע, ווי מאַני לייב, מ. ל. האַלפּערן, לייוויק און אין רוסלאַנד, דערהויפּט אין אוקראַיִנע — קוויטקאָ, האָפּשטיין, מאַרקיש, רעזניק, קושנירעוו און שוואַרצמאַן, וועלכע זײַנען שוין לויט זייער מוזיקאַלישן ריטם און לויט זייער שפּראַך-פֿײַנקייט און געפֿיל-ראַפֿינירטקייט מײַלן ווײַט פֿון אַ רייזענען און מאָריס ראָזענ-פֿעלדן: אויף זיי ליגט שוין בולט דער אײַנפֿלוס פֿון דער מאָדערנער וועלט-לעכער פּאָעזיע, זיי זײַנען שוין, קאָן זיך אויסדוכטן, אין גאַנצן אַרויס פֿון די כּלליִשע „וויקעלעך“, זיי זײַנען שוין ניט קיין „פּאָדעם אין דעם פֿאָלקסגעוועב“, נאָר אומות-העולמדיק, זייער פּאָעזיע האָט זיך שוין ווי אַסימילירט מיט דער דיכטונג פֿון דעם פֿרעמדן „אַרישן“ אַרום — זײַנען דאָס אָבער נאָר אויסערלעכע פֿאָרמען פֿון דעם געבײַ פֿון זייערע שירים. אין תּוך גענומען, שפּינען זיי ווײַטער דעם אַלטייִדישן גאָלדענעם שטראַל, וואָס האָט אַרויסגע-שטראַלט פֿון פֿאָלק... ווײַל טראַכט מען זיך נאָר אַרײַן אין די סטימולן, וואָס האָבן אָט די דאָזיקע יונגע דיכטער באַגײַסטערט און אָנגערעגט, דערפֿילט מען גלײַך דעם אָטעם פֿון אונדזער פֿאָלקסדיכטונג. ווי געוואַגט און ווי פֿאַר-שײַט כּלומרשט עס זײַנען די מאָטיוון פֿון די דאָזיקע דיכטער, גייען זיי דאָך ניט אַרויס פֿון די גרענעצן פֿון דעם מאָראַלישן און געזעלשאַפֿטלעכן קרײַז פֿון דער אַלטער ייִדישער פּאָעזיע. עס פֿעלט אין זיי יענע צעלאָזנקייט און אַמאָראַלישקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן אייראָפּעיִשן דעגענע-ראַטיוון דור מיט זײַן „ראַפֿינירטן“ ביז אַמאָראַלישער הפֿקרות — „ליבע-גענוס“...

אונדזערע יונגע דיכטערס, זאָל זיי עס צו קיין חרפּה ניט זײַן, זײַנען נאָך ניט גאָר ווײַט אַוועק פֿון די אַלטע מידות, וואָס אונדזער פֿאָלקס-פּאָעזיע איז מיט זיי דורכגעדרונגען, דהײַנו, מיט דעם מאָראַלישן שטרעבן אָנצונעמען זיך די עוולה פֿאַר דעם געיאָגטן און געפּלאָגטן...

אונדזער יונגע פּאָעזיע, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, איז געבליבן ג ע ז ו נ ט און ג ע ז ע ל ש אַ פֿ ט ל ע ך. איר זיפֿץ און איר טרער און איר בענקשאַפֿט שטראָמען אַרויס פֿון יענעם קוואַל, ווו דורות און דורות האָבן געזאַמלט זייער פֿרייד און עצבֿות, זייער מאָראַלישע קראַפֿט און דער עיקר, זייער פֿאָלקס-טימלעכקייט — זייער א י י ג נ ס...

אָט דערין ליגט דער סוד, וואָס אונדזער פּאָעזיע איז פֿריש און זאַפֿטיק, ווײַל זי איז שטענדיק פֿאַרוואָרצלט אין די געדיכטסטע טיפֿעניש פֿונעם פֿאָלקסבאָדן, ווײַל איבער איר קאָפּ, אָפֿט מאָל אומבאַוווּסט פֿאַר די דיכטער אַליין, שוועבט דער גײַסט פֿון מאַרטירער-עבר, פֿון מסירת-נפֿש אין די פֿאַר-שיידנסטע פֿאָרמען און געשטאַלטן. און כּל-זמן אונדזער פּאָעזיע וועט ניט איבעררײַסן דעם שנור, וואָס פֿאַרבינדט און פֿאַרקניפּט זי מיטן פֿאָלקסליד, וועט זי בלײַבן אייביק יונג און אייביק שאַפֿעריש, ווי דער גײַסט פֿון פֿאָלק, וואָס ווייס פֿון קיין עלטער ניט...

„מאָמענט“ ווארשע, נומ׳ 244, „מילגרוים“ (בערלין) העפֿט נומ׳ 6,
„אונדזער לעבן“ (ביאַליסטאָק) 1932.

די פֿאָלקס-מעשה

מ׳קאָן דאָך בדרך-כּלל זאָגן: ס׳איז ניטאָ קיין ליטעראַטור, וואָס זאָל ניט האָבן געצויגן איר יניקה פֿון דעם אוראַלטן קוואַל פֿון דער פֿאָלקס-מעשה. און וואָס טיפֿער די וואָרצלען פֿון דעם פֿאָלקסשאַפֿן האָבן אַרײַנגעדרונגען אין דער ליטעראַטור, אַלץ זאַפֿטיקער איז די עצם ליטעראַטור. און אויב דער דאָזיקער כּלל גילט פֿאַר דער שוין לאַנג ראַפֿינירטער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור, וואָס איז דאָך כּמעט עד-היום לויט אירע מאָטיוון און פּראָבלעמען כּלליש — אַ כּלל אָן אויסנאַמען, — איז די ייִדישע ליטעראַטור פֿון מענדעלע ביז בערגעלסאָן, אַפּאַטאָשו דורכגעוועבט און דורכגעשפּינט מיט דער פֿאָלקס-מעשה. אויב אַפֿילו אויפֿן ערשטן בליק קאָן זיך דוכטן, אַז די שאַפֿונגען פֿון אונדזערע ייִנגערע זײַנען שוין ווי אָפּגעריסן פֿון דעם אוראַלטן פֿאָלקס-מקור, אַז זיי ציִען שוין זייער בלוט און מאַרך בײַ דעם ראַפֿינירטן יחיד און זײַנע נערוון, איז עס ניט מער ווי אַ פֿאַרבלענדעניש. ס׳איז גענוג זיך גוט אַ גריבל צו טאָן אין דעם תּוך און תּמצית פֿון די פֿאַרבאָרגענע שאַפֿונגס-וואָרצלען, כּדי אָנצוטאַפּן די נאָענטסטע שײַכות זייערע מיט דער פֿאָלקס-מעשה, וואָס גייט איבער פֿון דור צו דור, פֿון מויל צו מויל.

צו דערווײַזן, אַז מענדעלע, שלום-עליכם און אויך פּרץ האָבן זייער באַגײַסטערונג און אינטויִציע דערהויפּט געשעפּט פֿון די וווּנדערלעכע אין זייער תּמימות און קלוגזיניקע אין זייער נוסח פֿאָלקס-מעשיות, איז דוכט זיך גאַנץ איבעריק. קאָן דען גאָר מענדעלע געמאָלט זײַן אָן דער ליטוויש-קלוגיטשקער מיט דעם מתנגדישן קאָפּ גוט צוגעטראַכטער טענדענציעזער מוסר-השׂכּלדיקער פֿאָלקס-מעשה, אַזוי ווי ס׳איז גאָר אוממעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן פּרצן אָן דער חסידיש-מיסטישער אין זיך אַליין פֿאַרבענקטער, מיטן טיפֿן וועלט-שמערץ אָנגעפּילטער חסידישער מעשה-מימרא, פּונקט ווי שלום-עליכם איז בעצם מערסטנטייל דער סטיליזאַטאָר פֿון דער המוניש-פֿריילעך-קבצנישער פֿאָלקס-מעשה מיט אירע קאַלאַמבורן, שפּריכווערטער און אײַנפֿאַלן.

די ייִדישע פאָלקס-מעשה פּולסירט אַזוי אַרום כּמעט אין אַלע אונדזערע קלאַסישע ווערק. טראַכט זיך אַריַין אין דעם אַרט שריַיבן פון אונדזערע בעסטע יונגע שריַיבער. נעמט, ל׳משל, ביַי בערגעלסאָנען דעם קורצזאַציק אָפּגעהאַקטן סטיל, דאָס אין זיך אַליין איַינגעפּרעסטע ניט-דעררעדקייט, וואָס רעדט אָבער אַ סך איַינדרוקספולער ווי די ניַין מאָס רעדעוודיקייט, וועט איר דערין דערשפּירן דעם טעמפּ און דעם ריטם פון דער חסידישער מעשה מיט אירע שאַרף אָפּגעהאַקטע מימראָס, מיט די רמזים, וווּ יעדער אות און יעדער ת״ג איז געציילט און באַדיַיטונגספול. דאָס זיַינען ניט סתם ווערטער, נאָר רמזים, וואָס דאַרפן ווירקן אויף דער פאַנטאַזיע, ווי מוזיקאַלישע טענער.

אָט די דאָזיקע ספּעציפישע מוזיקאַלישקייט פון אונדזער פאָלקס-מעשה גיט צו אונדזערע בעסערע שריַיבער זייער באַזונדערן באַטעמטן קאָלאָריט. מיר דערפילן אין זיי דעם אַראָמאַט פון דער פאָלקס-נשמה. מיר דערהערן אין זיי דעם אָפּקלאַנג פון פאַרזונקענע אוראַלטע גלעקער...

דאָס זעלבע קאָן אויך אָנגעווענדעט ווערן בנוגע אונדזער לירישער פּאָעזיע. אָנהייבנדיק פון גאָלדפאַדענען און ענדיקנדיק ביז דוד האָפשטיינען, שוועבט אויף אונדזער פּאָעזיע דער טוי פונעם פאָלקסליד. זי איז נאָך עד-היום איַינגעהילט אין דער פאַרחלומטקייט פון דער פאָלקסליד-מוזיק. ווי סטיליזירט, ראַפינירט און געקינצלט זי זאָל ניט קלינגען, ווען זי נעמט אויף אפילו פרעמדע טענער, ניט אין איר גייַסט, פילט זיך דאָך דערין דער אַלטער, קנייטש פונעם אַמאָל, ווי זוניקע שלייפן פונעם ייִדישיסטישן „שיר השירים“. איר לייענט למשל האָפשטיינס לידער

„גאָט, מיַין גאָט, איך האָב אַזוינס
אויף מיַין לעבן ניט געחלומט“...

און איך ווייס ניט, פאַרוואָס ס׳קלינגט פּאָרט אין די אויערן דער מוטערס באַהאַרצטער „גאָט פון אברהם“...

געוויס, גרויס און וויַיט איז דער מהלך פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווערס „גאָט פון אברהם“ ביז האָפשטיינס „זוניקע שלייפן“... אָבער די „זוניקע שלייפן“ טאַקע פון אונדזער פאָלקסליריק פאַראייניקט דעם דאָזיקן מהלך, פּונקט ווי פּרצעס גאָלדענע שאַפונגס קייט איז דער המשך פון אונדזער טיפן און א י נ ט י מ ס ט ן פאָלקלאָר...

„מאָמענט“ (וואַרשע) 1928, „טשערנאָוויצער בלעטער“ 1930, „צייט“ 1936.

דער שעפער פון פאָלקסהומאָר

פון וואָס פאַר אַ קוואַל האָט שלום-עליכם געשעפּט זײַן הומאָר און זײַן שפּאַס? ווו ליגן די קערנדלעך פון זײַן שאַפן בכלל?

ווען מען וויל געבן אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן, איז גענוג צו וואַרפן אַ בליק אויף אונדזערע פאָלקס-מעשיות. די עלעמענטן פון שלום-עליכמס הומאָר באַשטייען דאָס רוב פון ווערטערשפּיל, שפּריכווערטער, קאַלאַמבורן, אײַנפאַלן און בטלנותדיקע באַציִונג צו וועלט און מענטש. ניט די אַלע אייגנשאַפטן פאַרמאָגט דער גרעסטער טייל פון אונדזערע פאָלקס-מעשיות, פאָלקס-ווערטלעך. ווען מען זאָל אָט די שפּריכווערטער פון פאָלקס-מעשיות צוגעבן אַ ליטעראַרישן לבוש, וואָלט פון זיי מערסטנטייל אַרויסגעוואָקסן אַ הומאָרעסקע, אָדער אַ שפּאַס אין סטיל פון שלום-עליכם. פאַרשטייט זיך, אַז מ'דאַרף זײַן געבענטשט מיט שלום-עליכמס טאַלענט כדי צוצוגעבן, אַזוי צו זאָגן, די נייטיקע קייטלעכיש פון דעם סיפּור-המעשה, אָבער אין פלוג גענומען ליגט דער וואָרצל פון זײַן שאַפן אין דעם פאָלקס-אוצר.

שלום-עליכמס גרויסקייט שפּאַרט זיך אָן אויף זײַנע גרונטטיפּן — אויף מנחם-מענדלען און טוביהן. דער ערשטער איז דער ראָד, אַרום וועלכן עס באַוועגט זיך פון די אַלע מעשיות, חכמות און אײַנפאַלן פון די פאָלקס-וויצלער, ווי מאָטקע חב"ד, הערשעלע אָסטראָפּאָליער, שמערל שניטקעוויטשער, יאָסל מאַרשאַלעק, מדרכי כאַרקאָווער און שײַקע פײַפער... ווי נשמות ערטילאות, ווי גײַסטער אָן אַ גוף, האָבן זיי אַרומגעשוועבט איבערן יידישן תחום און האָבן פריילעך געמאַכט אונדזערע זיידעס און באָבעס שווער לעבן. דאָס איז געווען דער הומאָר שבעל-פּה. די חכמות און די עם-האַרצישע תורה-ווערטלעך האָבן זיך פון מויל צו מויל איבערגעגעבן אַלץ מער פאַרגרײַזט און אַלץ מער קיצלדיק אַזוי ווי דער הומאָריסטישער שפּראַך-קאַלאַמבור און לופט-יאָגעניש. — דער צווייטער איז דער קוואַל פון זײַן עם-האַרצישן קאַלאַמבור און פאָלקסטימלכער געזונטער פשטות, וואָס האָט הנאה פון גאָטס וועלט, ווי יעדער גאָטס באַשעפעניש.

אָט די דאָזיקע עלעמענטן, אויף וועלכע עס באַזירט זיך אַזוי שלום-עליכמס ערפאָלג און ווירקונג שטאַמען פון די אַלטע גוטמוטיקע מעשיות פון המון וואָס האָט ליב געהאַט אַ תורה-ווערטל, אַ פּסוק צעקאַליעטשעט און לעפיש פאַרטײַטשט פון אַ בעל-עגלה, אָדער אַ שנײַדער, וואָס האָט זיך אָנגעשמעקט מיט דעם ריח פון אַ בן-תורה. פון דעם פּלפּול און חריפות איז דאָך בכלל ניט ווײַט צו דער קאַריקאַטור. ווען איין וואָרט, אָדער איין פּסוק ווערט פאַרדרייט און פאַלש אויסגעטײַטשט. די גאַנצע געבײַדע פון סכאָלאַסטיק און קאָפּ-דרייעניש האַלט זיך דאָך קוים אויף אַ האָר; איז גענוג אַז אַ „בור דאוריתא" זאָל זיך צו דעם צורירן און פון דעם לופטשלאָס וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם... טוביה דער מילכיקער נעמט אויף זיך אָט די

דאָזיקע ראָלע צו הרגענען און צעמאַזיקן די תורה-ווערטלעך אין די פּסוקים. מנחם-מענדל פּאַלמעסט דעם יידישן האַנדל-וואַנדל און באַזאַלצט עס און באַפּעפּערט עס מיט דער ישיבה-בחורשער פאַנטאַזיע, וואָס איז אַריבערגע-טראָגן געוואָרן פון די „בּותלי בית-המדרש" אין דעם עולם המעשה אַריין. בעצם זיינען זיי צוויי עקן פון איין שטעקן, זיי זיינען די פּאַרטזעצער. בלעטלעך איינציקע און אָפּגעריסענע פון אַ בוך האָבן זיי אַרומגעוואַנדלט פון דאָרף אין שטעטל און פון שטעטל אין דער גרויסער שטאָט אַריין און האָבן געזוכט אַ תקון פאַר זייער נשמה. זיי האָבן געוואַרט אויף דעם קינסטלער-הומאָריסט, וואָס זאָל זיי ס ט י ל י ז י ר ן, וואָס זאָל פון זיי אָפּוואַרפן דאָס פּסולת, דאָס ווילדע פלייש און שאַפן דעם נאַציאָנאַל-יידישן הומאָר...

דער קינסטלער איז ענדלעך געקומען און האָט דאָס טייג אויף זיין שטייגער צעקנאָטן און אַריינגעבלאָזן דערין לעבעדיקן צאַפּל און חיות פון פאָלק.

„ליטעראַרישע בלעטער" נומ' 104, „צייט" (ווילנע) 1936.

דער „זיידע" וועגן יידישן פאָלקלאָר

(ר ע פ אָ ר ט אַ ז ש)

געווען איז עס בימי קערענסקי, אין דעם האָניק-חודש פון פּאָליטישער ליריק, ווען די גאַנצע, אָן אונטערשייד רוסישע באַפעלקערונג איז באַפליגלט געווען מיט טרוימען, האָפענונגען און סענטימענטן צו דער רעוואָלוציע. אַפילו די גרינדער פון דער היסט'-עטנאָגר'-געז', וועלכע זיינען געווען מיטלמעסיק-קאַדעטיש געשטימט זיינען מיט אַ מאָל געוואָרן סענטימענטאַל לגבי די יידישע רעוואָלוציאָנערן... ווי באַקאַנט האָבן די רעוואָלוציאָנערן נאָך דער קערענסקי-רעוואָלוציע זיך געשמאַק גענומען נישטערן און קאָנפיסקירן אַלע דאָקומענטן און בילדער אין די אָכראַנקעס. מורא האָבנדיק, אַז די דאָקומענטן וועגן די יידישע רעוואָלוציאָנערן זאָלן ניט גיין לאבוד, האָט מיך די היסטאָריש-עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט באַפולמעכטיקט באַקומען אין די שטעט פון דרום-רוסלאַנד פאַר דער געזעלשאַפט אַלע דאָקומענטן, וואָס האָבן נאָר אַ שייכות צו די יידישע רעוואָלוציאָנערן. אין יענע טעג האָב איך באַקומען אַן אָפיציעלע באַפולמעכטיקונג, אונטערגעשריבן פון דעם פאָרזיצער אַדוו' ווינאַווער און ש. אַנסקי. אין קאַנווערט איז געלעגן אַנסקיס בריוו, אין וועלכן ער טיילט מיר מיט, אַז ענדע חודש וועט ער זיין אין קיעוו און פאַר מיין פאָרן קיין אָדעס האָט ער מיט מיר איבערצושמועסן.

* * *

עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין מיין צימער.

— אַריין!

אויף דער טיר האָט זיך באַוויזן דער ליבער סעמיאָן אַקימאָוויטש מיט הײַטערע פּײַכטע און קינדיש-נאַיִווע אויגן. אונטער די הענט האָט ער געטראָגן אַ פּאַקעט, און ווענדנדיק זיך צו מיר, האָט ער מיר געזאָגט:

איר וועט דאָך זײַן אין אָדעס, אפשר וואָלט איר נעמען אויף זיך פֿאַר־פיקסירן דעם זיידן מענדעלעס מימרא? ער איז דאָך אַזוי אַלט, און ווער ווייס וויפֿל ער וועט לעבן.

דער פּאַקעט איז באַשטאַנען פֿון אַ ספּעציעלן אַפּאַראַט, וואָס פיקסירט יידישע פֿאָלקסלידער אָדער אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען פֿון גרויסע לײַט, שרײַבער און פּערזענלעכקייטן. און אַן–סקי האָט מיט ליבע און ברען זיך גענומען מיר ערקלערן ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיטן אַפּאַראַט.

* * *

פֿאַרענדיקט מיט מײַן שליחות אין דער אָדעסער געמישטער רעוואָלו־ציאָנערער קאָמיסיע האָב איך גענומען טראַכטן וועגן מײַן וויזיט צום זיידן, וואָס האָט זיך דאַן געפֿונען אויף אַ זומער־וווינונג אויפֿן פֿאָנטאַן און איך מיטן אימפּולסיון ח. נ. ביאַליקן האָבן זיך געלאָזט פֿאָרן מיטן טראַמוויי צום זיידן, לויטן פֿאַרנאָטירטן אַדרעס בײַ ביאַליקן. צו געפֿינען די ווילע איז ניט געווען אַזוי שווער ווי אויסצוזוכן אין דער ווילע גופא דעם זיידנס דירה. אַדעסער ייִדן האָבן, משמעות, דאָס ערשטע מאָל געהערט פֿון אַזאַ מין ייִדישן שרײַבער. דערזען, אַז פֿון די דאָזיקע ייִדן וועלן מיר קיין טאָלק ניט דערגיין האָבן מיר זיך געווענדט צום סטרוזש. דער גוי האָט זיך פֿאַרמחט און דערנאָך אַ פֿרעג געטאָן:

— אַן אַלטיטשקער? אַ גרויער? מיט גאָלדענע ברילן?

— — — — — — — — — — — — — — —

געטראָפֿן האָבן מיר דעם זיידן אויף דער וועראַנדע. אַרום און אַרום האָבן געגרינט די פֿעלדער און לאָנקעס, און די פֿייגל האָבן געזונגען זייער שירה.

דער גרויסער נאַטור־שילדערער, האָרכער און פֿײַנפֿילער האָט זיך צוגע־הערט צום רוישיקן קאָנצערט און באַטראַכט די גרינע פֿאַרשיידנפֿאַרביקע נאַטור. זײַן פּנים באַזילבערט מיט דער גרויער באָרד האָט געשטראַלט אונטער זײַן פּירקאַנטיקער זײַדענער יאַרמלקע.

עס האָט זיך זייער ניט געוואָלט שטערן די פֿרידלעכע שטימונג, וואָס האָט דאָ געהערשט.

ביאַליק האָט מיך פֿאָרגעשטעלט אַלס שליח פֿון דער היסטאָר'־עטנאָגר' געזעלשאַפֿט און זאַמלער פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר. דער זיידע האָט מיך דורכגע־נומען מיט זײַנע שאַרפֿע אויגן דורך די גלאַנציקע ברילן און זיך גענומען פֿונאַנדערפֿרעגן בײַ מיר וועגן מײַן פֿאָלקלאָר־זאַמלונג, ווי ייִדיש און העברעיִש „שלאָגן בלאַט". איך געדענק אַז איך האָב אים דעמאָנסטרירט ווי די פֿאָנאָ־

טישע שפּאָלע העברעיִזירט דאָס פּאָפּולערע לידעלע „ציגעלע מיגעלע קאָטאַנאַ" אַזוי תּלמודיש — קונציק:

„צי גולה?
מי גולה?
כּתנאי"...

דער וואָס האָט זיך אייביק געטובלט אין דער ייִדישער פֿאָלקס־נשמה האָט ניט געקאָנט זיך ניט אינטערעסירן מיט יעדן קנייטשל און מינדסטן ניואַנס. אויף דעם זיידנס ליפּן האָט געשוועבט אַ גוטמוטיקער שמייכל, וואָס האָט באַטײַט, אַז ער האָט משונה הנאה...

דערזען, אַז דער זיידע איז צופֿרידן, האָב איך זיך גענומען אויסנוצן אַב־פּקיס אַפּאַראַט און פֿאַרגעלייגט דעם זיידן אַרײַנלייענען אין דעם אַפּאַראַט דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון זײַן „קליאַטשע". דער זיידע איז גלײַך מרוצה געוואָרן, נאָר אַזוי ווי ער געדענקט ניט אויסנווייניק, האָט ביאַליק דערטאַפּט בײַם זיידן, דורך דער באַבע פּעסעלע, „די קליאַטשע" און „סופֿלירט". דער זיידע האָט געהאָרכזאַם איבערגעחזרט מלה במלה ביזן סוף.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב זיך געאײַלט צום צוג און געזאָגט ביאַליקן: נו, מירן זיך געזעגענען מיטן זיידן.

דערויף האָט דער זיידע אַ זאָג געטאָן מיט זײַן שמייכעלע:

— עס איז נאָך אַ פֿראַגע, ווער פֿון אונדז איז דער זיידע: צי דער מחבר פֿון דער „קליאַטשע" צי דער זאַמלער פֿון „ציגעלע מיגעלע קאָטאַנאַ"...

(„מאָמענט", 27 דעצעמבער 1923, „ווילנער ראַדיאָ" 1936).

די נשמה פֿונעם פֿאָלקסליד

די נשמה האָט איר ב אַ ז ו נ ד ע ר שפּראַך. דער ווערטער־לשון איז ניט תּמיד ביכולת אויסצודריקן די ניואַנסן און די האַלבע טענער פֿונעם מענטשלעכן פֿילן.

דאָרט, ווו דאָס וואָרט איז שטום און טויב אויף אויסצודריקן די נשמה־עמאָציעס קומט איר צו הילף דאָס ליד, וואָס ציט, כּידוע, איר יניקה פֿון דער איידלסטער און פֿײַנסטער מוזיק — פֿון דער נשמה־מוזיק. אינעם ליד שפּילט די הויפּטראָל אָט די דאָזיקע מוזיקאַלישקייט, וואָס גיסט, אַזוי צו זאָגן די ווערטער אין אַ מוזיקאַלישן ריטם. דאָס ליד באַפֿרײַט דאָס וואָרט פֿון די שווערע קייטן פֿון טעמפּקייט און באַנאַלקייט, וואָס דאָס וואָרט האָט באַקומען פֿון דעם שטענדיקן נוצן, פּונקט ווי די מטבע ווערט אָן איר גלאַנץ און נײַקייט פֿון דעם שטענדיקן איבערגיין פֿון האַנט צו האַנט...

אויב דאָס ליד בכלל איז, געוויינטלעך, די שפּראַך פֿון דער נשמה, איז דאָס פֿאָלקסליד די שפּראַך פֿון פֿאָלקס נשמה און אויב אין דער

ליד פון דעם מאָדערנעם דיכטער זײַנען אָפּט פֿאַראַן געקינצלטע עלעמענטן, וואָס טראָגן אַרײַן אַ דיסאָנאַנס, אַ פֿאַלשן טאָן אין דער נשמה=מוזיק, איז אָבער דאָס פֿאָלקסליד אַ קאָלעקטיווע שאַפֿונג פֿון אַ געוויסער סביבה, אַ פּראָדוקט פֿון געפֿילן און איבערלעבונגען פֿון אַ געוויסן קיבוץ, וואָס האָט זײַן לייד און פֿרייד איבערגעדיכטעט אין אַ ליד, ריין פֿון אַמביציעס און פּניות פֿון דעם יחידישן מחבר און ממילא לויט איר עצם מהות באַפֿרײַט פֿון געקינצלטקייט און געמאַכטקייט פֿון דער מאָדערנער דיכטונג. דאָס פֿאָלקסליד שטעלט מיט זיך דעריבער פֿאָר אין דעם פּרט אַ רײַכן מאַטעריאַל פֿאַר דעם וואָס וויל אַרײַנדרינגען אין די טיפֿסטע טיפֿענישן פֿון דעם פֿאָלק אין זײַן תּמימות און אין זײַן טרוים, אין זײַן רעאַגירן אויף די פֿאַרשיידנסטע ערשײַנונגען פֿון לעבן. עס איז די ריכטיקסטע און בעסטע מאָס צו מעסטן דעם קולטור=צושטאַנד און די פּסיכיק פֿון דעם פֿאָלק, וואָס האָט דאָס ליד פֿאַרפֿאַסט „כּמשיח לפֿי תּומו" אָן זײַטיקע פּניות און אויסגעדריקט זײַן גאַנצן פּסיכאָלאָגישן וועזן אינסטינקטיוו און אוממיטלבאַר. אונדזער ייִדיש פֿאָלקסליד שטעלט נאָך מיט זיך פֿאָר אַ באַדײַטנדן אינטערעס פֿאַר דעם פֿאָרשער פֿון אונדזער פֿאָלקשפּראַך און פֿון אירע פֿאַרשיידנסטע דיאַלעקטן, רעדנסאַרטן, שפּראַכווירקונגען, עטנאָגראַפֿישע באַזונדערקייטן און אונטערשיידנהייטן פֿון ליטע, פּוילן, זאַמוט און רוסלאַנד. אונדזער פֿאָלקסליד אונטערשיידט זיך פֿון פֿאָלקסלידער פֿון די אייראָפּעיִשע פֿעלקער אויך דערמיט, וואָס זי איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אויף אַ לשון, וואָס די „אויבערשטע פֿונעם שטויסל", די גבֿירים און באַלעבאַטישע שיכטן האָבן געהאַלטן פֿאַר אַן אומכּבֿוד צו באַנוצן זיך מיט אים. דעריבער איז איר מחבר געווען דאָס פּשוט פֿאָלק, דער ייִדישער המון. און נאָך אַ שטריך וואָס איז כּדאַי אָנצומערקן: בשעת די מערסטע פֿאָלקסלידער זײַנען געבוירן געוואָרן, האָט דאָס ייִדיש פֿאָלק נאָך געלעבט אַ ריין פּאַטריאַרכאַל=רעליגיעז לעבן. די וועלטלעכע באַגריפֿן און געפֿילן, ווי ליבע, למשל, זײַנען געווען פֿרעמד דעם כּלי־קודש=דיקן עולם, וואָס האָט באַאײַנפֿלוסט דעם גאַנצן ייִדישן קיבוץ. און אָט די וועלטלעכע לידער זײַנען טאַקע געווען אויסשליסלעך די לידער פֿון דעם בעל=מלאכה, בעל=עגלה, כּלי=זמר, חזן, פֿון דעם שנײַדער־יונג און דינסטמיידל, פֿון דעם המון און, טיילמאָל, אויך פֿון דעם קליינקרעמערל און דעם גראָשנדיקן סוחרל, וואָס זײַנען געקומען אין שטענדיקער באַרירונג מיט דעם המון. אויף אונדזער פֿאָלקסליד האָבן אָן שום צווייפֿל געהאַט אַ ווירקונג די שפּראַכן פֿון די פֿעלקער מיט וועלכע דער ייִדישער המון האָט צוזאַמענגעלעבט. פֿיל פֿון אונדזערע לידער זײַנען צוזאַמענגעמישט מיט פֿרעמדע ווערטער און מיט גאַנצע שטיקער פֿרעמדער שפּראַך. ווייניק פֿון זיי, און מערקווערדיק, דאָס רובֿ די וואָס טראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער אַנטהאַלטן אין זיך מער מאַלאָראָסישע און פּויליש=ליטווישע שפּראַך־עלעמענטן, ווי די אַלע איבעריקע פֿאָלקסלידער; דאָס רובֿ לידער, דערהויפּט די ליבע=לידער,

קאָנען דינען פאַר אַ שפּראַכמוסטער. זיי פאַרמאָגן אין זיך גענוג חן און תמימות, בילדלעכקייט און נאַטור־שילדערונג, וואָס איז בכלל פרעמד געווען דעם בית־המדרשדיקן עולם. אין די דאָזיקע לידער קאָן מען זען, ווי גרויס איז די ווירקונג פון דער נאַטור און אומגעבונג אויף די פאַרשיידנסטע טיילן פון יידישן פאָלק אין פוילן, רוסלאַנד און ליטע. ניט נאָר דער דיאַלעקט אונטערשיידעט זיי איינס פון אַנדערן, נאָר דער טעמפּעראַמענט ווו בילד־לעכקייט שפּיגלען זיך צום קלאָרסטן אָפּ. עס ווענדט זיך ווו די לידער זײַנען געזונגען געוואָרן: אין ליטע צי אין וואָלין, אין זאַמוט צי אין פוילן.

דאָס אוקראַיִנישע יידישע פאָלקסליד האָט שטאַרק ענלעכקייט לויט זײַן טאָן און הומאָר מיט דעם אוקראַיִנישן פאָלקסליד. זײַנע פאַרגלײַכונגען און סברות, אַזוי צו זאָגן, קוועלן אַפּנים אַרויס פון איין מקור. אָט, למשל, איז אַ פאָלקסליד, וואָס ווערט געזונגען אין קיִעווער געגנט:

איך וועל דיר פון האָבער שטרוי
שפּינען ווײַסע זײַדן,
נאָר דו זאָלסט מיר אַ לייטער שטעלן
איך זאָל צום הימל שטײַגן.
איך וועל דיר אַ לייטער שטעלן
דו זאָלסט צום הימל שטײַגן,
נאָר דו זאָלסט מיר זיבן קינדער האָבן
און אַ מיידל בלײַבן.
און דו זאָלסט מיר זיבן וויגלעך מאַכן
אָן מעסערס און אָן געצײַגן.
אַזוי ווי ס'איז ניט מיגלעך זיבן וויגלעך
מאַכן אָן מעסערס און אָן געצײַגן,
אַזוי איז ניט מיגלעך זיבן קינדער האָבן
און אַ מיידל בלײַבן,
אַזוי ווי ס'איז ניט מיגלעך אַ לייטער שטעלן
ער זאָל צום הימל שטײַגן,
אַזוי איז ניט מיגלעך פון האָבער־שטרוי
שפּינען ווײַסע זײַדן,
אַזוי ווי ס'איז ניט מיגלעך פון האָבער־שטרוי
שפּינען ווײַסע זײַדן.
אַזוי איז מיגלעך פון שוואַרצע קוילן מאַכן ווײַסע קרײַדן;
און אויב דו ווילסט מײַנע זײַן,
זאָלסטו בײַ מיר בלײַבן.

דאָס דאָזיקע פאָלקסליד איז לויט איר געבײַ און אַרט שילדערונג זייער ענלעך צו די מאַלאָראַסישע פאָלקסלידער. זי איז נאָר לאָגישער אין די פאַרגלײַכונגען. זי באַווײַזט קלאָר די נאָענטקייט פון דעם המון צו

דעם דאָרף און צו דער פּשוטער ליבע, אָן גמרא־המצאות און אָן איבעריקע סענטימענטאַליטעט.

אָט איז נאָך אַ פאָלקסלידל, וואָס דערמאָנט די מאַלאָראָסישע פאָלקס־„טשאַסטושקאַ״:

אַז דו האָסט געוווסט, אַז דו ביזסט אַ מאַלטשישקע,
וואָס האָסטו געדאַרפט גיין אין שטוב?
און אַז דו האָסט געוווסט, אַז דו וועסט מיך ניט נעמען
אַ שלעכטן שם האָסטו אויסגעטראַכט אויף מיר.
ס׳איז מיר אַ חרפּה, ס׳איז מיר אַ בושה,
ס׳איז מיר אַ חרפּה אין גאַס אַרויסצוגיין.
אַלע מיידלעך וועלן טייַטן מיט די פינגער,
אַז מיט אַ צווייטער טוסטו גיין.

אָדער דאָס דאַזיקע פאָלקסלידל, וואָס איז שוין שטאַרק ענלעך לויט זייַן נוסח און לויט זייַן טאָן צו דעם מאַלאָראָסישן פאָלקסליד:

אוי, מאַמע, קאַטשקעס שווימען,
און מייַן שיינער וועט שוין קומען
און מייַן מאַמע וויל ניט לייַדן
נאָר פאַר מורא מוז זי שווייַגן.
אוי מאַמע, איך בין פאַרפאַלן,
ווער קען זייַן אויף מיר אַ בעלן
טאַקיזש טאָבי, דאָניאַ, נאַדאָ
נע הוליאַי סקעם נע נאַדאָ.

ליטע מיט איר טרוקנקייט, מיט איר דלות אין נאַטור־פּייזאַשן און פאַרבן, דערקאָנט מען גלייַך אין די ליבע־פאָלקסלידלעך:

מיר וועלןביידע אַ ליבע שפּילן,
מיר וועלן ביידע זייַן פון גאָט אַ פּאָר.
דו האָסט מיר צוגעזאָגט דו וועסט מיך נעמען;
אוי, וואַרטן וועל איך אויף דיר צוויי־דרייַ יאָר.
צוויי יאָר, דושו, דרייַ יאָר ליובו,
דרייַ יאָר וואַרטן אויף דיר איז כדאַי!
געלט אין פאָלק אַרייַן וועל איך דיר צושיקן,
סטראַדאַיען וועל איך בייַ מייַן שנייַדערייַ.

אַזוי דריקט אויס איר ליבע אַ ליטווישע מיידל, אַ „שנייַדערקע״; טרוקן, פּראָזאַיִש, ווי דער הויף פון איר שטעטל, ווי דער דלותדיקער קרופּניק...

צרות און דאגות האָבן מיך אַרומגענומען,
אַזוי ווי אַ באַנדער די פאַס;
הייַנטיקע יינגלעך טאָר מען ניט גלויבן
אַזוי ווי אַ הונט אויפן גאַס.

„ווי אַ באַנדער די פּאַס", „ווי דעם הונט אויפן גאַס", אַט דאָס זײַנען די ליטווישע יידישע המונישע פּאָעזיע-פאַרגלײַכונגען. קיין בעסערן אַרומנעמען, „ווי דער באַנדער די פּאַס" האָט זיך דער שנײַדערין ניט פאַרגעשטעלט אין קיין שענערן פאַרגלײַך, ווי „דער הונט אויפן גאַס" ווייס זי ניט...

און אַז דער שוסטער איז שוין אַרײַן אין דער געהויבענער שטימונג און האָט שוין אין זײַן פאָלקסליד געוואָלט זײַן פּאָעטיש האָט ער זיך צעזונגען:

אין—אין—אין אַ שיינער זומער-נאַכט
די ל ב נ - נ ה האָט זיך אַזוי שיין געשײַנט
אַ ריכטי—קי—קער אַנטוואָרט האָסט מיר דוש—שעניו געגעבי—בין
אַז דו ווײסט מיר קיינמאָל ניט האָבן פײַנט...

די לבנה... דאָס איז שוין אין ליטע דער העכסטער פאָלקס סימבאָל פון ליבע, זאָל ער זײַן ליבע פאַרגלײַכן מיט בלומען, וואָס ער האָט אין שטעטל זייער ריח ניט געשמעקט? צי זאָל ער מאָלן אַ נאַטור-פייזאַש בשעת דער גאַנצער אַרום איז פול מיט בלאָטע און מיט שימל...

פּוילן, דערהויפּט דאָס פּויליש-יידיש שטעטל מיט זײַן צוקער-זיסער סענטימענטאַליטעט, וואָס פּילט אָן זײַנע שבתדיקע פיש מיט מערן און צוקער (אַנשטאָט דעם, וואָס ליטע האָט אַזוי ליב געפּילטע פיש מיט פעפער) איז אויך צוקער-זיס אין אירע יידישע פאָלקסלידער. זיי זײַנען סענטימענטאַל שבתדיק און האַרציק:

קליפּ-קלאַפּ אין גאָלדן טיר,
שלאָפסט, מײַן חיות, עפן מיר.
שלאָפן, מיידעלע, שלאָף איך ניט
נאָר עפנען דיר קאָן איך ניט. אאַז"וו.

עס פּילט זיך אין אָט דעם דאָזיקן ליבע ליד, די צניעותדיקייט פון דעם המון אין דער קליינער פּוילישער שטעטל, וואָס איז געווען אַרומגעוועבט מיט דעם רביאיזם. דער שנײַדער צי דער שוסטער האָט ניט געוואַגט דער „מיידעלע" די טיר עפענען... אין דעם דאָזיקן פאָלקסליד הערט זיך שוין דער ריח פון דעם גרינעם גראָז, פון דעם וועלדעלע מיט גרינע צווײַגעלעך, ווו ס'שלאָפן גאָטס פייגעלעך...

און צו דער זעלבער צײַט פּילט זיך די פאַרשטיקטע לײַדנשאַפט, וואָס האָט שוין גענומען קלאַפּן אין גאָלדן טיר פון דער פּויליש-יידישער יוגנט. זי איז ליריש און שיין. ס'איז שוין דער אָגזאַג פון פרץ און אַש...

אָדעסער קאַנט זינגט זיך אויף זײַן אַרט און שטייגער זײַן יידיש פאָלקסליד, ווי עס פּאַסט פאַר אָדעס. אָט, למשל, וועלן מיר אַרויסכאַפּן אַ פּאָר שורות, וואָס שפּיגלען אין זיך אָפּ אָדעסער ליבע-השגות:

דיך האָב איך ליב און דו ביסט בײַ מיר טײַער
מיט דיר וועל איך אויסלעבן מײַן וועלט

וויל דו ביסט אַ מיידעלע מיט אייגענע פוניאַטיעס
וועל איך דיך נעמען אָן אַ קאָפּקע געלט.

דער עיקר — אַ מיידעלע מיט אייגענע „פוניאַטיעס", פאַרדינט זי, אַז מ'זאָל זי נעמען אָן נדן. פּראַקטיש און פּראָסט, אָן שום קעלבערנער התפּעלות, ווי עס פּאַסט פאַר אָדעסער מאָלדאַוואַנקע מיט איר עם-הארצות, טרוקנקייט און פּרימיטיווקייט. אין ליטע פילט זיך די וואַרעמקייט פונעם האַרצקלאַפּן, און אָדעס, למשל, האָט אירע אייגענע „פוניאַטיעס". — ניט קיין קאָפּ און ניט קיין האַרץ, אייגענע השגות פון דעם מאַלדאַוואַן...

וואָלין און פּאָדאָל... אין זייערע יידישע פאָלקסלידער פילט זיך די פּויליש-יידישע באַהאַרצטקייט און די אוקראַיניש-יידישע לעבנסדורשטיקייט:

טעכעלעך, טעכעלעך טריקענען אויס
בלייבט דאָך גריבעלעך ליידיק,
און ווען אַ מיידעלע שפּילט אַ ליבע,
בלייבט איר אין האַרצן אויף אייביק.
מיידעלעך, מיידעלעך שפּילן ליבעס
שפּילן אין זיי אַלע פאַרבן
און ווען אַ מיידעלע שפּילט ניט אויס קיין ליבע,
קאָן זי נאָך יונגערהייט שטאַרבן.

די מיידעלעך, וואָס אין זיי שפּילן אַלע ליבע-פאַרבן פון וואָלין און פּאָדאָליע האָבן דעם פאָלקסליד צוגעגעבן די ווייבלעכקייט און צאַרטקייט, מיט וועלכן וואָלין איז בכלל אַזוי באַגאַבט און ניט נאָר די ליבע לידער טראָגן אַ פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער אָפּהענגיק פונעם געגנט, ווו זיי זיינען געשאַפן געוואָרן. אויך די איבעריקע אַרטן פון פאָלקסליד אונטערשיידן זיך, סיי לויט זייער אינהאַלט, סיי לויט זייער הומאָר, — עס ווענדט זיך ווו זיי זיינען געזונגען געוואָרן. אויף וואָס פאַר אַ באָדן די וויגעלע פון זייער שאַפן איז תחילת געשטאַנען. קאָוונע, למשל, זינגט אויף אַזאַ אופן:

ערעב לייזער, ערעב לאָזער
ערעב יאַנקעלע מיכאל
גבורי ישראל!
נעמט זיך אָן
און טראָגט די פאָן
— אַי ס'איז דאָך שבת היינט
און דער ערוב איז צעריסן
אַז מ'וועט איינעמען דעם פיינט
וועלן מיר דאָך סיי ווי וויסן
רבונו של עולם, הוררא!
— גיי זשע דו
— ניין, גיי דו

טאָ האַלט זשע כאַטש מיך צו
— אַי ס'איז דאָך שבת היינט אַזוי.

וויטעבסק, ווידער שרייט אויך „רבונו של עולם", הורא!", נאָר עס שמעקט שוין מיט הינטער-אויוון-פּאָליטיק:

און אַז משיח וועט קומען
וועט אונדז ווערן אַ פּולע בעסער
און בראָנפן און ווײַנען
וועלן זיך גיסן פון די פעסער
און ווער וועט דאָס אַלעס זען?
דער הייליקער פאָלק ישראל
אין טאַקע איך אויך,
אָט — אָט — אָט געצל-מיכאל
טאָ לאָמיר שרײַען רבונו-של-עולם, הורא!
און אַז משיח וועט קומען,
וועט מען ניט דאַרפן גיין אין סאָלדאַטן
און סענדער גאַטשינער *
וועט האָבן דעם פּסק פון זײַן טאַטן...
און ווער וועט דאָס אַלעס זען? אד"גל.

אוקראַינע, וואָס איז שוין גאַנץ לאַנג „געכאַפּט אויף דער מעשה" ערלויבט זיך צו וויצלען אויף אַזאַ מין שטייגער:

דער רבי מיט די חסידים
זײַנען אין מדבר געווען
אוי, וויי דער רבי!

און האָט אויף דער יבשה
אַ פיש געזען
אוי, גוואַלד דער רבי!

דער רבי האָט די פיש גוט באַטראַכט
אוי, וויי דער רבי!

און האָט די פיש דער רעבעצן געבראַכט
אוי, גוואַלד דער רבי!

און אַז מ'האָט די פיש אַרויסגענומען פון טאָפּ
אוי, וויי דער רבי!

איז יעדן חסיד אויסגעקומען צו קאָפּ
אוי, גוואַלד דער רבי!

* אַלעקסאַנדער ראָמאַנאָוו אין גאַטשינאַ

און אפשר ווילט איר וויסן
ווי דער נס איז געשען
אוי, ווי׳ דער רבי!
איז גאָר די מעשה
קיין מעשה ניט געווען...
אוי, גוואַלד דער רבי!

דאָס דאָזיקע הומאָריסטישע פאָלקסליד איז באַחנט מיט די אַלע מעלות, וואָס דאָס יידיש־אוקראַיִנישע פאָלקסליד האָט בכלל, זי איז גוטמוטיק־הומאָריסטיש, בילדלעך און צאַפּלדיק, עס פילט זיך אין איר דער לאַכן פון אַ געזונטן יידן, וואָס אַלע זיינע חושים זיינען פול מיטן גענוס פון „עולם הזה״...

דאָס פאָלקסליד, וואָס טראָגט אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, שטאַמט דאָס רוב פון אוקראַיִנע. דערויף זאָגן עדות די פיל אוקראַיִנישע ווערטער, וואָס ווערן אינעם ליד געברויכט. גאַנץ אָפט באַשטייט דאָס ליד פון דריי שפּראַכן: לשון־קודש, מאַלאָראָסיש און יידיש. מיט וואָס ערקלערט זיך דער דאָזיקער „רבוי לשונות״ אין דעם רעליגיעזן פאָלקסליד איז שווער צו ערקלערן, גאַנץ מעגלעך, אַז די סיבה דערפון איז וואָס דער פאַרפאַסער פון די לידער, דער יידישער המון, דער ישובניק דער קצב, דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט און דער בעל־מלאכה, וואָס זיינען תמיד געווען אויסגעבונדן מיטן פּויער, האָבן שוין ממילא איינגעזאַפּט אין זיך לשון. אָט איז למשל, אַ יידיש־אוקראַיִניש ליד:

...על נהרות בבל שם ישבנו
אך בכינו אבל בן לא שכחנו
אויף די טייכן פון בבל זיינען מיר געזעסן
אָך האָבן מיר געוויינט אָבער אין דיר ניט פאַרגעסן
נאַ אָזערע וואַווילאָנסקי מי סידעלי
אַך מי פלאַקאַלי אַ אָ טעבע נע זאַבילי אאַז״וו.

אָדער:

אמר ה׳ ליעקב
יאָ, טאַטעניו, יאָ
דו האָסט דאָך אונדז צוגעזאָגט
אל תירא עבדי יעקב
ניע באָיוס ניקאָווּאָ.
ניע באָיוס ניקאָווּאָ
אי ניע וויעריו ניקאָמו
טאָלקאָ באָגו אַדנאָמו.

עס איז כאַראַקטעריסטיש בכלל פאַר רעליגיעזן פאָלקסליד, וואָס איז אויסגעמישט מיט גויִשע ווערטער. אפשר האָבן די מחברים געוואָלט, אַז די

שכנים זאָלן פאַרשטיין זייער געזאַנג און עס איז געווען אַ מין אַגיטאַציע פאַרן „קיום היהדות״ אפשר...

עס איז כדאַי ביי דער געלעגנהייט צו דערמאָנען, אַז פיל פאָלקס־לידער זיינען נאָך ניט פאַרצייכנט געוואָרן באַזונדערס די פאָלקסלידער וועגן פּאָגראָמען, וואָס דאָס פאָלק האָט אין זיינע שרעקלעכסטע יסורים און איבערלעבונגען, זיין גלויבן און אַנטוישונג באַוויינט און באַזונגען, אָט איז די ליד וועגן קעשעניעווער פּאָגראָם:

די ערשטע טעג פון פסח
האָבן מיר פריילעך פאַרבראַכט.
די אַנדערע טעג פון פסח
האָט מען קעשעניעוו חרוב געמאַכט.
אַ מאָוער פון דריי עטאַזשן
האָט מען ראַזרושעט דאָ דנאָ
און ווילדע קולות און שרייען
בעי זשידאָוו הורא!
פּערענעס האָט מען געריסן
און פעדערן געלאָזט אויפן ווינט
אין פעדערן איז מען געגאַנגען
אַזוי ווי ווינטער אין שניי.

דאָס דאָזיקע ליד, וואָס איז שפּראַך — אָרעם און אומבאַהאָלפן איז אָבער געוויס אַ פאָלקסליד, דאָס הייסט עס איז אַ פּראָדוקט פון דעם המונס שאַפן, ניט קיין בדחן און ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער גראַמען־מאַכער האָט עס געשריבן — אויף דער דאָזיקער פאָלקסליד ליגט דער שטעמפּל פון פּרימיטיוויקייט, וואָס זיינען די בעסטע ראיות און סימנים פון פאָלקס־שאַפן.

אָט האָט איר אויף דער זעלבער טעמע, אָבער אַ מער ראַפינירטע ליד:

דאָרט און דאָרט און אויף די שטיינער
דאָרט זיצט אַ כלה אין אַ חופּה־קלייד
און לעבן איר שטייט אַ מערדער אייגער.
און האַלט דעם חלף אָנגעגרייט.
דאָרט און דאָרט אונטער די הייזער
דאָרט ליגט אַ מוטער אויף אַ קופּע מיסט
און לעבן איר ליגט אַ קינד אַ קליינער
און זייגט איר קאַלטע טויטע ברוסט אַאַז״וו.

דאָס פאָלק אין זיין ברייטן און גרויסן טייל, איז נאָך פון אונדזער מאָדערנער פּאָעזיע, ניט באַרירט געוואָרן. ער שעפּט נאָך זיין באַגייסטערונג פון דער אַלטער פאָלקסליד און דאָס פאָלק וועט געוויס זיינע לעצטע יאָרן פון קאַמף און גרויסן ליידן אין פאָלקסלידער באַוואונדערן און באַקלאָגן.

פּרקים פֿאָלקלאָר

(פּ ע ל ע ט אָ נ ע ן)

דאָס פֿאָלק וועגן ארץ-ישׂראל

(אַ פּ ר ק פֿ אָ ל ק ל אָ ר)

איז דען ניט קיין ווונדער, אַ פֿאָלק פֿון „ולירושלים עירך", אַ פֿאָלק פֿון פרעכטיקע לידער, ווו גאַנץ ארץ־ישׂראל איז אויסגעמאָלט מיט טרוימערישע, דופּטיקע פֿאַרבן פֿון בענקשאַפֿט נאָך „ארץ הפּלאות", קוים דערהערט ער וועגן ארץ־ישׂראל, אַזוי פֿאַרקרימט אַן איראָניש שמייכעלע זײַנע ניכטערע ליפּן און ער הייבט אָן זיך וויצלען איבער ארץ־ישׂראל.

קרעמענעץ, די פֿעסטונג פֿון דעם „רוסישן מענדעלסאָן" — ריב"ל, זאָגט אַרויס איר משׂכּילישע אייבער־הסברא: „אוירא דארץ־ישׂראל מחכּים: אַז מ'קומט פֿון ארץ־ישׂראל מיט אַ קדחת, ווערט מען קליגער און מ'פֿאַרשטייט, אַז מער דאַרף מען ניט פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל". די „יידישע מוזשיקעס" אין דער קאָלאָניע ריקוניע (נאָך אַ געראַטעניש, באַזונדערס, ווען „ווייץ האַלט מקח") טענהן: „נאָך וואָס טויג אונדז ארץ־ישׂראל, אַז מיר האָבן ריקוניע און דער פּריץ סיניעלניקאָוו צאָלט קאַסע?" באַרדיטשעוו, וואָס פּרוכפּערט זיך און מערט זיך, זאָגט מיט אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש: „בעסער באַרדיטשע־ווער רוב־מנין איידער תּל־אביבער רוב־בנין". מינסק, וואָס איז אָנגעפּיקע־וועט מיט לומדות ווי דער מילגרוים מיט קערלעך, דרייט מיטן פֿינגער: „די נביאים שרײַבן ירושלם אָן אַ יוד צווישן דעם ל און ם, ווײַל די נביאים האָבן אַרויסגעזען ברוח קדשם, אַז קוים וועט דער ערשטער יוד זיך געפֿינען לעבן ירושלים, וועט שוין זײַן דערנאָך שווערלעך, אַז דער אַנדערער יוד זאָל זיך באַזעצן אין ירושלים, דערפֿאַר שרײַבן זיי ירושלם"...

ניט אומעטום אָבער הערן זיך אַזעלכע שטעכווערטלעך. אפילו די „בונדישע" לובלין וויצלט זיך גוטמוטיק מיט פֿונאַנדערגעשפּרייטע נאָזלעכער: „שעבערשין איז דער וועג קיין ארץ־ישׂראל: אַ קאָזע איז געגאַנגען פֿון ארץ־ישׂראל און פֿאַרבליבן אויף שבת־הגדול אין שעבערשין".

ארץ־ישׂראל איז דער סינאָנים פֿון פֿרײַהייט, יאָכלאָזיקייט. ווען, למשל, אָדעסער גנבים לאָזן זיך קיין יעליסאַוועט אויפֿן יריד און „גאָט העלפֿט", די גנבות גיבן זיך אײַן „אָן אַ קנעפּל", „אָן אַ חיפּוש", ווינקען זיי זיך איבער: „ס'איז דער אמתער ארץ־ישׂראל"... פֿראַנק און פֿרײַ... כאַטש גיב אַ רענדל פֿאַר פּאָליציי... גראַב סקאָלקאָ אוגאָדנאָ"!..

ארץ־ישׂראל, פֿראַנק און פֿרײַ... גראַב סקאָלקאָ אוגאָדנאָ!.. אָט וואָס הייסט אַ פּאָרגעפֿיל פֿון אָדעסער גנבֿים נאָך מיט עטלעכע יאָרן פֿאַר די ארץ־ישׂראל־געשעענישן!..

ארץ־ישׂראל איז אויך דער סימבאָל פֿון אַ געשמאַקן מאכל: ווען וואַרשעווער דינסטמיידלעך אויפֿן וועג פֿונעם מאַרק נאַשן מיט די פֿינגער פּאָווידלע, זאָגן זיי דערבײַ: ס'איז דען פּאָווידלע? ס'איז דאָך ארץ־ישׂראל!

קאָוונע, די רעזידענץ פֿון „צלם־קעפּ", וואָס לייגן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט תּופֿס צו זײַן דעם ענין, דרינגט: „דער סוד פֿון טעלעפֿאָן און פֿון ריידן צו דער וואַנט האָבן ייִדן פֿון לאַנג געטראַכט, והא ראיה: כּותל המערבֿי". נאָכן פּראַווען חצות אין בית־המדרש, ווען דער „קאַהאַנעץ" האָט שוין אויסגעבערעגט, זאָגן די שקלאָווער בטלני־העיר אין דער פֿינצטערניש מיט אַ זיפֿץ: „ווי נעמט מען דעם נבֿיא, ער זאָל טרעפֿן, ווען קומען די איבעריקע ווענט צום כּותל המערבֿי?".

אויפֿן באָדן פֿון כּותל־המערבֿי־סכסוכים מיט די אַראַבער האָבן זיך געשאַפֿן בײַ ייִדן חוץ שפּריכווערטער אויך לעגענדעס, פֿון וועלכע איך גיב אײַך איבער אַ כאַראַקטעריסטישע לעגענדע: די אַראַבער האָבן זיך איין מאָל געווענדט צום סולטאַן מיט אַ בקשה פֿונאַנדערנעמען דעם הויכן כּותל־המערבֿי, וואָס פֿאַרשטעלט זייערע פֿענצטער. האָט דער סולטאַן אויף דעם געענטפֿערט: איך האָב געירשנט דאָס לאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט, אויף דער הייך אָבער איז דאָ אַ ביליכערער בעל־הבית...

דאָס פֿאָלק באַקלאָגט ניט נאָר דעם כּותל־המערבֿי, נאָר אויך די שכינה. די פֿאַנאַטישע טעלדז זאָגט: „אַ ייִד דאַרף באַוויינען די שכינה ביז הנותן לשכוי בינה", קומט די לוסטיקע אינדוסטריעלע אַדעס און מאַכט חוכא ואטלולא פֿון דעם גאַנצן ענין: „דעם גלות באַקלאָגט מען נאָר אום תּשעה־באָבֿ, איין מאָל אין אַ יאָר. און די שכינה — אַ גאַנץ יאָר, ווײַל אויף אַ „מאַנצביל" איז אַ קליינער רחמנות און אויף דער שכינה איז נעבעך אַ גרויסער רחמנות — פֿאַרט אַ ייִדענע!"..

מערקווירדיק: בײַם פֿאָלק הייסט העברעיִש לשון־קודש, פֿון דעסט וועגן, אַז עס קומט צו ריידן וועגן העברעיִש, שאַנעוועט ניט דאָס פֿאָלק זײַן הייליגטום און עס שיטן זיך ווי פֿריִער שטעכווערטלעך. אָט ווערטלט זיך טשערניגאָוו: „ער איז אַ מושלם, שרײַבט אויף לשון־קוילעטש". וויטעבסק גייט נאָך ווײַטער און טענהט: „נאָך וואָס טויג דער רבוי־לשונות: העברעיִש, עבֿרית, לשון־קודש, לשון־קיפּקע, לשון־טרובקע?" און טאַקע מהאי טעמא פּראָפּאָגאַנדירט מינסק: „לערנט זיך אַ בײַשפּיל בײַ אבֿרהם אבֿינו, אַז ער האָט דערלאַנגט זײַנע געסט לשונות, האָט ער אונטערגעטראָגן די מלאכים נאָר גאַנצע לשונות און ניט צעשניטענע"... די ייִדישיסטישע באַרדיטשעוו, באַרימט מיטן פֿאַרטיידיקער פֿון דער ייִדישער שפּראַך יהושע מרדכי ליפֿשיץ און טוביה פּעדערס פּאַמפֿלעט „קול מחצצים" קעגן ייִדיש און פֿאַר העברעיִש,

איראָניזירט איבער העברעיִש און אירע פּאַרטייִדיקער „װדאי: איז לשון-קודש אַ לעבעדיקע שפּראַך. אַ ראיה: קיין מאָל איז ניט געװען דער פאַל, אַז מתים זאָלן ריידן אויף לשון-קודש"...

איך גיי איבער צו... רבי מאיר בעל-הנס. װוּנדערט זיך ניט, ליבער לייענער, וואָס איך נייג אָפּ פון מײַן טעמע ארץ-ישראל: ווי די שכינה, כּותל-המערבי, לשון-קודש, אַזוי, איז רבי מאיר בעל-הנס איינער פון די ארץ-ישראלדיקע „כּלי-קודש". צו ר' מאיר בעל-הנס קומט אָן דאָס פאָלק ניט נאָר וועגן משפּחה-אָנגעלעגנהייטן און פּרנסה-ענינים, נאָר וועגן גאולת-הארץ און ביאת-המשיח און אין געוויסע היסטאָרישע דאַטעס, ווי שבעה עשר בתּמוז, תּשעה באָב ציִען זיך די האָרעפּאַשניקעס צו דער פּושקע מיט פײַכטע אויגן און ציטערדיקע הענט מיט ח"י גראָשן.

רבי מאיר בעל-הנס איז דער לאָקאַלער בעל-מופת. ווי דער ראַדיאָ פאַרבײַט אָפּט אַ קאָנצערט-אָוונט אין האַרבסטצײַט, אַזוי פאַרבײַט ר' מאיר בעל-הנס דעם בעל-מופת אָדער דעם גוטן ייִדן. ווען דער אויסגעמאַטערטער האָרעפּאַשניק איז מיד זיך לאָזן צום רבין אין וועג.

רבי מאיר בעל-הנס-פּושקע איז דאָס לעצטע וואָרט פון ייִדישער טעכניק!...

בײַ דער געלעגנהייט איז כּדאַי איבערצוגעבן אייניגע פאָלקסטימלעכע וויצן אָדער פּשוטע פאַקטן וואָס זעען אויס ווי אַ וויץ אָדער אַ קוריאָז.

דאָס ערשטע וואָרט גיב איך דעם שטעטל דראַזשנע, באַרימט מיטן דראַזשנער רב און אומשטערבלעכן פאָלקסהעלד יוסף לאָקש:

אַ בעל-עגלה האָט אַ לאַנגע צײַט אַרויסגעקוקט אויף משיחן, אַז אָט-אָט קומט ער, ווי זאָגט דער פּסוק „בעגלה ובזמן קרוב". אַ גאַנצן יאָר געזאָגט אני-מאמין און יעדן תּשעה-באָב געוואָרפן ח"י גראָשן אין רבי מאיר בעל-הנס-פּושקע. דערזען, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, האָט ער אָנגעקלאַפּט מיט די פינגער אין פּושקע און געזאָגט: „הערט רבי מאיר, איינס פון די ביידע: אָדער ברענגט משיחן, אָדער גיט מיר אָפּ צוריק מײַנע גראָשנס!"

פּראָסקוראָוו וואַרירט די נאַיִוויטעט פון דעם המון בנוגע צו רבי מאיר בעל-הנס, אָבער גאָר אַנדערש:

אַ פרומער ייִדענע איז אויסגעקומען אַריבערפאָרן אַ טײַך אין אַ קליין שיפל. די טײַך האָט געבּרויזט און געוואָרפן מיט גרויע כוואַליעס. ס'איז געווען סכּנות-נפשות. האָט זי אַ נדר געטון, אַז זי וועט קומען בשלום, גיט זי ח"י גראָשן אין רבי מאיר בעל-הנס-פּושקע. ווי זי האָט דאָס אויסגערעדט, איז די טײַך שטיל געוואָרן. דערזען, אַז דאָס שיפל האַלט ניט ווײַט פון דעם ברעג האָט זי אַ זאָג געטאָן: צו וואָס זאָל איך געבן ח"י גראָשן, בעסער אָוועקגעבן מײַנע אָרעמע קינדער. ווי זי האָט דאָס אויסגערעדט, האָט די טײַך ווידער אָנגעהויבן ברויזן און וואַרפן מיטן שיפל. האָט זיך די ייִדענע

דערשראָקן און געזאָגט: איך מאַך אַ שפּאַס, און ער וויל שוין איבערקערן דאָס שיפל.

טשעכאָסלאָוואַקײַ (מונקאַטש) ווײַסט אויך צו דערציילן אַ וויץ וועגן רבי מאיר בעל־הנס, אָבער אַ מער ראַפינירטן: תשעה־באב קינות־צײַט האָט אַ שוסטער זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן פון דעם חורבן און געגעבן אַ נדר, אַז ארץ־ישראל ווערט געבויט, גיט ער ח"י גראָשן אויף רבי מאיר בעל־הנס־פּושקע. אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן און די יידישע שטעט און שטעטלעך האָבן עס באַטראַכט אַלס „אתחלתא דגאולה", האָט דער שוסטער געזאָגט:

רבי מאיר, איך האָב דאָס געזאָגט אויף אַ געלעכטער...

ווער האָט געזאָגט אויף אַ געלעכטער — צי דער שוסטער, צי די באַלפור־דעקלאַראַציע וועט די געשיכטע מכתמא באַווײַזן.

„דער נייער וועג" נומ' 9 (פּאַריז 1929).

דאָס פאָלק וועגן משיחן

בעת די אומות־העולם האָבן זיך געגריבלט אין דער וועלט־פּראָבלעם „זײַן אָדער ניט זײַן?" פלעגט דאָס יידישע פאָלק זיך פאַרנעמען מיט דעם משיח־פּראָבלעם, וואָס איז אייגנטלעך געווען פאַרן פאָלק די זעלבע פּראָבלעם „זײַן אָדער ניט זײַן?".

די דאָזיקע פּראָבלעם וואָלט מען געקאָנט פאָלקלאָריש פונאַנדערטיילן אויף צוויי פונקטן:

I

וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען?

עס פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע שאלה איז אַ האַרבע, בעת די דאַטע איז נאָך ניט פיקסירט און עס איז אַפילו ניט קלאָר, בײַ וועלכע אומשטענדן וועט ער קומען אויפן „ווײַסן פערד".

זשיטאָמיר, די רעזידענץ פון וואָלין, וואָס איז געשטרויכלט מיט כּעלעמער נאַראָנים, ענטפערס אויף דער פראַגע מיט אַ שטילן פאַרדראָס: „אַז משיח וועט קומען, וועלן אַלע קראַנקע געהיילט ווערן, נאָר דער נאַר וועט אַ קאַליקע ווערן". אַדעסער אָרעמע בעלי־עבירהניקעס, אָט די אייביק ניט אויסגעשלאָפענע „סטאָסיניקעס", פלעגן זיך וואָרטלען בײַם קאָרטנטיש אין דער נאַכט פון זכור־הברית: „אַז משיח וועט קומען, וועלן אַלע קאָרטן זײַן גלעזערנע".

אַוודאי, ווען קאָרטן וועלן זײַן גלעזערנע און מען וועט קענען זען, אויף וואָס יענער „סטראַשעט", וועט טאַקע זײַן באמת משיחס־צײַטן. די חסידישע פּרימיטיווע שפּאָלע זקנים, שלינגענדיק די סליגע אין מויל: „אַז

משיח וועט קומען, וועלן אַלע טײַכן ווערן ראָסל־פלייש און דעם ייִדס קאַפּאָטע — פון רעטשענע לאַטקעס". און טאַקע דערפאַר קומט די שכנותדיקע אומאַן צום באַשלוס: „אַז משיח וועט קומען, וועלן די עכו"ם ליגן ראַקעם"... אַוודאי וועט עס זײַן אויף צעפּוקעניש די „עכו"ם", ווען די כנסת־ישראל וועט אויספּליקן אַ שטיקל לאַטקע פון דער פרישער רעטשענער קאַפּאָטקע און אײַנטונקען אין ראָסל־פלייש, אַז ס'וועט אַזש רינען איבערן ייִדס באָרד... וועלן, הייסט עס, די „עכו"ם" פאַר קנאה מוזן פאַרשטעלן די אויגן און פאַלן ראַקעם.

II

פאַרוואָס קומט ער ניט און וואָס טראַכט ער זיך?

שווער, זייער שווער צו ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע, וואָס ציט זיך דורותוויַיז, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דאָס פאָלק האַלט אין איין זאָגן „אני מאמין" און שווערן זיך „זאָל איך אַזוי הערן שופר של משיח" און ווינטשן „משיחן זאָלסטו דערלעבן" און פאַראָרעמט ווערן ביז „עד שתכלה פרוטה מן הכיס", פון דעסט וועגן, איר זאָלט זאָגן, ער זאָל זיך אַפילו אָנהייבן צו רירן פון זײַן אָרט. אָט דאָס טענהן דאָך די ייִדישע קאָלאָניסטן אין ריקוניע, אין דער „פאַרגרעבטער שטאָט": „ווען משיח זאָל אַפילו קריכן ווי אַ לויז, להבדיל, וואָלט ער שוין לאַנג געדאַרפט קומען!" שקלאָווער שמירהניקעס, וואָס פלעגן זיך ווערגן אין בית־הכּסא מיט מצה־קניידלעך, פאַרענטפערן משיחן לויטן שטייגער פון די חכמי־הלעזשאַנקע: „משיח קומט ניט אַזוי גיך, ווײַל אַ בלינדער שוסטער נייט אים די שיך". דאָס לוסטיקע שטעטל דימער, וואָס איז שוין לאַנג געכאַפּט אין דער מעשה און זיך אָנגעשמעקט מיט קיעווער השכלה, זאָגט זיך אַרויס קאַלטבלוטיק: „וועט משיח מיט אַ ווײַלע שפּעטער קומען", דערבײַ וואָרנט זי שעלמיש: „משיח וועט קומען, ווען דאָ אויף דער דלאָניע וועט אויסוואַקסן האָר אָדער פירעשקעס".

אמת טאַקע, ר' שימצע, זייער מגיד, האָט געזאָגט „כדי צו גלייבן אין משיחן, מוז מען לערנען חומש, ווײַל חומש איז אַ רמז אויף משיח", דימערער אפּיקורסים לאַכן אָבער אויף זײַן באַבען און זאָגן, אַז ר' שימצע איז אַ גלגול פון דעם אַלטן תּרחס אַ לינקע פאה, אַז ר' שימצעס האַרטער קאַפּעלוש איז אַ לאָקשנטאָפּ בײַם מלאך כרכשתּא.

דובנע, דאָס וויגעלע פון גאָטלאָבערס „הבוקר אור" מיט מענדעלסאָנס ראַציאָנאַליזם, מיט דעם באורס אפּיקורסות, האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט אַרויסקוקן, און ווען עמעצער קומט אומגעריכט, זאָגט דובנע: „אַז מ'זאָל דערמאָנען אין משיחן"...

איר הערט־חברים! עפּעס איז משיח אין דובנע געוואָרן אַן אומגע־ריכטער גאַסט!...

דער באַרדיטשעווער שנײַדערשער צעך וואָס האָט קוים מיט צרות אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זײַן בענקל דעם „גאָלאָוואַ מיטן פּליך", טרייסט זיך: „מיר האָבן איבערגעלעבט המנען, וועלן מיר דערלעבן משיחן". פֿון דער פּאַראָרעמטער ליטע מיט איר דלותדיקן קרופּניק אָן ביינער פֿאַלט אַ קורצער פּזמון: „משיח וואָלט שוין לאַנג געקומען, ווען ניט די דאגת־פּרנסה". פּוילן, וואָס קאָן זיך אַליין קיין עצה ניט געבן מיטן אויסלענדישן פּאַס, זאָגט: „משיח וואָלט שוין לאַנג געקומען, ווען ניט די גזירה מיט די אויסלענדישע פּעסער". אוודאי, משיח, דער פֿרײַנד פֿון אָרעמקייט, וואָס האָט זיך אײַנגעעקשנט קומען דווקא „עד שתכלה פּרוטה מן הכיס", קאָן דאָך ניט אויסרעכענען אויף אַ גמילות־חסד פֿון זײַנע אָרעמע פֿרײַנד, זיי זאָלן אים געבן צושטײַער אויפֿן פּאַס, וואָס קאָסט אין פּוילן אַזוי טײַער.

אויסגעמישט פֿאָלקסהומאָר, סאַרקאַזם, פֿאַרוווּנדערונג און אַ טיפֿער צער פֿאַרן ניט קומען, וועבט זיך דאָס ייִדישע פֿאָלק זײַן לעגענדע וועגן משיחן, ניט שאַנעווענדיק אים קיין „שטעכווערטלעך".

„דער נײַער וועג" נומ׳ 7, 1929.

די „געמישטע חתונה"

ניט וועגן בראָנטשעלעס „שטילע חופּה" מיט סטאַכן אין פּוילן, ניט וועגן די נשואי תערובות, וואָס הערשן אין די טיראָלן צווישן ייִדישע טעכטער און איטאַליענישע אָפֿיצערן, וועל איך דאָ דערציילן. איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף דער געמישטער חתונה, וואָס קומט פֿאָר אין משך פֿון הונדערטער יאָרן צווישן דעם זקן לשון־קודש און דער יונגפֿרוי ייִדיש בײַם... „איספּאָלקאָם". איך זאָג איספּאָלקאָם, ווײַל די חופּה איז דאָך אייגנטלעך ניט שטרענג כשר אָן דערלויבעניש פֿון דעם „גדוד מגיני השפה" און צישאַ... ווי אומעטום זײַנען דאָ אויך געגנבעטע וואַסער זיס, און דאָס פֿאַרפֿאָלק לעבט זיך שטיל, געמיטלעך ווי די טײַבעלעך. מערקווירדיק, וואָס דער זקן מונטערט אויף זײַן יונג ווײַבל צו קאַלומבורן, שפּיל־ווערטער, אין דעם העברעיִזירטן פֿאָלקלאָר. איך רייד שוין ניט פֿון די שפּריכווערטער, וואָס שטאַמען פֿון אונדזערע טענדעציעזע משכּילים וואָס זײַנען אויסן געווען מיט זייערע גלײַכווערטלעך טרעפֿן דעם ראַבאַיִזם ווי:

1) ווער ס׳רײַסט אבר מן החי און ווער־ח"י פֿונעם „אבר".

2) טאַלנער חסידים זײַנען פֿון די קטני אמנה: זיי גלייבן אין דעם קליינעם. (ווי באַוווּסט, איז ר׳ דודל טאַלנער צו 9 יאָר געוואָרן רבי).

3) דרך־ארץ פֿאַר אים: ער איז דער „הלעיטני" אַליין.

4) דרך־ארץ פֿאַר אים: ער איז דעם „זולל וסובא׳ס" אייניקל.

אַפֿילו די פֿאַרטאַראַראַמטע לאָדזער סוחרים דריקן זיך אויס וועגן אַן אַנזעצער, וואָס האָט געמאַכט פּליטה, אין אַ העברעיִזירטער פֿאָרם: „ער איז

געוואָרן אַ בשר שנתעלם מן העין”, און ווען זיי וואָרענען פון וואַרפן זיך מיט ווערטלעך, האָבן זיי ניט קיין אַנדער אויסוועג ווי צונויפּפּאָרן די ביידע שפּראַכן: „השמר לך פּן, מאַכט רש״י: היט דײַן פּען”... ווען, למשל, אַ געוויסער מיניסטער קוויקט זיך אין זײַן „עקספּאָזע” מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד וויצלען זיך וואַרשעווער סוחרים: „ער שרײַט אורה און מיינט הורע”...

אָבער... אפשר איז קײַן ראיה ניט פון די דאָזיקע מחברים, בײַ וועלכע העברעיִש איז אַ געוויסע סאָציאַל-פּאָליטישע ליניע. איך וועל זיך דערום אַראָפּלאָזן צו די ברייטע שיכטן פון די ייִדישע מאַסן: דער לובלינער שוסטער קלאָגט זיך: „ביום תשעה באב (גראַדע ווען ייִדן גייען אין זאָקן און דער שוסטער זיצט אָן אַ שטאָך אַרבעט) ווערט דער שוסטער אַ רב”. אַז דער טשערנאָוויצער שנײַדער ברענגט די אַרבעט, זאָגט ער: „הלן בסתר, באַצאָל דעם שנײַדער. (פאַרייִדישט פון בצל שדי). ווען דער בעל-עגלה האָט זיך קוים מיט צרות אַרויסגעריסן פון דער „גרעבליע” און זײַנע „אָדלערס” האָבן זיך „צעפּוזשעט” און טראָגן זיך איבערן פעלד, קוועלט ער צו זײַנע פּאַסאַזשירן מיט פונאַנדערגעשפּרייטע נאָזלעכער: „ס׳איז למנצח על הגייטעס (הגיתית)” און כדי צו מחזק זײַן די פערד שרײַט ער אויס: „מן המצר קראתי וויאָ!” אפילו דער „נחות דרגא”, דער היצלע, בעת ער לאָזט זיך נאָך אַ בייזן הונט, זאָגט ער אים: „הינטעלע, פאַרגעס נאָך מיר ניט דעם פּסוק „לנכרי תשיך לאחיך לא תשיך”. דער בעלפער, אָדער ווי דאָס פאָלק העברעיִזירט, „בעל פעור”, קלאָגט זיך אין בין-הזמנים-צײַט: „איך גיי אַרום פּוסט אָן פּת” (פּוסט און פּאַס). אַז דער בעלצער בייגל-פאַרקויפער האָט שוין אויס-פאַרקויפט זײַן סחורה און „ס׳נאָגט אונטערן טלית קטן” זאָגט ער: „איך בין הונגעריק לא על הלחם (לא עליכם)”. אַז אַן עובר-אורח צעברעכט אומגערן אַ גלאָז טיי אין קרעטשמע זאָגט דער בעל-הבית מיטן גמרא-נוסח פּיפּקענדיק די לולקע-ציבֿיק: „אָמר אליעזר האָסט צעבראָכן די גלעזער, אָמר אַבײַ קויף נײַע”. ווען וואַרשעווער ייִדן באַמערקן ווי די „פאַרמאַזאָנטשיקעס” „פרײַען” דעם „נעוויק”, פאַרקויפנדיק אים בײַם אײַזערנעם טויער פאַלשע בריליאַנטן, שרײַען זיי אויס: „אין עונשין אלא מזהירין, זײַ ניט קײַן נאַר מ׳זאָל דיך ניט פאַרפירן”. אַז ר׳ מעכצע דער מוהל קומט אַרײַן צו די עלטערן „אָפּריידן” וועגן דעם ברית און די באָבע פרעגט אים וואָס ער וויל צו עסן, צו טרינקען, ענטפערט ער לאַקאָניש: „ליקעך לעולם תיקח, יי״ש — אַ פולע פלאַש”. נאָך די „גוטע זאַכן, מאַכט ר׳ מעכצע דער באָבע אַ קאָמפּלימענט אויף אַ העברע-יִשן אונטערשלאַק: „ניט אומזיסט רופט מען בײַ אונדז די באָבע חכמה, ווײַל איזה חכם הרואה את הנולד”... אפילו די רוסיפיצירטע קאָמיוואָיאַזשערן, וואָס פלעגן אַרומרײַזן „טיף ראַסיי” ווערן בשעת הויז-זוכונגען למדנים און דרינגען: „דער המן מיינט ממון” און ווען די „פּיאַני העיר” קומען זיך צונויף פורים אויף דער סעודה צום נגיד, אַזוי הייבט מען אָן מיט די פאַנטאָפל

דעם ייִדיש־העברעיִשן פּוטפּאָל: „אסתר איז געווען אַן אַלטע יידענע, ווייל מרדכי האָט דאָך איר אַליין געזאָגט אַלטע דאַמע „(אל תדמי בנפשך...)“ ושתי האָט ניט געהאַט קיין טאַטן, ווי דער פּסוק ברענגט: וגם ושתי עשתה משתי (משתה) נשים־זי איז געמאַכט געוואָרן פון צוויי ווייבער“. ושתי איז געווען אַ זכר, ווי דער פּסוק זאָגט: „ואת אשר נגזר עליה; — וואָס ס'איז אויף איר אָפּגעשניטן געווען“. אפילו בעסאַראַבער ייִדן, וואָס זיינען ניט קיין מומחים אויף אַזעלכע קאָפּשטיק וויצלען זיך איבער די ביליאַרד־שפּילער: „שטייען לצים האַלטן לאַנגע עצים און קלאַפּן אין די בצים“. די בית־הקברות־שמשים, וואָס ווערן אָפּט ווערבירט פון די אַרבעטסלאָזע בעלי־מלאכות, זאָגן: „עני חשוב כמת — ביידע לאָזט מען ניט אין שטוב אַן אַ שומר“. ווען מען דער־לאַנגט אין מושב־זקנים צו וואָלעכשן באַרשטש אויסגעטריקנטע „פּינעצעס“ זאָגן די זקנים מיט קנאה: „די ראשי־תיבות פון עשיר איז עינים שינים ידים רגלים“. און כדי געטרייסט צו ווערן פעלט מען אָן אויף דער שוואַכ־סטער זייט און מ'מאַכט חוזק פון דער יידענע, דרינגענדיק אַז „זקנה מאַכט: זיפצן, קרעכצן, ניסן, הוסטן“. די גאַליציאַנער ייִדן וואָס טראָגן אום שבת דעם שטריימל, זאָגן אַרויס אַזאַ סברא: „די ראשי־תיבות פון שבת איז שטריימל במקום תפילין“... די דאָזיקע גאַליציאַנער ייִדן, וואָס זיינען אַזוי אומברחמנותדיק אויסגעלאַכט און אויסגעשפּאָט געווען פון דעם באַרימטן בראָנדשטעטער טראָגן אין זיך האָס אויף די משכילים, וואָס ציטירן ברוידע־סעס „הדת והחיים“ און רובינס „חקר, אלה“ (אגב ביידע געדרוקט אין קראָקע) און איראָניזירן אויף זיי והמשכיל איוואַן (והמשכיל יבין) די גאַליציאַנער אַפּיקורסים דרינגען דערפאַר, אַז „די ראשי־תיבות פון שבת איז שיקסע בשבת תענוג“.

איך האָב אויסגערעכנט כמעט די אַלע בעלי־מלאכות און שיכטן. עס איז נאָך געבליבן דער, אַזוי צו זאָגן, „דאָס אונטערשטע פונם שטייסל“ — דער פּראָלעטאַריער. דערזען ווי דער גביר טראָגט זיך אויף זיין אויטאָ איבערן שטאָט, זאָגט דער ייִדישער אַרבעטער: „כסף וזהב טייערע ממזרים“. אַדעסער פּאָרט־טרעגער, טראָגנדיק די גרעסטע משאות, זאָגן: „נאָר פון יגיע כפּי האָט מען פּאַפּע“.

איצט פרעגט זיך, קאָן דען געמאָלט זיין, אַז די ייִדישע שפּריכווערטער זאָלן אַזוי שטיפעריש שפּרודלען מיט קאַלאַמבורן, שפּילווערטער, גראַם־וויצן, שפּיצן און בליצן אָן העברעיִש אין דעם ייִדישן פּאָלקלאָר און צי וועט קענען פאַרשטיין די זייער געלונגענע קאַלאַמבורן דער וואָס קען ניט קיין העבראיש?

„דער נייער וועג“ נומ' 22 (פּאַריז 1930).

חזנים

(אַ פּרק פאָלקלאָר)

דער חזן איז דער ליבלינג פון דעם יידישן פאָלקלאָר. אומעטום באַגעגנט איר אים, אָבער ניט אין די בתי־מדרשים, נאָר אין פאָלקס־מעשיות, פאָלקס־לידער, שפּריכווערטער, ווו דאָס פאָלק איז זיך אָפּט מטפל:

1) דער גרעסטער בעטלער איז דער חזן.

2) אַ חזן דאַרף זײַן אַ באַווײַבטער, כדי ער זאָל דאַוונען מיט אַ צע־בראָכן האַרץ (יאַס).

3) אויב דער חזן פאַרשטייט אין דער מחילה ווי אין דער סליחה, מעג ער טאַקע ווערן די כפּרה (אדעס).

4) חזן וקהל — מאַכט: חזן זעט ניט ווי קהל הינטן לאַכט (ביאַליסטאָק).

5) דער שץ האָט קיין שאַץ ניט (אָדעס).

6) אַז דער חזן קען קיין עברי ניט, הייסט ער אַ קאַנטאָר (קעשעניעוו).

7) אַ חזן טאָר ניט זײַן קיין צוויי־פּנימדיקער: ער מוז דאָך שטיין מיטן פּנים צום עמוד, היינט ווו וועט ער אַהינטאָן זײַן צווייטן פּנים? (קאָוונע).

מערקווירדיק, וואָס דער חזן איז דער סינאָנים פון אַ נאַר:

8) אַז מען זייט אינדיקעס וואַקסן חזנים אָדער נאַראָנים (שקלאָוו).

9) לויטן פּנים דאַרף ער זײַן אַ חזן, לויטן קול מוז ער זיין אַ גרויסער חכם (לאָנדאָן).

10) ער איז אַ גרויסער נאַר, וואָלט חוץ מיר קיינער ניט געוווסט איז ער אָבער אַ חזן, ווייס די גאַנצע קהילה (גאַלאַץ).

11) אַ נאַר אַ חזן ציקלט זיך און דרייט זיך אַרום דעם פּסוק ווי רש״י אַרום בהעלותך (מאָהילעוו).

12) חזן מאַכט: חזנים זײַנען נאַראָנים. (טשערניגאָוו).

13) פאַרוואָס שטעלט מען אַ חזן בײַם עמוד און אַ וויאָרסט אונטערן שטאָט — פאַרוואָס ניט פאַרקערט? ווען מען זאָל שטעלן דעם חזן פאַר אַ וויאָרסט, ווער וואָלט געגאַנגען הערן דעם נאַרישן חזן (מינסק)?

14) פאַרוואָס עפּעס יעדער נאַר און לא־יוצלח קוים קומט ער קיין אַמעריקע און גייט אַריבער דעם ים ווערט ער באַלד אַ חזן? ווײַל אַז ישיר (ניו־יאָרק).

15) צווישן יידן געפינען זיך נאָר צען פּראָצענט נאַראָנים, אויף יעדן מנין אַ חזן (בוענאָס איירעס).

מיט וואָס אייגנטלעך קאָן מען דערקלערן, וואָס יידן מאַכן חוזק פון זייער „שליח צבור”, בעת קהל גייט אים נאָך טריט בײַ טריט און זאָגט אים נאָך, אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט?

אין דער דאָזיקער פראַגע האָבן זיך שוין לאַנג געגריבלט פאָלקלאָ־ריסטן אין די אַמאָליקע פעטערבורגער רוסיש־יידישע אָרגאַנען פאַר פאָלק־לאָר, עטנאָגראַפיע און געשיכטע ווי „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" און פערע־זשיטאָיע". אַנ־סקי, למשל האָט אַמאָל געפּרוווט דערקלערן מיטן שפּריכוואָרט „חזנים זיינען נאַראָנים", אָבער אַ קשיא דערקלערט מען ניט מיט דער זעלבער קשיא און אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנ־סקיס אַרטיקל האָב איך דאַן פאַרעפנטלעכט אַ וויץ, וואָס איך האָב פאַרנאָטירט אין רומעניע: אויפן עמוד שטייט „שויתי ה' לנגדי תמיד" ד"ה איך שטעל זיך פאַר גאָט קעגן מיר שטענדיק. און שלמה המלך האָט שוין לאַנג געזאָגט: „אין חכמה ואין תבונה נגד ה'" (קעגן גאָט איז ניטאָ קיין חכמה און קיין פאַרשטאַנד) אָבער אַ וויץ — פאַרענדיק איך מיין נאָטיץ — קאָן ניט באַפרידיקן דעם אויפ־ריכטיקן פאָלקלאָריסט.

מיט וועלכע פאָלקלאָריסטן איך זאָל זיך ניט באַגעגענען פלעג איך אויפהייבן די חזנים־פראַגע און קיינער האָט מיך ניט געקאָנט צופרידנשטעלן. אַפילו אַזעלכע פּאָפּולערע פאָלקלאָריסטן און געלערנטע ווי מאַקס גרונוואַלד, בערנאַרד וואַכשטיין און אַלפרעד לאַנדוי האָבן מיר ניט געקאָנט געבן אַ קלאָרע תשובה. דאָס וואָס די ווינער געלערנטע האָבן ניט געקאָנט דער־קלערן, האָט מיר דערקלערט אַ נאַלעווקער סוחר אין וואַרשע זלמן גורוויטש מיט זיין שפּריכוואָרט: „דער חזן איז אַ נאַר: דאַכט זיך אַזוי נאָענט געווען לעבן די שערי רחמים און זיך ניט אַריינגעכאַפּט".

פאַרוואָס עפּעס אַזוי נאָענט געווען לעבן שערי רחמים? אויב פאַרגלייכן מיטן שפּריכוואָרט וואָס מען האָט מיר צוגעשיקט פון טשעכאָסלאָוואַקיי: „לעבן שערי נגינה שטייען די שערי רחמים" (פראַג) ווערט זיך אפשר באַקומען דער לאַנג־געזוכטער שליסל צו דעם פאָלקלאָר־שלאָס.

דער חזן איז ניט נאָר דער ליבלינג פון יידישן פאָלקלאָר, נאָר אַפילו פון יידישער און העברעישער ליטעראַטור: שלום־עליכם („יאָסעלע סאָלאָוויי", „מאָטל פּייסי דעם חזנס"), פּרץ סמאָלענסקין („התועה בדרכי החיים") א. ב. גאָטלאָבער („זכרונות ימי נעורי") אלעזר שולמאַן („אוצר ספורים"), וווּ חזנים און משוררים ווערן אַזוי געטריי געשילדערט, אָבער ניט נאָר פאָלקלאָר און ליטעראַטור פאַרנעמען זיך מיט חזנים. אַפילו יידן פון אַ גאַנץ יאָר האָבן ליב ביי אַ גלעזעלע משקה און „גוטע זאַכן" זיך אָנדערציילן מעשיות און לעגענדעס וועגן וועלט־חזנים וואָס האָבן זיך קונה שם געווען. וועגן „הערשעלע דאָס יינגעלע", וואָס האָט צו עלף יאָר אָנגעטאָן אַ טלית, געדאַוונט ביים עמוד און מרעיש עולם געווען. וועגן „אָרקע פידעלע" (דער וויטעבסקער) וואָס זאָל האָבן אַ מתנה פונעם קיסר פראַנץ יאָזעף אַליין. וועגן פיצע באַרדיטשעווער. זיין טאַטע איז געווען אַ שמש. נאָך יינגלווייז האָט אים אויסגעוויזן, אַז ער איז אַ „כלי", פריער איז ער געווען אַ משורר

בײַם חזן. נאָך דעם האָט ער פֿאַרלאָרן די שטימע, האָט מען אים אָפּגעגעבן צו אַ גאָלדשמיד. נאָר אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט דאָס זינגען, האָט ער זיך שטענדיק געריבן צווישן חזנים און כּלי־זמר. ער איז געווען וואָס איר ווילט: אַ פּײַקלער, געגאַנגען מיט די טאַצן, און איז שוין געווען אַ וואַסער־פֿירער אויך, ביז ער האָט זיך באַגעגנט מיטן גרויסן ר׳ צלאלן. האָט אים ר׳ צלאל געזאָגט: נאַרעלע, נאָך וואָס טויג דיר זײַן אַ וואַסערפֿירער, דו האָסט אַ שײנע כּלי, ווער אַ חזן.

בקצור ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין לעמבערג און איז געקומען פֿון דאָרטן מיט אַ נאָמען און מיט אַ כּבוד.

ייִדן האָבן פֿאַרמאָגט מעשׂיות וועגן חזנים לרוב. אײנע שענער פֿון דער אַנדערער.

„דער ווילנער בעל־הבית" יואל דוד האָט געהאַט אַ שײנע שטימע און זײַן נאָמען איז געווען באַרימט ביז עס איז דערגאַנגען צום גראַף. האָט דער גראַף געשיקט נאָכן ווילנער בעל־הבית, ער זאָל אים עפּעס פֿאָרזינגען. יואל־דוד איז אַרײַנגעקומען צום גראַף מיט אַ יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ; דאָרט זײַנען געווען פֿיל גרויסע לײַט, שׂררות. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום וואַנט און האָט אָנגעהויבן צו באַווײַזן זײַנע קונצן. — „שטעלן האַלדז" אים האָט אײנער אונטערגעהאַלטן אויפֿן פֿידל און דער גאַנצער עולם איז געבליבן פֿאַרגאַפֿט. ניט ווינסדיק וועלכע טענער שטאַמען פֿון האַלדז און וועלכע — פֿון פֿידל. אַזאַ לויטערע שטימע האָט דער בעל־הבית געהאַט און אַזוי הויך פֿלעגט ער „נעמען" און דערלאַנגען. צום סוף זינגען האָט די קווינטע געפּלאַצט און מען האָט באַדאַרפֿט אויסלאָזן אויף דער דינסטער אָקטאַווע וואָס טוט דער בעל־הבית? ער דערלאַנגט מיטן האַלדז פּונקט דעם דינסטן טאָן און אַז ער האָט אויסגעלאָזט איז דער גראַף צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים אַ קוש געטאָן אין שטערן...

אַזאַ שטימע האָט אויך פֿאַרמאָגט „יאָסעלע סאָלאָווײ". וועגן אים פֿלעגט מען זאָגן, אַז ער טראָגט בײַ זיך אין האַלדז אַ פּײַפֿעלע, מיט וועלכע ער מאַכט אַזעלכע קונצן, ווײַל אַזוי זינגען איז גאָר קײן מענטש־לעכער כּוח, אַנדערע פֿלעגן דרינגען, אַז דאָס איז ניט קײן פּײַפֿעלע, נאָר אַזאַ האַלדז פֿון געבאָרן אָן. וואָרעם בשעת ער איז נאָך געווען אַ קינד, בײַ דער מאַמען אויף די הענט האָט ער זיך אײנמאָל צעזונגען, אַז מען האָט זיך דערשראָקן און אים אָפּגעפֿירט צום מאַקאַרעוון. דער רבי האָט אים אַ קוק געטאָן אין האַלדז אַרײַן און האָט אים געבענטשט ער זאָל נושׂא חן זײַן אין די אויגן בײַם עולם...

אַזוי פֿלעגן זיך בײַטן און וויקלען מעשׂיות וועגן חזנים. און ווי דער שטײגער איז, פֿלעגט מען פֿאַרענדיקן מיט אַ וויץ: אָנהויבס האָט דער באַוווסטער ניסי פֿאַרמאָגט אַ שײנע שטימע. אַזוי, אַז ער האָט געהאַלטן בײַ ווערן אַ חזן אין דער „קאַלטער שול" ביז חזנים האָבן אים מיט „קליוקווע"

און „קוסליצעס" קאַליע געמאַכט זײַן כלי און ער איז געבליבן נאָר בײַ זײַן וועלט-באַרימטער קאַפּעליע. ער אַליין אַלס חזן האָט ניסי געהאַט קיין שיינע שטימע. איינמאָל האָט ניסי מיט זײַן קאַפּעליע אויסגעזונגען פאַר ר׳ דודל טאַלנער מלכיות, זכרונות און שופרות האָט ר׳ דודל אַ פרעג געטאָן:

— ניסי פערדצע וויפל קאָסט דיך אָפּ אַ יאָר די קאַפּעליע דײַנע?

— אַנדערט האַלבן טויזנט — האָט ניסי געענטפערט.

— אויב אַזוי — האָט געשמייכלט ר׳ דודל — אַז דו ביסט אַ גרויסער קמצן: עס קאָסט דיך שוין אַזוי פיל די קאַפּעליע. קאַרג זיך ניט און דינג זיך אַ חזן אויך. דעמאָלט וואָלט שוין געווען דער זינגען מיט אַלע מעלות...

„ריגער פרימאָרגן", „ווילנער טאָג", „דער נייער וועג" (פאַריז)
יום-כפור נומער תרצ״א

דאָס פאָלק וועגן דאָקטוירים

(אַ פּ ר ק פ אָ ל ק ל אָ ר)

אַ פאָלק וואָס האַלט אין גלויבן אין מעדיצין און שטענדיק זיך דאָקטערן זאָל שיטן פעך און שוועבל אויף דאָקטוירים.

די דאָזיקע מעשה האָט מיך טאַקע געוווּנדערט און איך האָב אַמאָל אַ פרעג געטאָן וועגן דעם אַ זשיטאָמירער ייִדן דערויף האָב איך באַקומען אַ קלאָרע תשובה:

— הערט איר, אָט דאָס איז דאָך די מעשה, טאַקע מהאַי טעמאַ ווײַל איך האַלט זיך אין איין קורירן פאַרשטיי איך, אַז „איידער דעם דאָקטאָר אַ צווייער איז בעסער זיך אַ שאָק אייער" מײַן שכן ר׳ מעכצע „דער וואָלינער ליטוואַקל" — מיט אַ קרענקלעכע געזיכט, האָט דערבײַ צוגעגעבן, איבערלייגנדיק אַ פעקל סיגנאַטורקעס פון איין קעשענע אין דער צווייטער: „אַז איך ווער קראַנק רוף איך ניט קיין דאָקטאָר, ווײַל איך האָב ליב צו שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט"...

— אַ ברכה אויף אײַער קאָפּ, ר׳ מעכצע סערצע, האָט אונטערגע-כאַפּט אַ סלאָנימער ייִד, וואָס איז דאָס יאָגעניש צום דאָקטאָר, אַז בסך-הכל ווייס דער דאָקטאָר אַ קרענק...

— אַוודאי, האָט געזיפצט דער וואָלינער ליטוואַקל, „אַז דער קראַנקער גייט צום דאָקטאָר ווערט דאָס ערשטע געהאָלפן דער דאָקטאָר", ווײַל „אַז מ'פאַלט צום טויט כורעים העלפן שוין ניט קיין דאָקטוירים"...

ריזינער אויסגעווייקטע פון סגופים און תעניתים „חלושים" און האַרצ-לײַדנדע ייִדן דרינגען: „גוט איז די דאָקטוירים, זייערע מעלות פאַרקלינגט די גאַנצע וועלט דערפאַר זייערע פעלערן באַדעקט די ערד"...

ניט ווייניקער פעסימיסטיש איז טשערנאָבעל, אַז ס'קומט זיך צונויף אין שטעטל אַ פאָר דאָקטוירים וויצלט זיך טשערנאָביל. „עפּעס איז אָנגעקומען

אַ גאַנצע „טיטשקע" דאָקטוירים, מ'וועט מוזן רופן אַן אסיפה חברה פון קדישא וועגן פאַרגרעסערן דעם בית־עולם"...

די דערביַיִקע מאַקאַרעוו האָט איר שטאַנדפּונקט און רופט דעם דאָקטאָר מעדיצין „דאָקטאָר מ י ט ד י צ י י ן".

מעראַנער יִידישע קורגעסט דערזען ווי זייער דאָקטאָר היט אָפּ די מצווה הלוית המתים פון זײַנע פּאַציענטן דרינגען, „אַז אַ דאָקטאָר, וואָס גייט מיט דער לוויה נאָך זײַן חולה, איז געגליכן צום שנײַדער, וואָס טראָגט אַפּ אַ שטיקל אַרבעט"...

און אָטוואָצקער קראַנקע, שווערע קראַנקע, וואָס זײַנען שטענדיק ניט צופרידן מיט זייערע דאָקטוירים ווי׳צלען זיך ביטער: „צו וואָס איז דער זעלבסטמאָרד אין וואַרשע, אַז מ'קען טרעפן צו אָטוואָצקער דאָקטוירים?

דער אָדעסער דאָקטאָר גאָלדשטערן דער שעף־דאָקטאָר פון אַ נערוון־סאַנאַטאָריע אין ווין האָט מיר דערציילט ווי אַ יִידישער חולה האָט אים אָפּגעגעבן אַזאַ מין „ראַפּאָרט":

— הער דאָקטאָר, פון די 10 הולאים זײַנען 9 אויסגעשטאָרבן, דער צענטער איז ניט געשטאָרבן, ווייל ער האָט אײַערע רפואות ניט געוואָלט...

דאָ דערמאָן איך זיך ווי דער פּאָפּולערער קיעווער אויגן־פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם האָט מיר דערציילט ווי אַ ייִד איז געקומען צו אים פון פּראָווינץ און זיך געקלאָגט, אַז וואָס ווײַטער ווערן זײַנע אויגן טונקעלער. פּראָפעסאָר מאַנדעלשטאַם האָט געוואָלט פּרווון זײַן ראיה און אונטערגעטראָגן אַן אויפגעמישטן סדור מיט קדוש־לבנה אותיות „ויתן לך".

— ניט נאָר די אותיות זע איך ניט, איך זע אַפילו ניט דאָס בוך.

ניט קענענדיק זיך געבן אַן עצה מיט אים האָט דער פּראָפעסאָר אים געפרעגט:

— נו, און מיך זעט איר.

— אײַך זע איך, ווײַל גראָבע זאַכן זע איך...

טאָמער איז געזונט געוואָרן אַ חולה נאָך לאַנג דאָקטאָרן זיך זאָגט מען אײַך אין באַרדיטשעוו מיט אַ שטעכווערטל: „ניט קוקנדיק, וואָס בײַם חולה זײַנען געווען אַזויפיל דאָקטוירים איז ער געזונט געוואָרן...

זשיטאָמיר גייט ווײַטער פון באַרדיטשעוו: „וואָס איז דער חילוק צווישן אַ דאָקטאָר און אַ גנב? — אַ גנב, אַז ער גייט אַוועק ווייס וואָס בײַ יענעם פעלט און דער דאָקטאָר ווייס ניט"...

וו ליגט דער סוד פון אַזאַ נעגאַטיווער באַציִונג צו דאָקטוירים? אמת טאַקע דאָס פאָלק געדענקט דעם תלמודישן אַפאָריזם „הטוב שברופאים סופו לגיהינום", דערפאַר אָבער וועט דאָס פאָלק אייביק ניט פאַרגעסן אַזעלכע גאונים ווי רש"י, רמב"ם און טוביה הרופא, וואָס זײַנען פאָרט געווען ד אָ ק ט ו י ר י ם.

אַזעלכע שטעכעדיקע ייִדישע שפּריכווערטער וועגן דאָקטוירים וואָלט מען אפשר געקאָנט דערקלערן אַלס פּאַרדראָס אויף די ייִדישע ספּעציפישע קראַנקייטן, וואָס באַגלייטן און פאַרביטערן דעם ייִדנס לעבן פון זײַן געבוירן ביז זײַן פאַרלוירן.

„פאָלקסגעזונט", (ווילנע), נומ' 11 1931.

דאָס פאָלק וועגן ליטעראַטור און ליטעראַטן

(אַ פּרק פאָלקלאָר)

מערקווירדיק. אַ פאָלק וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ העכסטן טיטל „עם הספר" — קוים קומט צווישן ייִדן צו רייד וועגן ביכער און זייערע מחברים אַזוי הויבט מען אָן צו שיטן מיט שפּריכווערטער, גלײַכווערטלעך און שטעכווערטלעך.

מינסק די „עיר ואם בישראל", די גובערניע פון קאַפּוליע — זאָגט מיט אַ „קאַפּולישער אָנצוהערעניש": „אויפן מחבר איז אַ מצווה צו מאַכן אַ ברכה „חמחזיר עטרה ליושנה": ער נעמט פּאַפּיר, וועלכע שטאַמט פון שמאַטעס און מאַכט דערפון ווידער שמאַטעס".

מאָהיליעוו, ווו מחברים פלעגן זאַמלען „פּרענומעראַנטן" אויף זייערע חבורים פלעגט זיך ווינצלען: „די אָרעמע מחברים גייען אַרום איבער די הײַזער מיט זייערע חבורים אין די הענט, ווײַל ווען אַ קבצן טראָגט אַרום אויף די הענט אַ קינד אַ קאַליקע, האָט מען אויף אים רחמנות".

ווען מיכאל ראָדקינסאָנס סאָציאַליסטישע צײַטשריפטן „הקהל" און „קול לעם" האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן אויף דער ייִדישער גאַס פלעגט דאָס פאָלק איראָניזירן מיט אַ כאַראַקטעריסטישן גראַם-שפּריכוואָרט: „אַמאָל צוליב מעות ניט געזשאַלעוועט קיין רמאות — און איצט, אַז מ'דאַרף די מטבע, נאָט אײַך גאָר די אידעע".

ניט קוקנדיק, וואָס דאָס פאָלק האָט געכאַפּט דעם שניט פון „פּאָעזיע" מאַכט ער חוזק איבערן פּאָעט, אָבער ניט אין „ווײַסע פערזן" נאָר דווקא אין גראַמען:

„אַ פּאָעט אונטערן בעט
און שרײַבט סטיכעס צו אַלדע רוחות".

אָדעס, וואָס האָט געקענט דעם אַלטפרענקישן פּלטיאל זאַמאָשטשין, וועלכער פלעגט פאַרלעזן זײַנע בעלי-חובית זײַנע ניט געדרוקטע לידער. פלעגט שעלמיש עדות זאָגן: „ער איז אַ גרויסער פּאָעט: אַ געזונטער האָט אפילו געחלשט בײַ אים אונטער די הענט"... וואַרשע גיט צו פאַרשטיין: „ער איז אַ דיכטער, ווײַל ער עסט געדיכטע אייער".

ר״ײזנדיק אַמאָל מיט אַ״ן–סקין איבער פּאָדאָליען, זײַנען מיר פֿאַרפֿאָרן אין טיוורעוו.

ווען דער בעל־אכסניה האָט אונדז אַרײַנגעטראָגן אַ זודיקן סאַמאָוואַר, האָב איך זיך גענומען בײַ אים אויספֿרעגן וועגן דאָס שטעטעלע און אירע אײַנוווינער.

— איר ווייסט וואָס — מאַכט דער בעל־אכסניה — איך וואָלט אײַך געראָטן איר זאָלט אָהנגט־צײַט זײַן אין ביבליאָטעק ניט ווײַט אַנטקעגן אונדז; דאָרט וועט מען אײַך שוין אַלץ דערציילן. דאָרט וועט איר זיך טרעפֿן מיטן שטאָט־פּאָעט... הם! איך האָב שוין פֿאַרגעסן זײַן נאָמען, צי פּושקינזאָן, צי לערמאָנטאָוויטש... אַ גאַנץ פֿיינער יונגערמאַן, זאָל ער מיר נאָר מוחל זײַן פֿאַר אַן אמת, ער איז אָבער אַ שטיק שלימאַזל, גייט אין פֿאַרצירעוועטע זאָקן און אויסגעריבענע עלנבויגנס, הגם ער שטודירט פֿי...לע–זאָ–פֿי... און שרײַבט ספּרימלעך, אָדער שורים׳לעך...

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָב איך אין דער ביבליאָטעק דערזען פֿאַר זיך אַ גאַנצע חברה פֿון געשאָרענע, געגאָרטלטע, געברילטע און געביכלטע, דער שטאָט פּאָעט „פּושקינזאָן״ האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס דער העברעישער שרײַבער יוסף קאַנטאָראָוויטש („איש לעטיטשעוו״).

איז עס ניט קיין וווּנדער אַ פּאָלק, וואָס טראָגט שוין יאָרנלאַנג דעם טיטל „עם הספר״ זאָל גאָר מאַכן חוזק פֿון זײַן אייניציקער טרייסט און פֿרייד – פֿון דעם ספר און זײַן מחבר.

אַ תשובה דערויף גיט אונדז באַרדיטשעוו:

„דאָס אייניציקע, אין וואָס יידישע מחברים גלײַכן זיך אויס איז אין דלות״...

זוואָלין גייט נאָך ווײַטער פֿון אונדזער טיוורעוווער בעל־אכסניה מיטן ווערטל:

„דער דיכטער איז אַ פּילאָזאָק: גייט אין אויסגעטראָטענע פּיענטעס און זאָקן״.

אַזוי אַרום וויצלט זיך דער „עם הספר״ וועגן דעם סופר און זײַן ספר.

„מאָמענט״, (וואַרשע) 30 אַוגוסט 1930.

דאָס פאָלק וועגן פרויען

(אַ פרק פאָלקלאָר)

איז דען אַ וווּנדער אַ פאָלק פון „שלא עשני אשה״ זאָל זיך אַזוי קריטיש באַציִען צו פרויען אין זײַנע שפּריכווערטער פון וועלכע מ׳וואָלט געקאָנט צוזאַמענשטעלן אַ מין באַשולדיקונגס־אַקט.

דער ערשטער „חטא״ איז: „ווען חוה וואָלט ניט עסן אין גן־עדן וואָלטן מיר ניט געוווּסט פון דעם טויט״ (פּראָג) דאָס קאָן דאָס פאָלק ניט מוחל הוהן און טאַקע דערפאַר קומט ליטע צו אַזאַ בײַסיקן באַשלוס אָדער שפּריכוואָרט: „ניט אַזוי דער אַרויסגעטריבן ווערן פון גן־עדן ווי דער מיטגײַן צוזאַמען מיט חוהן״ (קאָוונע). דער צווייטער „חטא״ איז: „טאָמער האָט חוה אַמאָל אין אַ נאָווינע געגעבן דעם מאַן עסן, מאָנט זי אייביק עסן״ (זשיטאָמיר). עס העלפט ניט דער היסטאָרישער טשעק מיט וועלכן דער מאַן פּרוּווט זיך סילוקן דער ווײַב: „נאַרעלע ווען ניט דער מאַן (מן) אין מדבר וואָלט איר, מײַנע שונאים, אויסגעגאַנגען פון הונגער (יאַס). זי וויל ניט וויסן וואָס אַמאָל האָט זיך געטראָפן דאָרט אין מדבר און שרײַט אויפן וואָכעריקן־ווײַבערשן שטייגער: „טרײַטל נעם זיך צום בײַטל!״ דער דריטער „חטא״ איז: „דאָרט ווו חוה דאָרט איז אהבה (מונקאַטש). אין אמתן וואָס איז אַזוינס די ליבע אויב ניט אַ „טומאַן״ אַ „איבערגעבּרענטע שטרוי״, וואָס טליעט איבער? אויף דער דאָזיקער פראַגע ענטפערן די ניכטערע יידישע שפּריכווערטער: „ליבע איז טאַקע גוט אָבער מיט אַ זעמעלע״... (וואַרשע) „די ליבע גייט אַוועק ווי דער ליבער שבת־קודש און די ווײַב בלײַבט״ (דימער), „פון ליבע באַקומט ער קאָפּווייטיק און זי בויכווייטיק״ (קאַטערינאָסלאַוו). די יידישע שפּריכווערטער ווייסן וואָס צו זאָגן וועגן חתונה האָבן. אַז מ׳האַלט צום בײַשפּיל, פירן דעם חתן אונטער דער חופה דריקט זיך אויס די העברעישע תל־אביב לויט איר אַרט און הברה ספרדית: זה התרנגול ילך למיטה (למיתה).

פאַר־וואָס האָט די מיטה נאָר צוויי און די חופה פיר שטאַנגען? דערויף ענטפערט אונדז אַ פּאָדאָליע שפּריכוואָרט: „דורך דער מיטה באַגראָבט מען נאָר איין מענטשן און אונטער דער חופה באַגראָבט מען צוויי מענטשן״... (וויטעבסק).

וואָלין פּסקעט, אַז „אַ חתן דאַרף מען באַשיטן מיט אַ ממה־נפשך: „ממה נפשך איז ער באַגראָבן, זאָל ער לפּחות באַשאָטן ווערן״ (זשיטאָמיר) און מהאַי טעמאַ ווײַלט זיך דער חתן: „שוין באַלד אַ יאָר ביז הונדערט מיט צוואַנציק, אַז איך בין אַ חתן געוואָרן״ (אָדעס), ווײַל „שטאַרבן און חתונה האָבן וועט קיינער ניט פאַרשפּעטיקן (לאָנדאָן).

דער פּערטער חטא (גראַדע אָן גענדזנפּיסלעך) איז דאָס וואָס ווײַבער — אויסדריקנדיק זיך ווייך — ריידן געדיכט, האָבן אין זיך 9 מאָס רייד, דערפֿאַר טענהט פּאָניעוויעזש: „די ערגסטע חיה איז דער נמר, אָבער ניט דער לעמפּערט, נאָר דער נמר, ווײַל די ראשי־תּיבֿות פֿון נמר איז: נײַן מאָס רייד”... וויטעבסק פֿאָרמולירט עס אַזוי: „הכּצעקתה מאַכט רש״י 5 ייִדענעס און איין גאַנדז”. וואַרשע האָט זיך איר שטאַנדפּונקט: „פֿרומע ייִדן זײַנען זיך נוהג ניט זיצן צווישן צוויי ווײַבער משום פּשעטשאָנג”...

אוודאי, אַז צוויי ווײַבער האַלטן שטענדיק אָפֿן דאָס מויל קאָן מען, חלילה כאַפּן אַ צוג און „חרובֿ” ווערן.

אייגנטלעך מיט 9 מאָס רייד וואָלט מען נאָך, יאַקאָש, געקאָנט מושווה ווערן, אָדער געפֿינען אַן אָרט ווען ער זאָל ניט שטאַמען פֿון „אַ פּיסקל ווי אַ שור הנסקל”. אָט דאָס פֿרעגן דאָך ייִדן אין פּויזן: „נאָך וואָס דאַרף מען שופֿר בלאָזן, אַז מ׳קען דורך אונדזערע ווײַבער פֿאַרטרײַבן דעם שטן־מקטרג?

די 9 מאָס רייד פֿון די ווײַבער דענערווירן די מענער, עס ברענגט זיי אַפֿילו צו קנאה, אָט אייפּערט אַדעס: „בשעת גאָלן די באָרד קאָן מען ניט ריידן, דערפֿאַר וואַקסט ניט די באָרד בײַ ווײַבער”... אָדער: „בשעת שווימען מוז מען שווײַגן, דערפֿאַר זײַנען ווײַבער פּטור פֿון שווימען”. די דערבײַיקע שטאָט ניקאָלאַיעוו איז מוסכּם מיט אַדעס און זאָגט אַרויס איר סבֿרא: „דער ערגסטער חודש פֿאַר ווײַבער איז פֿעוורואַל” (ווי באַוווּסט באַשטייט דער חודש פֿעברואַר נאָר פֿון 28 טעג, נאַטירלעך קענען ניט די פֿרויען אויסריידן אַזוי פֿיל ווי אין אַ געוויינלעכן חודש). די פֿאַראָרעמטע בעסאַראַביע דורך סיסטעמאַטישן הונגער וואָס איז צוגעוויינט צו פֿאַלשע מאָס און וואָג קומט צום באַשלוס: „די ערלעכסטע מאָס הײַנטיקע צײַטן איז די 9 מאָס רייד”.... „שוין אַ יאָר — ווערטלט זיך קראָקע — אַז איך רייד ניט מיט מײַן ווײַב, ווײַל איך וויל ניט די גאַנצע צײַט איר איבערשלאָגן די רייד”... „אַ גרויסן בלבול־וויצלט זיך לאָדז — האָט מען אויסגעטראַכט אויף אונדזערע ווײַבער, אַז זיי ריידן 9 מאָס רייד: זיי ריידן דאָך אָן אַ מאָס”...

אייגנטלעך, וואָס אַרט אַזוי די מענער אין פּוילן, וואָס זייערע ווײַבער ריידן פֿיל? דערווײַל האָט נאָך דער מאַגיסטראַט ניט אײַנגעפֿירט דעם „ליטשניק”!.. אַ קלאָרן ענטפֿער גיט אונדז ווילנע: „ווײַבער ריידן אַלע אין איינעם: זיי ווייסן פֿריִער, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס צו הערן”.

דאָס ניכטערע פֿאָלק האַלט ניט פֿון „גראַגערן” פֿון „דבֿרים בטלים, פּוסטע כּלים”, דאָס פֿאָלק האַלט פֿון „ווערטער ווי קלעצער”, אָדער ווי האָמליע דריקט זיך אויס לאַקאָניש: „ווערטער טאַקע נאָר אויף פֿאַרמעט”, אָבער ניט פּלאַפּלען, פּלוידערן און גורם זײַן דערצו אַז „ר׳ יוזיפֿל דער רבֿ” זאָל חלשן בשעת אַ שאלה אין שלום־עליכמס „טעפּל”.

די ייִדישע שפּריכווערטער באַגלייטן די פֿרויען אין אַלע זייערע עטאַפּן, אָדער לעבנס־תּקופֿות, ווו זיי קערן זיך און ווענדן.

די פרוי הייבט אָן פון אַ מיידל:

איין האָר פון אַ מיידלס קאָפּ שלעפּט שטאַרקער פון 10 אָקסן (באַר־דיטשעוו).

אַ מיידל איז ווי אַ זײַדן טיכעלע, אַז ס'ווערט נאָר אַ פלעק קען מען דאָס מיט זיבן זייפן ניט אויסוואַשן (זשיטאָמיר).

אַ מיידל מוז בײַ זיך מאַכן אַן אָרט: קען דער טאַטע ניט קויפן אַ „טופּטשאַן" צו שפּילן פּיאַנע שפּילט מען אויף אַ געגנדזענע גערגעלע (שפּאָלע).

מיידל, דו ביסט טאַקע שיין ווי די וועלט, דו דאַרפסט אָבער געלט (וואַרשע).

אַז די מיידל האָט אַ גלאַטן פּנים האָט זי אַ צעקנייטשטע קליידל (לאָנדאָן).

אַן אַלטע מיידל איז געגליכן צו פּאָסט־רעסטאַנט־בריוו: קיינער קומט ניט נאָך איר (אָדעס).

מיידלעך געדענקען דעם טאָג ווען זיי זײַנען געבוירן און פאַרגעסן דעם יאָר ווען זיי זײַנען געבוירן (מינסק).

די מיידל ווערט אַ כלה:

ואהבת לרעך כמוך מאַכט רש"י ברור לו מיתה קלה — קלײַב אים אויס אַ מיאוסע כלה.

אַוודאי איז די כלה מלא חן אונטערן דעקטוך (דימער).

די כלה שעמט זיך טאַקע, אָבער הנאה האָט זי (מאַקאַרעוו).

דער חתן איז אין שוואַרצן און בלייך ווי די קרײַד און די כלה איז אין ווײַסן און רויטן פון תענוג (קיִעוו).

אַ רײַכע כלה איז ווי אַ שמאַלץ גרוב: דער שמאַלץ רינט אויס און די גרוב בלײַבט (מינסק).

ניט אַזוי דער בקלות ראש ווי דער בכלהס הינטן (דימער).

די כלה ווערט אַ ווײַב:

אַז די כלה ווערט אַ ווײַב איז דער פיבער שוין פאַריבער (קעשעניעוו).

אַ שיינע ווײַב איז אַ האַלבע פּרנסה (וואַרשע).

ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען מײַן ווײַב ווערט יינגער אויף 200 יאָר (מאָהילעוו).

זײַן ווײַב איז אַ נידעריקע, ווײַל פון צרות קלײַבט מען אויס אַ קלע־נערע (לאָנדאָן).

ווי לאַנג איז מײַן ווײַב קראַנק? אַז זי וועט ליגן נאָך דרײַ וואָכן וועט ווערן אַ חודש (קאָוונע).

מײַן ווײַב איז אַזאַ קאַלטע בריאה, אַז זי טוט אַרײַן דעם פינגער אין זודיקן טשײַניק ווערט ער גלײַך אײַז טיי (קעשעניעוו).

ווײַבער זײַנען געגליכן צו הענטשקעס: מען טראָגט זיי אויף די הענט ווען זיי פאָרן (אָדעס).

אַ ווײַב איז ווי אַ מזוזה: אַפּריִער שלאָגט מען און דערנאָך קושט מען (לאָנדאָן).

גאָט האָט פאַרזאָגט, אַז פאַר מתן תורה זאָל יעדער ייִד זיך אָפּשיידן אויף דרײַ טעג פון זײַן ווײַב: ער האָט געוואָלט אַז ייִדן זאָלן הערן די עשרת הדברות מיט אַ קלאָרן מח (באָברויסק).

אַז מ׳האָט ניט קיין מרור צום סדר, ווײַזט מען מיטן פינגער אויף דער ווײַב און מ׳זאָגט מיט גרויס כּונה „מרור זו" (בוקאַרעשט).

אין משניות נשים גייען אַ פריִער גיטין, דערנאָך קדושין, אַ רמז אַז גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכּה (דימער).

די ווײַב ווערט אַן אַלמנה:

ווען די אַלמנה האָט שוין אַ גאָלדענעם דאַך איז זי פאָרט אַן אַלמנה (וואַרשע).

אַן אַלמנה איז אַ מצווה צו קיצלען (אָדעס).

די אַלמנה ווערט צו מזל אַ שוויגער איז:

כ׳זאָל אַזוי דערלעבן דער שוויגערס לויה (קאָוונע).

אַ בייזע שוויגער טרײַבט צום גט (פּאָלטאַווע).

די שוויגער האָט פאַרגעסן, אַז זי איז אַ מאָל געווען אַ שנור (טשערניגאָוו).

חלמיש למעיני מים דער שוויגער זאָל אַ שלאַק טרעפן. פאַרוואָס עפּעס דער שוויגער? וועמען דען? (טשערנאָוויץ).

מײַן גרעסטער יומא דפּגרא איז, אַז מײַן שוויגער קאָרטשעט זיך אויף דער פּאָדאַגרע (פּאָלטאַווע).

די בעסטע חתימה טובה איז איבערלעבן די שוויגער מיט איר מענה-לשון (באַרדיטשעוו).

אַז מײַן שוויגערס באַק כאַפּט אַ רקודל איז פאַר מיר אַ שיר-גרוס פון סמבטיון (אומאַן).

די שוויגער ווערט אַ ייִדענע.

אַגב, דאָס וואָרט ייִדענע איז בײַם פאָלק דער סינאָנים נאַר. אָט נעמט דאָס באַרדיטשעווער שפּריכוואָרט: „געצל, זײַ ניט קיין נאַר, דו ביזט דאָך עפּעס קיינמאָל ניט געווען קיין ייִדענע" אָדער „אַ ייִדענע בלײַבט אַ ייִדענע" (ווילנע).

טאָמער איז מענדעלען אויסגעקומען שילדערן אַ רוקנלאָזיקן מאַנצביל, אַ צעקוועטשטע לעמעשקע אָן אַ ווילן רופט ער אָן דעם מאַנצביל „סענדערל די ייִדענע". איך פאַרענדיק מײַן פעליעטאָן מיט צוויי גאַליציאַנישע כאַראַקטעריסטישע שפּריכווערטער:

„גאָטס ניסים: דאָ זיץ איך און דאָ פּאָר איך" (אַזוי האָט באַוווּנדערט אַ ייִדענע, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער פונעם וואָגזאַל און זעענדיק ווי איר צוג האָט זיך גערירט...).

אָדער אַ רב וואָס זײַן ייִדענע האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כּלים" האָט אויסגעשריִען: „אוי גוואַלד, שעלטן און שלאָגן אַ ייִדענע איז ניט קיין טבע, איך ווינטש דיר בעסער דו זאָלסט מגולגל ווערן אין אַ טרייף מעסער און אַז מ'וועט קומען צו מיר מיט אַ שאלה וועל איך פּסקענען דיך טיף אַרײַנשטעקן אין דער ערד".

„מאָמענט" (וואַרשע) 1929; איבערגעדרוקט אין פיל יידישע צייטונגען, באַזונדערס אין אַמעריקע און אַרגענטינע.

ייִדן וועגן זיך

(אַ פּרק פאָלקלאָר)

ווערליק דאָס פאָלק איז אַמביציעז, ווען ער הערט פון אַ פרעמדן אַזעלכע שטעכווערטלעך וועגן ייִדן וואָלט ער עס בפירוש געשטעמפּלט ווי אַנטיסעמיטיזם.

אַז דער ייִד האָט ניט געהאַט איבעריק חשק צו דינען פּאָניען פאַר זײַנע פּאָגראָמען, עלילת דם, און אָבלאַוועס איז פאַרשטענדלעך אַלעמען. דאָס פאָלק אָבער וויל ניט פאַרשטיין און נעמט זיך אָן פּאָניעס קריוודע קעגן... ייִדן, באַשיטנדיק אים מיט געדיכטע האָפן פון שטעכווערטלעך און בערעלעך.

ווען מען רופט, אַ שטייגער, צו אַן עליה דעם פּריזיוּוניק חיים חיריק און אויפן בעלעמער באַווײַזט זיך אַ בלאָסער „גרוגרת דרבי צדיק" און די אויערן „מאַכן אייגלעך" און פינטלען מיט צוויי שטיקלעך קלאָטשע, קוקט מען זיך איבער מיט אַ שמייכעלע:

— „וואָס זאָגט איר עפּעס אויף דעם ל"ג-בעומר-גענעראַל מיטן בליטשקענעם פּיסטויל"?

„מאַכן זיך אַן אויער אָדער אַ שבר איז אַ גליק. אַ שבר פלעגט מען אַפילו אַרײַנשטעלן אין נדן, ווײַל די רוסישע מיליטערישע סטאַטוטן האָבן דאַן פאַרבאָטן דעם „פּריזאָם" אָנצונעמען אַזעלכע קראַנקע אונטערן נומער 66. פון דאַן אָן האָט דאָס פאָלק, לשם קאָנספּיראַציע, אַ נאָמען געגעבן דעם שבר זעקס און זעכציק. ווען מ'שטעלט אָפּ, למשל, אַ יונגנמאַן פון הוי-האַ, וואָס אײַלט זיך מיט אַן אימפּעט זאָגט טשערנאָבל: „טשעפּעט אים ניט, ער האָט קיין צײַט ניט: ער מאַכט זיך אַ זעקס און זעכציק". אַז מ'קומט פון דרויסן אין שטוב און אין דרויסן איז קאַלט, זאָגט מאַקאַרעוו מיט אַ שעלמיש שמייכעלע: „אין דרויסן איז זעקס און זעכציק". פאַרשטייט מען, אַז אויב זעקס און זעכציק איז מסתמא קילע-וואַטע. „אַוודאי — וויצלט זיך דאָס

פאָלק—איז דער ייִד געבערכט (גערעכט), אַז נאָך מיט שלושים פאַרן פּריזיוו מוז מען זיך פאַרזאָרגן מיט אַ זעקס און זעכציק".

אייגנטלעך, נאָך וואָס איז דער פ אַ ר ז אָ ר ג ן, בעת דער שבר רעכנט זיך פאַר אַ נאַציאָנאַל־ייִדישער קראַנקייט? „דאָס איז דאָך עפּעס" — ווי זאָגט באַרדיטשעוו – אונדזער אייגנציקע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע"...

אַ תשובה דערויף באַקומט איר פון דער דערביי־קער קאַזאַטין: „אַ געוויי־רענער איז בעסער ווי אַ געבוירענער". חוץ דעם פּאַסקעט לודמיר און גיט אַזעלכע פּריווילעגיעס און פּרעמיעס: „אַ ייִד אַז ער פאַרמאָגט מערידן און אַ שבר איז ער פּטור פון תקיעות און שברים" און דימערער רשעים — אַ סיבה זיי אין פּנים — זאָגן עדות ממזריש: „אמת ווי מירידן (מיר ייִדן) זיינען".

די אייראָפּעיִשע אָסטייִדן אין דײַטשלאַנד (בערלין) ווייסן ווי אַזוי העלפֿן אויסלאַכן דעם ייִדישן זעלנער, צושרײַבנדיק בשעת וועלטקריג הינדענבורגן אַזאַ באַשלוס: „דער בעסטער זעלנער איז דער ייִדישער. די גאַנצע צרה איז נאָר ווו נ ע מ ט מ ע ן א י ם"?... רומעניע (בוקאַרעשט) דרינגט: „דער ייִד איז פון כסדר אָן אַן איש מלחמה: שטענדיק שלאָגט ער זיך מיט דער דעה"...

ניט קוקנדיק וואָס ייִדן אין פּוילן האָבן ליב געפילטע פיש מיט צוקער באַפעפערן זיי און באַזאַלצן פונדעסטוועגן דעם וויץ לכבוד דעם ייִדישן זעלנער:

אויף אַ פּאַראַד האָט פּילסודסקי אַ פרעג געטאָן צוויי פּוילישע זעלנער: צוליב וואָס דינט איר אין מיליטער? דער ערשטער האָט געענטפערט: איך דין, כדי צו היטן די גרענעצן פון מײַן פאָטערלאַנד, דער צווייטער – איך דין כדי צו פאַרטיידיקן מײַן פאָלק.

— און דו, פאַרוואָס דינסטו? האָט ער געפרעגט בײַם ייִדישן זעלנער.

— איך דין ווײַל... מ'האָט מיך געמאַסערט, איז געווען דער ענטפער.

ישראליק בן ציפּע־מירל קריכט אין די הויכע פענצטער

לאַ די וואָס דער ייִד וויל ניט דינען אין מיליטער מישט ער זיך נאָך אין פּאָליטיק, „וויל ניקאָלאַיען אַראָפּזעצן פון זײַן בענקל" און „אַרויס־לאָזן פון דער קוטשקע אַלע הינער". לעצטנס, נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט ער, ישראליק בן ציפּע־מירל, זיך אַ נאָמען געגעבן „ייִדסעקציע" און „צוליב „פרײַע ליובקע" מבטל געמאַכט חתן־בראשית און חתן־תורה.

ווען רוסלאַנד האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס ר. ס. פ. ס. ר., האָט דאָס ייִדישע פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד זיך גענומען דאַרשענען נוטריקן און אויסגעפונען, אַז די צוויי רישן זאָל מרמז זײַן צוויי רבקהס, צוויי סמכן — סאָסיעס און דער פ — אין מיטן אַ פאָניע... דערזען פאַר זיך אַן עדה ייִדן אין

דעם „ציק״, האָט דאָס פאָלק תּיכּף אויסגעטײַטשט: די ראשי תּיבות פון ציק זײַנען: „צען ייִדן קאָמאַנדעווען״... די תּמימותדיקע שטעט האָבן געמיינט, אַז נאָכן סטאַנאָוואָי וועט נעמען אַ סוף צום ייִדישן גלות מיט אַמאָל, נאַ דיר גאָר ייִדסעקציע... קלאָגט זיך לובאַוויטש פּילדײַטיק: „טאָמער איז בײַ אַ ייִדן יאָ אַמאָל אַ סדר, טוט ער אָן אַ העמד אויף דער קאַפּאָטע, טרינקט ווײַן און פאַרבײַסט מיט כריין״...

די האָלב־משכּילישע און בונדישע מינסק איז אויך ניט קאָנטעט מיט די „מעשׂי־תעתועים״ פון דער ייִדסעקציע: „אַ קונץ פון די ציוניסטן צו שטאַרבן פון ליבע פאַרן ייִדן; איר באַווײַזט אונדז בעסער אַ חריפות צו לעבן מיטן ייִדן״!...

ייִדנטום אָדער ייִדן־תּהום

שרעקט אײַך ניט, רבותי, איך קלײַב זיך ניט אַרײַנלאָזן אין טיפע חקירות ודרישות וועגן דעם מהות היהדות ווי א. מ. ווײַס אין זײַן „דור דור ודורשיו״, דערווײַל איז מײַן „בראַנזשע״ נאָר פאָלקלאָר.

וואָס איז אַזוינס דער ייִד און זײַן נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע? דערויף ענטפערן באַדײַטנדיקע ייִדישע קבוצים: וואַרשע וואָס ווייס פון משומדים זאָגט: „וואָס טוט ניט אַ ייִד צוליב פּרנסה? ער שמדט זיך און ווערט אַ מסור״. די לומדישע קאָוונע זאָגט: „דער ייִד פאַרמאָגט ששים רבוא קעשענייעס אין זײַן מהרשאָ־קעפּעלע״ און אַלס אילוסטראַציע זאָגט עדות די לעבעדיקע און צאַפּלדיקע שטעטעלע דימער: „דער איינציקער שנײַדער וואָס גנבעט ניט קיין יתור איז דער מוהל״.

מ׳שטייגס געזאָגט וואָס פאַר אַ קאַריערע קען מען מאַכן פון אַזאַ מין „יתור״!...

סוואַלק פאַרנעמט זיך מיט ריין „וויסנשאַפט״: „אַ ייִד האָט 28 פּראָצענט פּחד, 2 פּראָצענט צוקער און 70 פּראָצענט חוצפּה״...

דער ייִד איז אַ מקבל אַן „אייניקל״, דערפאַר ווילצלען זיך סאַמאַרער ייִדן״: אַ גליק וואָס סטענקאַ ראַזין איז ניט געווען קיין ייִד, ווען פאַרקערט וואָלטן זײַנע אייניקלעך געגאַנגען איבער די הײַזער מיט פּאַטשיילעס פון דאָן ביז דער וואָלגע״...

דער גראָשן איז דעם ייִדנס נשמה, האַנדל־וואַנדל—זײַן פּסיכאָלאָגיע, שאַרזשירט דאָס פאָלק אין פּוילן:

— דײַן לעבן אָדער דײַן געלט! האָט אויסגעשריען אַ באַנדיט ווען ער איז באַפאַלן אַ ייִדן.

— אויף וויפל פּראָצענט? האָט זיך דער ייִד אינטערעסירט

ייִדן אין איטאַליע (וועגעדיק) טראַכטן אויס אַזאַ פּזמון:

— וויפל איז 3 מיט 4? האָט געפרעגט דער עקזאַמענאַטאָר בײַם ייִדישן שילער.

— אַכט!

— מעגסט זיך שעמען אין דײַן ווײַטן האַלדז, צוויי יאָר אין אַ קלאַס און ניט קאָנען רעכענען, דו ביסט דורכגעפאַלן. גיי פאָרט!

— נו, מאָריץ, אויסגעהאַלטן? האָט געפרעגט אומגעדולדיק מאָריצעס ברודער, אַפּוואַרטנדיק אים אין הויף.

— ניין, ער האָט מיך געפרעגט וויפל איז 3 מיט 4, האָב איך ניט געוווּסט.

— בהמה איינער, גיי זאָג אים, אַז 3 מיט 4 איז 7! — האָט אויסגעשריען מאָריצעס ברודער.

— איך האָב אים שוין געוואָלט געבן מער וויל ער ניט...

— — — — — — — — — — — — — — —

די עקסטרעמען גייען זיך צונויף: דער ייִדישער פאָלקלאָר און די אַנטיסעמיטישע אידעאָלאָגיע... דער חילוק איז נאָר וואָס בעת די לעצטע איז טעמפּ און טויט ווי אַ געפרוירענע קאַרטאָפליע, איז אָבער דער ייִדישער פאָלקלאָר פול מיט וויצן, שפּיצן און בליצן און שפּרודלט מיט באַפּעפּערטע און באַזאַלצטע כאַראַקטעריסטישע ייִדישע וויצן, דערמאָנענדיק מיט זיך העגריך היינעס טרעפלעכן אויסדריק:

די אומות־העולם האָבן ליב דעם ייִדישן וויץ און ייִדישע פיש: אַי דאָ אַי דאָרט איז געגוג פעפער און זאַלץ...

„אורזער צייט" (קעשעניעוו); איבערגעדרוקט אין: „אונדזער לעבן" (ביאַליסטאָק), „דער גראָדנער מאָמענט", „זאַגלעמבער צייטונג", „ווילנער עקספּרעס" (1932).

פּעדער-גרימאַסן

(כשר לפּסחדיקער פּרק פאָלקלאָר)

קען דען זײַן געמאָלט די גרעסטע ברכה לבטלה ווי „על בעור חמץ" פון אַ ייִדישן דיקטער? פרעגט אונדזערע בעסטע ייִדישע דיכטער וועלן זיי אײַך עדות זאָגן, אַז באַלד נאָך דעם ווי זיי האָבן פאַרעפנטלעכט זייערע לידער, האָבן די רבנים פון זייערע שטעט געפּסקנט, אַז זיי זײַנען פּטור פון דער ברכה...

וועגן בעור חמץ דערציילט זיך אָן דאָס פאָלק פאַרשיידענע וויצן. אָט איז אַ טשעכאָסלאָוואַקישער וויץ, וואָס איך האָב אונטערגעהערט אין פּראָג:

ערב פּסח האָט דער מאַן אַ זאָג געטאָן צו זײַן ווײַב: אַ דאַנק גאָט, שוין אויסגערוימט אין שטוב דעם גאַנצן חמץ, נאָר דו, מײַן ווײַב, ביזט פאַרבליבן.

— האָסט ניט וואָס צו דאגהן פאַר מיר — האָט אים געענטפערט זײַן ווײַב — מיך האָט מײַן מאַמע שוין לאַנג פאַרקויפט דעם גוי...

אַמאָל און הײַנט...

אַמאָל האָט מען געהאַט פיל חמץ און דערפאַר איז אַנטשטאַנען דער אינסטיטוט פון די „בורזשואַזע“ פלעדערווישער, און היינט ערב פסח איז אַפילו דער אָרטאָדאָקסישער ייִד אַ ר ב ע ט ס ל אָ ז: כאַטש גיב אַ רענדל פאַר אַ ברעקל חמץ צו רוימען.

איך געדענק ווי מיין שכנס אַ ייִנגל, ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט „שבכל הלילות אנו אוכלים חמץ“ האָט דער פאָטער אויסגעשריִען: ליגנער איינער, נאָך וואָס זאָגסטו אַזאַ ליגן, אַז אַ גאַנצע יאָר עסן מיר חמץ. וויפל מאָל איז געווען, אַז מיר האָבן געוואָלט עסן חמץ, און אין שטוב איז ניט געווען קיין שטיקל ברויט!

אַנטשולדיקט, רבותי, וואָס איך בין פאַרפאָרן פון מיין טעמע, יאָ, ווו האַלט איך? אַמאָל און היינט...

אַ מאָל האָט מען געקויפט אַ ציגעלע (חד גדיא) פאַר צוויי פראַנק (בתרי זוזי) און היינט... אַנו, פּרוּווט אויף טשעקאַוועס קויפן אַ ציגעלע פאַר דעם זעלבן פּריַיז!

אַמאָל האָט מען ניט געקענט ציילן מער פון 10, און היינט אַז ס'קומט צו דער רייד וועגן מכות אַזוי ווערן מיר גרויסע בעלי-חשבונות, עס העלפט ניט אַפילו די סטאַביליזאַציע.

אַמאָל האָבן ייִדן פאַרמאָגט „רכוש גדול“ און היינט, מ'שטיינס געזאָגט, אַ פּעקל פון פּראָטעסטירטע וועקסלען, סעקוועסטרען, מגיע-קוויטעלעך און עגמת-נפש-צעטעלעך.

אַ מאָל האָבן ייִדן פאַרמאָגט זכרים. ס'איז געווען לפּחות-שטאָף וועמען אַרייַנוואַרפן אין דעם טייַך נילוס; און היינט... מ'זאָל ניט זינדיקן פאַר די רייד. ס'איז דען מאַנצביילן? ס'זיינען דאָך ייִדענעס...

אַ מאָל זיינען געווען כשר-לפסחדיקע אינדיקעס און היינט האָט דער רבי, זאָל לעבן, געמוזט טיילן אַן אינדיק אויף דער העלפט. פאַר אַ יאָרן איז מיר אויסגעקומען האַלטן פסח ביים רבין. ביים שטיל שווייַגנדיקן טיש האָט דער רבי גענומען דעם אינדיק, איבערגעשניטן אַ האַלבן און נעמענדיק אין האַנט האָט ער מיט אַ זיפץ געזאָגט:

געדענקט, רבותי, ווי אַ מענטש דאַרף ניט זיין קיין בעל-גאווה! וואָס איז דען דער מענטש? אַ בשר ודם עפר ואפר. איר קענט אייך נעמען אַ מוסר פון דעם אינדיק, וואָס ליגט דאָ פאַר אייך אויף דעם טיש! ערשט נעכטן האָט ער נאָך געלעבט און האָט זיך געבלאָזן: האָלדר! האָלדר! האָט ער זיך דען געריכט אַז היינט וועט ער ליגן צושניטן? אוי וויי איז מיר! דאָ אויף דעם טיש? אַזוי איז דער מענטש. היינט לעבט ער, מאָרגן קען ער זיין טויט. געדענקטזשע, רבותי, איר זאָלט אייך לערנען אַ מוסר... איין האַלבן מוסר נעם איך זיך און, די אַנדער העלפט לאָז איך איבער פאַר אייך.

מיטן פסח הייבט זיך אָן דער סעזאָן פון עלילת־דם, פון דעם אַלטן לידעלע, אַן יידן ברויכן אויף מצות.. צווישן אונדז גערעדט. איך האַלט אַז די אַנטיסעמיטן זיינען גערעכט: יידן ברויכן טאַקע אויף מצות...

אמת טאַקע, ניט קיין בלוט, נאָר געלט, געלט ברויכן זיי, ווייל אָן דעם וואָלטן יידן נעבעך ניט געקענט פראַוועון דעם סדר.

איז עס ניט אַ פּאַראַדאָקס? דער ייד זאָל גאָר פראַוועון דעם סדר? בסך־הכל איז דאָך דער ייד ניט געוויינט צו אָרדענונג! און טאַקע אפשר קוים באַמערקט ער גאָר אַ סדר אַזוי, פרעגט ער מה נשתנה?.. און כדי צו קאָמפּראָמיטירן דעם סדר פאַרדרייט ער די יוצרות: „טוט אָן אַ העמד אויף דער קאַפּאָטע, טרינקט ווין און פאַרבייסט מיט כריין".

אַ פּנים, ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס דער פסח לעבט אָפּט בשכנות מיט דעם ערשטן מאַי: פסח צום סדר זינגט מען חד־גדיא און דעם ערשטן מאַי ווען עס ווערט אַן אומסדר און מ'זינגט, אַזוי האַקט מען גלייך אין חד־גדיא אַריין.

אויפן סדר איז מען זיך נוהג פרעגן די קשיות:

די ערשטע קשיא וועל איך אייך, רבותי, פרעגן.

מרור זה שאנו אוכלים על שום מה? סטייטש? אָפּגעלעבט אַ ביטערן יאָר און אין מיטן דרינען נאַ דיר גאָר אין אַ נאָווינע אַ וואָרצל כריין דעם יידן?..

האָב איך אייך שוין געפרעגט די ערשטע קשיא, די צווייטע קשיא וועל איך אייך פרעגן, ווי קומט עס וואָס די לינקע פועלי־ציוניסטן נעמען זיך ניט אָן די קריוודע פון דעם האָרעפּאַשניק, נעבעך, אליהו הנביא? עפּעס אַ ווערטעלע, אַרומלויפן איבער די גלות־לענדער איבער יידישע הייזער, קיין עין הרע ניט, און טרינקען דעם יין־צמיקים, וואָס האָט אַ טעם ווי דער סאָק פון דעם אַלטן בפרושעס לולקע־ציביק?

די דריטע קשיא: פאַרוואָס לייגט מען זרוע, מרור און ניט דעם רכוש גדול? די פערטע קשיא: פאַרוואָס האָט פּרעה געהייסן וואַרפן אין טייך דווקא די זכרים און ניט די נקבות?

אַזוי ווי מיר ווילט זיך צוזאַמען מיט אייך פונאַנדערפלאָנטערן די קשיות, וועל איך מאַכן אַן אָנהייב און פרוון פאַרענטפערן די לעצטע צוויי קשיות.

פרעה האָט געהייסן וואַרפן אין טייך דווקא די זכרים: דער רשע, ימח שמו, האָט פאָרויסגעזען, אַז קוים וועלן די נקבות וויסן ווו די זכרים געפינען זיך, אַזוי וועלן זיי זיך וואַרפן אין טייך אויף מסירת־נפש...

קיין רכוש גדול האָבן אונדזערע חכמים ניט געהייסן לייגן אויפן סדר: ווייל האָבן אַרויסגעזען בנביאות, אַז פון דעם רכוש גדול וועט קיין זכר ניט בלייבן...

אין דעם גערדיכטן נעץ פון דעם סדר־פראַווען מיט זײַנע מנהגים און טראַדיציעס פלאָנטערן מיר זיך גאַנץ אָפט.

אָט האָב איך אײנמאָל אָנגעהויבן מיטן געוויסן נוסח „מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושיע", האָט מײַן ווײַב אָנגעהויבן אָפּצוגיסן צו ביסלעך ווײַן פון איר כּוס זאָג איך צו מײַן ווײַבל:

— ניין, מײַן ווײַב, דאָס איז ניט די מכּות, דאָס זײַנען דערווײַל רבנים...

נאָכדעם אַז ס'איז געקומען צו דם צפרדע האָב איך גענומען אָפּגיסן מײַן כּוס.

— דאָס זײַנען שוין ניט קיין רבנים? האָט געפרעגט מײַן ווײַבל.

און נאָך געדענק איך ווי מײַן שכנס ווײַב האָט אַ פרעג געטאָן ווי קומט קורח (כּורך) אין דער הגדה?

מײַן שכן האָט זיך ניט פאַרלוירן און געענטפערט: ווײַל קורח איז אײַנגעזונקען געוואָרן איז ער געוויס פון פרעהס לײַט...

ניט ווײַט פון מײַן שטעטעלע האָט געוווינט אַ ישובניק, האָט ער אַנומלטן פּסח צום סדר געזאָגט מיט זײַנעם אַ זון פון איין הגדה, וואָס ער האָט ערב פּסח אָפּגענומען פונעם אײַנבינדער. האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז אין דער הגדה האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אַ בלעטל סליחות און זיי האָבן געזאָגט: אלו עשר מכּות שהביא הקדוש ברוך הוא על המצרים במצרים ואלו הן: אשמנו, בגדנו, גזלנו אאז"וו.

— טאַטע — רופט זיך אָן דער זון — מיר דאַכט, אַז הײַנטיקס יאָר איז עפּעס מער מכּות ווי אַלע יאָר.

— יאָ זונעניו, האָט געענטפערט דער פאָטער, דו ביזט טאַקע גערעכט.

— פאַר וואָס זשע, טאַטע, קומט הײַנט מער מכּות?

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ ניט: הײַנטיקס יאָר האָבן מיר דאָך אַן עבור־יאָר. — זאָל מיר דערלויבט ווערן פאַרענדיקן מײַן כּשר־לפּסח־פאָלקלאָר מיט אַ „חמצדיקן" וויץ:

זיצנדיק בײַ אַ מאָלצײַט האָט דער אורח געזאָגט דעם בעל־הבית, אַז ער טרינקט ניט קיין בראָנפן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער אורח דער־ווײַל אָנגעגאָסן אַ גרויסע גלאָז בראָנפן און מיט ווייכע בולקע אויסגעטונקט די גאַנצע גלאָז.

דאָס האָט פאַרדראָסן דעם בעל־הבית און ער האָט געפרעגט זײַן אורח:

נאָך וואָס האָט משה רבינו געדאַרפט שפּאַלטן דעם ים־סוף? ער האָט דאָך געקענט באַפעלן די ייִדן זיי זאָלן אויסטונקען דעם ים־סוף מיט ווייכע בולקע! דער אורח האָט זיך ניט פאַרלוירן און געענטפערט: משה רבינו האָט עס ניט געקענט טאָן, ווײַל ווו וואָלט ער נאָכדעם גענומען וואַסער די מצרים צו דערטרינקען...

„דער נײַער וועג" (פּאַריז) נומ' 15—16 1930

פאַרשיידענע

זיכרונות, אַרטיקלען, רייזע־
איינדרוקן און מאַטעריאַלן.

אַמאָל איז געווען...

(ראש־השנה־מאָטיוון)

— בראש האָסטו נאָר אין איין לערנען – האָט געטענהט די מומע צום טאַטן — גיי זע ווי דער תּכשיט דײַנער לייענט אַ גוֹיִשע כרעסטאָ־מאַטיע. דער תּנא דײַנער וואַקסט דאָך בײַ דיר ווי אַ ווילדע קראָפּיווע. אַ טאַטע דאַרף לייגן אַן אויג אויף זײַן קינדס קאָפּ...

אויפן צווייטן טאָג ווען איך בין געקומען פון חדר, האָט מיך מײַן טאַטע אַרײַנגערופן צו זיך אין צימער; דאָרט אויפן טיש האָב איך דערזען מײַן גאַנצע אַנטדעקטע „אומלעגאַלע ליטעראַטור": „מכתּרי פּאַריז", „זכרונות לבית דוד", „בוסתנאי", „משלי קרילאָוו", עוזר בלאָשטיינס גראַמאַטיקע און שטיינבערגס ווערטערבוך.

מײַן טאַטע האָט געמאַכט פון זײַן האַנט אַ דעכעלע איבער די אויגן ער זאָל מיך קאָנען בעסער באַטראַכטן:

— האָסטו די אַלע ביכלעך געלייענט?

— יאָ!...

— מילא, וואָס געווען איז פאַרפאַלן. אויף ווײַטער זאָלסטו מער אַזעלכע אפּיקורסישע ביכער ניט לייענען, דערפאַר נעם איך דיך מיט זיך קיין טשערנאָביל צום רבין אויף ראש־השנה.

* * *

...די רעדער קאַטשען זיך איבער דעם ווייכן זאַמד. די גלעקלעך האָבן אַ זילבערנעם קלאַנג. אַט זײַנען מיר שוין הינטער דער שטאָט. פון ביידע זײַטן שטייען וועגט פון ווייץ און האָבער מיט געקרײַזלטע לאָקן, וואָס הוידן זיך לויטן ווינטל. מיט פרייד באַטראַכט איך די אַרומיקע תּבואה־משפּחה.

דער וואָגן האָט זיך פאַרקערעוועט אויף לינקס. עפּעס דאַכט זיך, אַז עמעצער האָט שטיפנדיק צעוואָרפן און פונאַנדערגעשאָטן בלויע, רויטע, גרינע, ווײַסע און גרויע קעסטעלעך. זיי שפּרייטן זיך פון דער מיל אונטער ביז אַרויף צום שפּיץ באַרג.

ראובן דער בעל־עגלה איז אַ ייִד מיט אַ רויטן קאַרק און מיט אַ פּאָר ידים. איז שווער איבערן זאַמד, שפּאַרט ער אונטער די עגלה מיט די פּלייצעס: וויאָ!

צווישן וויאַקען און קנאַקן מיט דער בײַטש בראָקט ער אַ מדרש, אַ פּסוק „מן המצר קראתי ויאָ"! עס פילט זיך אין אים עפּעס פויערשעס, די ערדישקייט פון דעם „ייִדישן מוזשיק".

מיר פאָרן אַרײַן אין אַ גױיִשן דערפל. אַ שטיל װינטעלע גנבעט זיך אַרײַן צו אונדז און טראָגט אונטער אַ זיסן ריח פון די גערטנער און פעלדער. ראובן דער בעל-עגלה רעדט אַזױ װי צו זיך אַלײן:

— די לופט איז אין דאָרף גוט װױל... די ערלים האַלטן שטענדיק פאַרשפאַרט די פענצטער פון זײערע „כאַטעס". װיאָ סאָפּ-הײטאַ!...

אָט זײַנען מיר שױן אין טשערנאָביל, דער בעל-עגלה פאָרט פאַמעלעך און דו האָסט צײַט צו באַטראַכטן דאָס שטעטל. אָט יענע צװײ לאַנגע גרינע שטריכן, דאָס זײַנען די צװײ צײלן קראָמען, װאָס שטײען אין מיטן מאַרק. דער מאַרק אָטעמט מיט ימים-נוראים — אומעט אונדזער גלעקל קלאָגט זיך אין לײדיקן מאַרק און פאַסט זיך אַרײַן אין דעם שופר-שאַלן פון דער ערב-ראש-השנהדיקער „רעפעטיציע", װאָס טראָגט זיך איבערן גאַנצן שטעטל.

גרױ און אײנזאַם ליגט דאָס חסידישע טשערנאָביל. קלײנע געסלעך פאַרטרױען זיך אַ סוד אויף די עקן. װער עס האָט פאַר דעם לעצטן יאָר געזינדיקט, װער האָט אויסזיכטן אויף אַ כתיבה-טובה: לחיים או למות, לשובע או לרזון...

אין אַ מינוט אַרום שטעקט מען שױן אונדז שלום פון אַלע זײַטן.

* * *

מעריב ראש-השנה האָבן מיר געדאַװנט בײַ ר' ברוך אשרל — דעם מגידס אײניקל. דער רבי זאָגט פסוקים, קײַלעכדיק פאַלט אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק; דעם רבינס אויגן זײַנען פאַרמאַכט, דעם רבינס װײַס ליגן װי אַ שװאַרצער פּאַס איבער זײַן פּנים; דעם רבינס ליפּן ציטערן; דער רבי בײזערט זיך אויף כּבוכול, דער רבי מוסרט אים, רעדט אים אײַן מיט װײכע װערטער.

טאַטע האַרציקער, „װידע כּל פּעול כּי אתה פּעלתו ויביו כּל יצור כּי אתה יצרתו"... דער רבי קרעכצט אַי, קאָן דער רבי קרעכצן! חסידים האָבן ליב, װען דער רבי קרעכצט — אַ סימן, אַז ער ראַנגלט זיך מיטן שטן. אָט שטעלט זיך דער רבי מיטן פּנים צום עולם און פאַרענדיקט מעריב מיטן טראַדיציאָנעלן „לשנה טובה תּכּתבו ותחתמו"!

אַלע זײַנען באַגײַסטערט פאַר פרײד. דער רבי מאַכט קדוש. מען גײט אַריבער אין עס-צימער. בײַם עסן הײבט זיך ערשט אָן די אמתע מלחמה פאַר „המוציא מיט האָניג". נאָכן עסן שפּאַרט אָן דער רבי דעם קאָפּ אויף זײַנע דאַרע האָריקע הענט און זאָגט תּורה. איך כאַפּ אויף אײנצלנע װערטער:
— אויב יידן זינדיקן, זײַנען זײ ניט שולדיק, שולדיק איז נאָר דער בורא...
דער גרױסער מליץ-יושר, דער באַרדיטשעװער רב האָט געזאָגט: רבונו-של-עולם, דו האָסט אַרײַנגעגעבן דעם יצר-הרע אין מענטשלעכן האַרץ און דעם גיהינום אין ספר „ראשית חכמה". דו װאָלסט אָבער געמאַכט פאַרקערט... דעם

יצר-הרע אין ראשית חכמה און דעם גיהינום אין מענטשלעכן האַרצן וואָלט קיינער ניט געזינדיקט.

אַ מינוט איז אײַנגעשטילט געוואָרן, און דאַן — אויפגעוואַכט שטורמיש:

— די גרעסטע עבודה איז טאַנצן מתוך שמחה, טאַנצט, ייִדן, פֿריילעך, לעבעדיק, פֿאַרטרײַבט דעם שטן מקטרג!

אַ התלהבותדיקע פֿרייד נעמט אַרום די יום-טובדיקע עדה. הענט קייטלען זיך אין הענט, אָרעמס לייגן זיך אויף אַקסלען — אין אַ ראָד, אין אַ ראָד דרייען זיך חסידים.

— עד כאן עבודה אחת — זאָגט דער רבי. — חנינא, ווו איז חנינא מײַן זון? פֿאַרוואָס האָט ער ניט געטאַנצט בצבור? זאָל ער גיין ביחוד, אפֿשר וועט ער אויסטאַנצן אַ כּתיבה וחתימה טובה, אפֿשר וועט ער זײַן דער מליץ יושר?..

חנינא דער שנײַדער האַלט זיך שוין „פֿאַר באַקאָם". אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צום באַלקן, אויסגעשטעלט ממזריש דאָס בערדל אויף פֿאָרנט און באַלד לאָזט ער זיך אין אַ דריבנינקע טענצל. אַ פֿאָניע? אום ראש השנה טאַנצט ער אַ „פֿאָניע". ער טאַנצט אָבער מיט כּוונה, מיט אַלע רמ"ח איברים און שס"ה גידים. כּל עצמותיו טאַנצן.

אָט איז ער געבליבן שטיין ווי פֿאַרגליווערט אין מיטן זאַל און אָנגע-הויבן זינגען דאָס פֿאָלקסליד מיט אַ ימים-נוראימדיקן נוסח

וכל מאמינים וכל מאמינים,
אַז גאָט דאַרף מען דינען;
אַז גאָט דאַרף מען דינען,
מ'מוז אים דינען,
דורך טענץ אים דינען,
דורך נגינה אים דינען,
דורך חדוה אים דינען,
אָבער ניט ווי קיין גולם.
הדן יחידי לכל באי עולם.
וכל מאמינים וכל מאמינים,
אַז גאָט דאַרף מען דינען;
מ'דאַרף אים דינען אַאַז"וו.
אָבער אין נחת
הגואל ממות ופודה משחת אַאַז"וו.

חסידים האָבן אַרומגערינגלט דעם רבין, וואָס האָט פֿון מידקייט קוים אַרויסגערעדט: די מרה-שחורה איז די גרעסטע עבודה זרה... ווער עס האָט ניט געהערט שופר בלאָזן קען יוצא זײַן דורך עבודה מתוך שמחה... טאַנצט, ייִדן, צעטרעט מיט די שטיוול דעם ס"ם, דעם מקטרג, דעם מחבל, די מרה-שחורה; טאַנצט, ייִדן, דינט דעם אייבערשטן...

חסידים וויקלען זיך צונויף אין איין לעבעדיקן קנויל, אַלטע ייִדן שפּרינגען אונטער ווי ייִנגלעך, געזעצטע בעלי־בתּים לאַכן און שטופּן זיך. ייִדן און יונגעלײַט, מיט שוואַרצע לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט שמויסענע היטלען אויף די קעפּ, מיט שווערע שטיוול, טאַנצן אין ראָד. די אויגן שײַנען, די פּנימער זײַנען פול מיט פרייד...

אין ר״ה — נומערן תרצ״א: „מאָמענט" (וואַרשע), „דער נייער וועג" (פּאַריז), „ריגער פרימאָרגן", „ווילנער טאָג", „קענעדער אָדלער" (מאָנטרעאַל).

דער עולם־הבא־פאַרקויפער

(אַן עפּיזאָד צו אַ יאָרצײַט)

פאַרן אָנצינדן אַ ליכטל צום יאָרצײַט פון אַ באַקאַנטן העברעיִשן „סאָציאַליסט" מוז איך אָנהייבן פון מײַן כתרילעווקע, ווו איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען און געהערט.

בײַם אַרײַנפאָרן אין כתרילעווקע שטייט אַ רויטע שטוב, אין איר וווינט אַ געלער בעל־עגלה און בײַם אַרויספאָרן וווינט אַ רויטער בעל־עגלה אין אַ געלער שטוב. דאָס איז דער גאַנצער ייִדישער „פּראָלעטאַריאַט" וואָס כתרילעווקע האָט, מישטיינס געזאָגט, פאַרמאָגט. רויִק און פרידלעך האָט זיך געלעבט אין מײַן שטעטל, אַזוי רויִק, אַז כתרילעווקער ייִדן פלעגן זאָגן ניט אַנדערש, אַז אַ מלאך האָט געגרינדעט אונדזער שטעטל אויף אַ טשערעטל און געמויזעכץ:

מײַן מלמד איז געווען אַ שול־שמש און געקנעלט מיט מיר אין שטיבל לעבן בית־המדרש.

ס'איז געווען זומער־לעב. גאָט האָט אַרויסגעצויגן די זון פון איר פוטערפאַס. אין חדר איז געווען הייס, שטיקנדיק און דער רבי האָט גראַדע געהאַלטן אין קנעלן מיט אונדז די סדרה „כּי תזריע". אונדזערע קינדישע מוחות האָבן ניט געקענט תּופס זײַן דעם גאַנצן ענין, דערפאַר טאַקע האָט דער רבי ווי אַ פעלד־גזלן געפּיצקעט מיט אַ רוט אָן חשבון, אָן בוכהאַלטעריע. אָט האָב איך אָנגעהויבן מיט מײַן כּתּה, און דער רבי האָט דערבײַ אונדז פאַרטײַטשט אויף ריין־ייִדיש: אשה — אַן אשה, כּי תזריע — אַז זי וועט מזריע זײַן, וילדה — און וועט מוליד זײַן, זכר — אַ זכר.

מיטאַמאָל האָבן זיך די טירן פונעם שטיבל פונאַנדערגעפּראַלט און גאַנץ כתרילעווקע האָט זיך אַרײַנגעריסן אין אונדזער חדר. ס'איז געווען אַזוי ענג, אַז כתרילעווקער ייִדן האָבן ממש ניט געהאַט ווו אַ נאָז אויסצושנײַצן.

אָט איז צוגעגאַנגען צו אונדזער טיש „אײַזיק דער גרויסער" — אַ יוסטער בעל־הבית פון אַ הויף מיט אַ גרין גאַניקל, מיט אַ דאַך פון שינדל. לעבן אים איז געשטאַנען אַ נידעריקער אומבאַקאַנטער יונגערמאַן און כּמעט אינגאַנצן רונדיק.

— ר׳ חיים־יהודה — האָט זיך געווענדט „אײַזיק דער גרויסער״ — דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט מיר פאַרקויפט זײַן עולם־הבא פאַר אַ גלעזעלע בראָנפן מיט אַ קאָרזיק. אַזוי ווי איך וויל, אַז די קניה זאָל פאָרקומען פאַרן ארון־קודש בפני כל עם ועדה, זײַט אַזוי גוט און עפנט אונדז דעם בית־המדרש.

דער שמש האָט אַרײַנגעלאָזט אין שול די גאַנצע כאַליאַסטרע: מאַנצ־ביל, יידענעס, קינד און קייט, פײַנע בריהס און אַפילו דעם שטאָט־משוגענעם. „אײַזיק דער גרויסער״ מיטן אומבאַקאַנטן רונדיקן יונגגמאַן זענען אַרויף אויפן בעלעמער צווישן די פײַנע בריהס און דער היגער רב האָט אַ פּאַטש געטאָן אויפן טיש:

— רבותי, זײַט עדות, אַז דער יונגערמאַן האָט, בעוונותינו הרבים, פאַר־קויפט זײַן עולם־הבא צו ר׳ אײַזיק בן ציפּע־מירל, און ווענדנדיק זיך צום רונדיקן יונגגמאַן, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— זינדיקע נשמה, וואָס האָט דיך געבראַכט צו פאַרקויפן עולם־הבא, אפשר ביסטו געווען הונגעריק?

— ניין, איך בין גראַדע געווען איבערזאַט, — האָט דער יונגערמאַן געלאַסן געענטפערט.

— אפשר האָסטו ניט געהאַט בײַ זיך קיין געלט אויף משקה?

— אַדרבה, איך האָב געהאַט געלט די והותר.

— וואָס זשע איז די סיבה, וואָס דו האָסט פאַרקויפט אַזאַ הייליקע זאַך בײַ יידן?

— ווײַל עולם־הבא האָבן אויסגעטראַכט טשערנאָבילער רביים און יידישע תקיפים כּדי צו פינצטערן המון, כּדי צו פאַרטעמפּן די מוחות פון אָרעמע מאַסן...

— שווײַג, עוכר ישראל! שווײַג, פושע ישראל!—האָט גאַנץ כתרי־לעווקע אויסגעשריגן. דער הילכיקער ליאַרעם האָט פאַרטויבט זײַנע לעצטע ווערטער.

דער יונגערמאַן האָט אָפּגעוואַרט ביז עס איז געוואָרן שטיל און גאַנץ געלאַסן געזאָגט:

— ברידער, מיר טוט באמת לײַד, וואָס איר זײַט פינצטער און לאָזט זיך ניט בילדן... באַראַבאַנעו, פויקן און טאַצן קענען פאַרהילכן דעם שופר איבער דער מחנה פון יהודה...

— פי־לע־זאָ־פי!.. — האָט אויסגעשריגן „זיידל ר׳ ישעיהס.

— פי־לע־זאָ־פי!.. — האָבן מיר, ווײַסע חברה־ניקעס, אונטערגעכאַפּט, ניט פאַרשטייענדיק אַליין דאָס וואָרט.

די פײַנע בריהס האָבן אַ ווינק געטאָן בענצען דעם שרײַבער און ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: אַזוי ווי אַ וואַנדערער האָט געהאַלטן אין שול אַ רעדע און גערופן גאַנץ כתרי־לעווקע צו אַן אָפענער מרידה, דרום בעט קהל דעם סטאַראָסטע פון וואָלאָסט

אַרויסשיקן דעם אומבאַקאַנטן עטאַפּ קיין קיִעוו. „נחום דער סאָטסקע״ האָט אַ וויש געטאָן די רונדע בלעכל, צוגעפּעסטיקט דעם צוויייקעפּיקן אָדלער צום ברוסט און גענומען פירן דעם אומבאַקאַנטן איבער די גאַסן אונטער אונדזער אַקאָמפּאַנימענט:

— פּי—לע—זאַ—פּי !..

פון אונדזערע קולות האָט זיך כּתרילעווקע אַ הוידע געטאָן. דאָס משוגענע קעלבל האָט אַ מרוקע געטאָן און זיך געלאָזט טאַנצן און שפּרינגען. די ציגן, וואָס זײַנען געשטאַנען אויסגעצויגן פון די פּריזבעס ביז די דעכער און געצופּט די שטרוי פון די סטריכעס, האָבן זיך געלאָזט לויפן און אָנגע־הויבן מעקן און די עופות האָבן פאַר פּחד אָנגעהויבן פליען איבער די פענצטער און פאַטשן מיט זייערע פליגלען די טאַפּליעס...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין עטלעכע יאָרן אַרום בין איך געוואָרן אַ הייסער משׂכּיל, פלעג פאָרן קיין קיִעוו אין שליחותן פון כּתרילעווקער משׂכּילים.

אַ דאַנק י. י. ווײַסבערגס טאָכטער רבקה מאַלאַכאָווסקי אין קיִעוו האָב איך זיך געטראָפן מיטן עולם־הבא־פאַרקויפער.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַן אייגנאַרטיקער יִדישער „נאַראָדניק״, וואָס האָט זיך באַטראַכט אַלס סאָציאַליסט. אין אמתן איז זײַן סאָציאַליזם געווען גאָר פון אַן אַנדער שניט, וואָס האָט זיך ניט אָריענטירט אויף דער „היסטאָ־רישער נויטווענדיקייט״ און עקאָנאָמישער אומפאַרמײַדלעכקייט, נאָר אויף יושר, פילאַנטראָפּיע, רחמנות און צער־בעלי־חיים.

בײַם ליכט פון אייראָפּעִישער ווּיסנשאַפט איז זײַן סאָציאַליזם געווען „פּאָליטיש ניט כּשר״...

דער עולם־הבא פאַרקויפער איז געווען דער באַוווּסטער העברעִישער דיכטער, דער מחבר פון „כּשרון המעשה״ – יהל״ל, וועלכער איז געשטאָרבן פון אַן אָפּעראַציע און וועמעס יאָרצײַט מיר האָבן היינט.

„צ יי ט״ (ווילנע) 1934.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט ש. אַנ-סקי

בײַ אָריגינעלע אומשטענדן האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַנ—סקין, וועל־כער האָט „מחזיר למיטב״ געווען אָט דעם „תינוק שנשבה בין העכו״ם״. פאַר „חטאת נעורים״ איז מיר אויסגעקומען בימי ניקאָלאַי אָפּריבטן גלות אין אַרכאַנגעל־סקער גובערניע. אַרײַנגעפאַלן אין אַ נײַער און אומבאַקאַנטער סביבה, רײַך אין אײַנגלויבענישן, סגולות, זאַבאַבאָנעס, פאַראורטיילן אאַז״וו, האָב איך זיך גענומען אויספאָרשן דעם פאָלקלאָר אין צפון און פאַרעפנטלעכט וועגן דעם אַ סעריע נאָטיצן אין דער רוסישער צײַטונג „אַרכאַנגעלסק״ אונטער

דער רעדאַקציע פון דעם געוועזענעם דומע-דעפּוטאַט מעפּאָדיעוו (אַ זאַמלונג פון מײַנע רוסישע עטנאָגראַפיש-פאָלקלאָרישע צײַטונגס-אַרטיקלען געפינט זיך אין אַרכיוו פון ייוואָ) אין יענער צײַט האָט זיך געגרינדעט אין אַרכאַנגעלסק אַ רוסישער זשורנאַל פאַר פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע אונטערן נאָמען „איזוועסטיאַ אָבשטשעסטוואַ איזוטשעניאַ סיעוועראַ", ווו איך בין צוגעצויגן געוואָרן אַלס מיטאַרבעטער. איינמאָל ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין רעדאַקציע, טראָגט מיר אָ'נטער דער סעקרעטאַר אַ פאַרמאַכטן בריוו און אַ קאָנווערט מיט דער פירמע פון דעם באַרימטן זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" אַ בריוו צו מ'ר פון „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" האָט מיך באַזונדערס פאַר-



ש. רובינשטיין נאָכן אָנקומען פון זײַן פּאָליטישער פאַרשיקונג צוריק אַהיים קיין קיעוו, ווו עס האָט זיך געגרינדעט — לויט אַנ—סקיס איניציאַטיוו—די היסטאָריש-עטנאָגראַפ' געזעלשאַפט

אינטערעסירט. איך גיב איבער אומגעפער דעם אינהאַלט פונעם בריוו געשריבן אויף רוסיש פון ש. אַנ—סקי.

געלייענט אײַער אַרבעט „ראַספּאַד קאָלעקטיוונאַוואָ אי זאַראָזשדעניע אינדיווידואַלנאָוואָ טוואָרטשעסטוואַ" מיט אַ געוויסן אינטערעס. רובינשטיין? משמעות אַ ייִד, דריק איך אײַך אויס מײַן חידוש וואָס איר זענט אַזוי ווײַט פון דעם ייִדישן פאָלקלאָר: ווען איר וואָלט זײַן באַקאַנט מיט די ייִדישע פאָלקסלידער אין דרום-רוסלאַנד, וואָלט אײַער אַרטיקל אַרויס אַ סך פילזײַטיקער, דורכפירנדיק אַ פאַראַלעל צווישן די רוסישע לידער אין צפון און די ייִדישע אין דרום-רוסלאַנד אאַז"וו.

אונ װײַטער:

איר װעט דאָך אײביק ניט פֿאַרבלײַבן אין אײַער פֿאַרשיקונג, אַז איר װעט ענדיקן אײַער גלות און זיך לאָזן קיין קיִעװ (די פּעטערבורגער רוסישע צײַטונגען האָבן בשעתו געשריבן פֿון װאַנען מ׳האָט מיך פֿאַרשיקט) בעט איך אײַך מיך באַזוכן און פֿאַרפֿאָרן צו מיר, װוּ איר קענט, אַגב, בײַ מיר איבערנעכטיקן און זיך אויסרוען פֿון אײַער נסיעה. פֿאַרפֿאָרט צו מיר אָן צערעמאָניעס, איך האָב טאַקע מיט אײַך איבערצושמועסן װעגן מ ײַ ן (קורסיװ מײַנער — ש. ר.) ענין.

הגם די מאַכט האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ צײַטװײַליקן דאָקומענט מיט דער טראַפּאַרעטער צושריפֿט: „גדיע יעװרעיאַם אי פּאָדנאַדזאָרנים זשיט ניע דאָזװאָלענאָ" — האָב איך פֿונדעסטװעגן אויף מײַן נסיעה פֿון אַרכאַנגעלסק קיין קיִעװ אָפּגעשטיגן אין פּעטערבורג און פֿאַרפֿאָרן צו אַנ-סקין (װאַסילאינדזל, הויז 21).

איך האָב געדענקט, אַז אַנ-סקיס װוינונג באַשטייט פֿון עטלעכע צימערן, לסוף האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז אַנ-סקי אַליין איז אַ סובלאָקאַטאָר אין אַ קליין צימערל ד׳ על ד׳. אים אַליין האָב איך ניט געטראָפֿן. אויף אַ קושעטקע איז געשלאָפֿן אַ ייִדישער יונגערמאַן, אַזוי אַז מײַן טרוים ערגעץ אויסגעשמאַק גלײַכן די גלידער איז מיר ניט באַשערט געװען צו באַװערן. דער יונגערמאַן האָט געכראָפּעט, געסאָפּעט, געפּײַפֿט װי אַ לאָקאָמאָטיװ, עפּעס פּונקט װי ער זאָל זיך מיט מיר רייצן... איך האָב געפֿילט, אַז איך װער אים אַ שונא.

אַזוי װי דרייען זיך איבער די פּעטערבורגער גאַסן װאָלט געװען פֿאַר מיר אַ ריזיקע, האָב איך באַשלאָסן אָפּצוװאַרטן אַנ-סקין. אַ לאַנגע צײַט האָב איך זיך געלאַנגװײַליקט איבערן „רזיאל המלאך", װאָס װערט צוגעשריבן אדם הראשונען, ענדלעך האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין פֿאָדערצימער. די דינסט פֿון דער װוינונג האָט געעפֿנט און עמיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין צימער, װוּ איך בין געזעסן.

— אַרײַן! -- האָב איך אומגעדולדיק אויסגעשריען פֿאַר דעם שלאָפֿנדיקן יונגמאַן, װעלכער איז געװען פֿאַרנומען מיט אויספּײַפֿן עפּעס אַ מעלאָדיע. אין צימער איז אַרײַן אַ בכּבודיקער האַלב-גרויער מאַן מיט אַ מאַיעסטעטישן אויסזען. ער האָט מיך דורכגענומען מיט זײַנע פֿאַרװוּנדערטע אָדלעראויגן, אַרײַנמויערנדיק אין מיר צװיי טיפֿע װאַרעמע פֿרײַנדלעכע בליקן. איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט. אַנ-סקי האָט זיך דערפֿרייט און מיר האַרציק געדריקט די האַנט, זאָגנדיק מיר אויף רוסיש: זייער קלוג האָט איר געטאָן, װאָס איר האָט מיר באַזוכט. קודם כּל מוזט איר נאָך אַזאַ נסיעה זיך אויסרוען, נאָר אַפֿריער טרינקט אויס אַ ביסל װאַרעמס און בײַסט צו, דערנאָך שלאָפֿט איר זיך אויס.

די דינסט האָט אַרײַנגעטראָגן טיי, ברויט און װי מ׳האָט עס גערופֿן אין פּעטערבורג „ייִדישע שינקע". נאָך אַזאַ לאַנגער װאָגלעניש האָב איך מיט

אַפּעטיט גענומען איבערבײַסן, דערציילנדיק אים, ווי אויף מײַן וועג פֿון אַרכאַנגעלסק האָב איך זיך געטראָפֿן מיט אַן עטאַפּ פֿאַרשיקטע, בלאַסע, אויסגעמאַטערטע סטודענטן, האָט אַנ—סקי זיך געוויצלט מיטן קאַלאַמבור:

Когда-то̀ Ломоносов отправился пешком из Архангельской губернии в университет, а теперь отправляют наших ломоносовых пешком из университа в Архангельскую губернию... Разве это не свинство?

איך האָב אים געענטפֿערט מיט אַ קאַלאַמבור אויף אַ קאַלאַמבור. אויפֿהייבנדיק מיטן גאָפּל אין דער לופֿטן אַ שטיקל שינקע, האָב איך שטיפֿעריש געשמייכלט:

— Как хотите. Нет того свинства из которого нельзя было бы вырезать хороший кусочек ветчины, даже у Семена Акимовича (אַזוי האָט ער געהייסן).

אויסגערוט זיך בײַ אים האָב איך אָנגעהויבן זיך רײַסן אַהיים, אָבער אַנ—סקי האָט מיר ערקלערט, אַז ער האָט בדעה צו אָרגאַניזירן אַ היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישע סעקציע אין דרום־רוסלאַנד און וויל מיט מיר, אַלס קיִעווער תּושב, זיך דורכשמועסן און אויסהערן מײַן מיינונג וועגן עפּענען אַ פֿיליע פֿון דער געזעלשאַפֿט אין קיִעוו. אַ צײַט שפּעטער זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן צו אַנ—סקין אין „פֿאַלאַס־האָטעל" פֿאָלקס־לערער, אַדוואָקאַטן און יידישע שריפֿטשטעלער פֿאַר וועלכע ער האָט געהאַלטן אַ פֿאָרלעזונג וועגן די אויפֿגאַבן פֿון דער היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט. אויפֿן צווייטן אָוונט איז פֿאָרגעקומען די גרינדונג פֿון דער סעקציע אין קיִעוו. אַלס זאַמלער האָבן זיך פֿאַרשריבן א. יודיצקי און י. קימעלמאַן, וועלכע האָבן זיך בשעתו באַטייליקט אין אַנ—סקיס פֿאָלקלאָר־עקספּעדיציע אין אוקראַיִנע, אַלס וואַנדערער־זאַמלער האָט זיך אויך פֿאַרשריבן דוד בערגעלסאָן, וועלכער האָט, אגב, זיך געקליבן צו זײַן כּלה קיין אומאַן... דער נסתּר איז באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר, וואָס שרײַבט איבער און סיסטעמאַטיזירט דעם גאַנצן אויפֿגעזאַמלטן פֿאָלקלאָר־מאַטעריאַל אין אַ גראָבן בוך, וואָס אַנ—סקי האָט פֿאַר אונדז אַלעמען אונטערגעטראָגן. דעם שרײַבער פֿון די שורות איז אויפֿגעגעבן געוואָרן צו זאַמלען ווי אויך צו אָרגאַניזירן און פּאָפּולאַריזירן די אידעע וועגן זאַמלען יידישן פֿאָלקלאָר און יידישע דרוקזאַכן. דער איצטיקער רעוויזיאָניסטישער טוער אַדוואָקאַט יאָן מאָיִסעיעוויטש מאַכאָווער (וווינט אין לאָנדאָן) איז נאָמינירט געוואָרן פֿאַר קאַסיר, וועלכער צאָלט אויס פֿון באַראָן גינזבורגס געלטער. פֿאַר דעם פּונקט פֿון געזאַמלטע קולט־אָביעקטן און ביכער איז באַשטימט געוואָרן די וווינונג פֿון אַדוואָקאַט מאַזור.

פֿאַר מײַן אַרויספֿאָרן פֿון קיִעוו קיין אויסלאַנד האָב איך באַזוכט אַדוואָקאַט מאַזורס וווינונג. ווען איך האָב דאָס לעצטע מאָל איבערגעקוקט די גרויסע וואַליזע, איז זי באַשטאַנען פֿון עטלעכע פּרוכתן, הדסן, אַ קליין ספֿר־

תורהלע, וואָס שטאַמט פון רביובי אין אסטרע, אַלטע געשריבענע פּנקסים בילדער פון גרויסע יידישע לײַט און פּערזענלעכקייטן. חוץ די אויסגערעכנטע, האָבן זיך געפונען רוסישע בראָשורן פון פאַרלאַגן: מאָלאָט, טריבונאַ, דאָנסקאַיאַ רעטש, בורעוועסטניק, מיסל, און פיל אַנדערע קאָמפּלעקטן „דער בונד" „אַרבעטער-שטימע" און קיִעווער „פּאָלקסצײַטונג". עס האָבן זיך אויך געפונען אַ רײַכע קאָלעקציע פון וואָל-פּלאַטפאָרמען, פלוג-בלעטלעך און פּראָקלאַמאַציעס. די זאַמלונג האָט דורכגעפירט מײַן געהילף י. גיטערמאַנס יינגערער ברודער שלמה גיטערמאַן. עס האָט זיך אויך געפונען אַ פּאַטעפאָן מיט וואַלצן, ווו עס זײַנען געווען פאַרפיקסירט פאָלקסלידער און אַרײַנגע-זונגען פון ח. נ. ביאַליק „אַ גוט יום-טוב" און פון יעקב פיכמאַן „ווען איך זאָל זײַן דער בורא עולם". אייניקע שרײַבער האָבן אַרײַנגערעדט, צווישן זיי מרדכי ספּעקטאָר וביניהם הארי שבחבורה דער זיידע מענדעלע מוכר ספרים, וועמענס הונדערטער געבורטסטאָג די יידישע וועלט האָט דאָ ניט לאַנג געפײַערט.

פאַר מײַן אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד האָב איך דעם פּאַטעפאָן איבערגעגעבן דער קיִעווער קולטור-ליגע און איר מוזיקאַלישן אָנפירער מ. בערעגאָווסקי, וועלכער האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט די גרויסע און ווערטפולע אַרבעט „יידישער מוזיק-פאָלקלאָר" (אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע) אַרויסגעגעבן פון דעם אינטיטוט פאַר יידישער פּראָלעטאַרישער קולטור אין קיעוו.

„ווילנער טאָג" 1936.

זיכרונות און בריוו פון ח. נ. ביאַליקן

זײַן אין אַדעס און ניט זען ביאַליקן...

און איך נעם אַרויס פון קעשענע מײַן נאָטיץ-ביכל און זוך אויף ביאַליקס אַדרעס:

וואַגנעראָווסקאַיאַ 4.

אין שטאָט ווער איך געוווירר, אַז די טראַמווײַען זײַנען צוגעשטאַנען צו די שטרײַקנדיקע פּורמאַנעס און מען מוז גיין צו פוס:

נאָר אין וועלכער ריכטונג זיך לאָזן?

איך ווענד זיך צו איינעם, פרעג דעם צווייטן, שטעל אָפּ דעם דריטן.

עפּעס אַ מאָדנע זאַך — קיינער ווייס ניט אָט די דאָזיקע גאַס.

— הערט, יונגערמאַן, — רופט זיך צו מיר אָפּ איינער, באַטראַכטנדיק מיך פון קאָפּ ביז די פיס. איך זע, אַז איר זײַט געקומען קיין אַדעס זוכן אַ שטעלע, און דאָס האָט זיך עמעצער מסתמא געוואָלט אָפּטשעפּען פון אײַך, האָט ער אויסגעטראַכט אַן אַדרעס פון דער הפטורה און אײַך געגעבן

אַ פּראָטעקציע... אַדרעס, פֿאַרשטייט איר מיך, איז אַ שטאָט פֿון רמאים, דאָס איז אײַך ניט אײַערע קליינע שטעטלעך...

און איך גיב אַ טראַכט, אַז דער ייִד איז טאַקע גערעכט, אַז איך בין טאַקע אַ פּריץ, אַלא ניט — טאָ וואָס גיי איך אַרום און טאַפּ די ווענט, פֿרעג אויף אַזאַ גאַס, וואָס קיינער ווייס ניט. אַמער לאָמיך אָפּשטעלן דעם ערשטן בעסטן ייִד און פֿרעגן וועגן ביאַליקן, וועט דאָך מיר יעדער זאָגן. בײַ אונדז אין קיִעוו איז, דוכט זיך, ניטאָ קיינער, ער זאָל ניט וויסן פֿון ביאַליקן.

און איך שטעל אָפּ אַ יונגנמאַן מיט ברילן. אונטער דער רעכטער האַנט שפּאַצירט ער מיט אַ פֿרײַלין און אין דער לינקער האַנט טראָגט ער אַ פּעקל רוסישע צײַטונגען.

— אַנטשולדיקט, אפשר ווייסט איר ווו וווינט דער דיכטער ביאַליק?

דער יונגערמאַן קוקט זיך איבער מיט דער פֿרײַלין, זיי שמייכלען איינער צום צווייטן און ער ענטפֿערט:

— אַזוינע דיכטערס זײַנען נאָך ניט פֿאַררעגיסטרירט געוואָרן און קיינער איז ניט מחויב צו וויסן פֿון זיי...

— סטײַטש, טענה איך צו אים, איר ווייסט ניט פֿון דעם באַרימטן ייִדישן פּאָעט?

די פֿרײַלין שמייכלט איראָניש און רופֿט זיך אָפּ צו מיר אויף ריין אַדעסער רוסיש:

— Вы, видно, ярый националист, бундовец, или поэл-циеник. Это очень интересантно...

איך באַטל אויס אַלע מײַנע חלומות און גיי ווײַטער און ווײַטער, קיינער ווייס ניט וואָס צו ענטפֿערן, קיינער ווייס ניט פֿון קיין דיכטער ביאַליק. איך אַנטויש זיך אין דער אינטעליגענץ און ווער אַ „נאַראָדניק“, כ׳הייב אָן „גיין אין פֿאָלק“... איך שטעל אָפּ אַ שול-ייִד פֿון אַ גאַנץ יאָר:

— פֿעטער, אפשר ווייסט איר ווו וווינט דאָ חיים-נחמן ביאַליק?

דער ייִד כאַפּט מיך פֿאַרן עלנבויגן, קוועטשט מײַן האַנט און בשעת-מעשה שאָקלט ער מיט די ליפּן, פּונקט ווי ער וויל דערדאַוונען ער זאָל קענען „מפסיק“ זײַן. און ערשט שפּעטער באַקומענדיק לשון האָט ער מיר געענטפֿערט:

— ביאַליק? פֿאַר וואָס זאָל איך ניט וויסן ווו ביאַליק וווינט? ערשט נעכטן געשפּילט מיט אים אין ביינדלעך, גוטע פֿרײַנד פֿון אַ יאָר צען, אויב ניט העכער...

איך ווער דערפֿרייט: ענדלעך האָט זיך געפֿונען איינער, בײַ וועלכן מ׳קאָן זיך דערוויסן ביאַליקס אַדרעס, וואָס ווייסט פֿון ביאַליקן... איך דערצייל אים וויפֿל מענטשן איך האָב געפֿרעגט און ווי קיינער האָט ניט אָנגעהויבן צו וויסן. פֿאַר גרויס שמחה און התפּעלות באַמערק איך ניט, אַז דער ייִד

איז אין גאַנצן אויסגעשמירט אין מעל און ווי אַ טייל פֿון דעם מעל האָט זיך שוין איבערגעקליבן אויף מײַן מאַנטל.

— איך וועל אײַך זאָגן — האָט זיך אָפּגערופֿן דער ייִד — חידושן זיך איז ניטאָ וואָס: אַדעס איז אַ גרויסע שטאָט, בעקערײַען איז דאָ הונדערטער און ווער עס האָט קיין געשעפֿטן ניט איז ניט מחויב אים צו קענען...

— וואָס הייסט, זאָג איך, בעקערײַען! וואָס פֿאַר אַ משל, זאָג איך, איז דאָ צו בעקערײַען?

— איר מיינט דאָך, זאָגט ער, ביאַליקן פֿון דער גרויסער בעקערײַ אויף גרויס־אַרנעאוטנגאַס?..

אין אַ שעה אַרום האָב איך זיך דערשלאָגן צו דעם פֿאַרלאַג „מוריה“...

און דאָס וואָס איך האָב ניט געקענט געוווּיר ווערן בײַ אַדעסער ייִדן, האָב איך זיך שוין דערקונדיקט בײַם ערל, יאַרעמע דעם קערער פֿון דער דרוקערײַ „מוריה“. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יאַרעמע איז מער באַהאַוונט אין ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור ווי די אַדעסער ייִדן...

*

מיט מײַן באַזוכן ביאַליקן אין אַדעס בין איך אויסן געווען צוויי זאַכן: 1) איבערגעבן ביאַליקן אַן־סקיס בריוו מיט אַ בקשה אַז ביאַליק זאָל איבערזעצן זײַן „דיבוק“ און זיך פֿאַרשטענדיקן וועגן דעם מיט ביאַליקן אין אַן־סקיס נאָמען; 2) באַקומען בײַ ביאַליקן אַ זעלטענע הגדה וואָס ער האָט געהאַט צוגעזאָגט דער היסטאָריש־עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט. דער דיכטער האָט זיך מיט אַן אימפּעט געוואָרפֿן אויסזוכן דאָס קליינע הגדהלע, אויסגעפּאַדעט אַלע זײַנע שופֿלאָדן און ווינקעלעך, זיך אַפֿילו געהיצט דערבײַ צו זײַנע בני־בית:

— אַן אומגליק איז מיט דער שטוב, מ׳טאָר דאָ קיינמאָל ניט אַוועקלייגן, שטענדיק ווערט פֿאַרפֿאַלן עפּעס פּונקט ווי אין וואַסער אַרײַן... אַן אומגליק איז מיט דער שטוב... ערשט ניט לאַנג צוגעזאָגט מײַן הגדה און איצט גיי זאָג, אַז ס׳איז פֿאַרפֿאַלן... מ׳קען דאָך מיינען אַז איך האָב חרטה... אַן אומגליק איז מיט דער שטוב...

*

מיט יאָרן שפּעטער. אין דעם רויִקן מעראַן, האָב איך אָנגעשריבן ביאַליקן אַ בריוו אויף אַ בלאַנק פֿון אַ ייִדישן פּענסיאָנאַט:

...„שוין אַ צײַט, אַז איך קלײַב זיך אײַך איבערשיקן מײַנע בעסטע גרוסן און ווייס ניט ווי אַזוי עס אָנצוהייבן. אַ סך יאָרן זײַנען דורכגעלאָפֿן צײַט מיר פֿלעגן זיך טרעפֿן אין קיִעוו בײַ אַן־סקין און איר האָט א״שר פֿאַרגעסן דעם רעדאַקטאָר פֿון ייִדישע הומאָר־סטישע זשורנאַלן אין אוקראַיִנע. אויב איר קענט זיך ניט דערמאָנען, בין איך אײַך גרייט צו העלפֿן: צי געדענקט איר ווי איר, יעקב פֿיכמאַן און מרדכי ספּעקטאָר האָבן מיט מיר מיטגעמאַכט אַ רײַזע צום זיידן אויף דער פֿאָנטאַנקע? און טאָמער איז עס צו

ווייניק, טאָ צי געדענקט איר ווי איר האָט אַ מאָל געשענקט דורך מיר דער פּעטערבורגער היסטאָריש-עטנאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט אײַער פּרעכטיקע הגדה?"

דערויף האָב איך באַקומען פֿונעם דיכטער אַ לאַנגן בריוו פֿון תּל-אָביב, דאַטירט דעם 7טן דעצעמבער 1929:

... „פֿון אײַער בריוו האָט צום ערשטן אויף מיר אַ שאַרפֿן קוק געטאָן דאָס פּאָר דרײַ פֿירעקעכדיקע אותיות „כּשר", וואָס זיצן אויבנאָן פֿון בײדע זײַטן פּאַפּיר אין שפּיץ פֿון אײַער בריוו. הייסט עס, אַז איר זײַט נאָך אַ כּשרער ייִד און ס'לוינט זיך מיט אײַך דורכצושמועסן. איר פֿרעגט צי איך געדענק? אַ שאלה צי איך געדענק. מיר בליאַסקען נאָך אין די אויגן אײַערע געזונטע ציין, וואָס קוקן אַרויס אונטער שוואַרצע וואָנסעס, גרייט צו כראָמטשען ביינער, איר אַליין אייגנטלעך, ליגט מיר גוט אין די ביינער, איר האָט נ ע ב ע ך ב ײַ מ י ר אַ ו ו ע ק ג ע ל ק ח נ ט (קורסיוו מײַנער ש. ר.) די זעלטן טײַערע „הגדה" און איר האָט זי פֿאַרטראָגן דער שוואַרץ יאָר ווייס וווהין. ווער ווייס אין וועלכע אומרײנע הענט זי איז איצט אַרײַנגעפֿאַלן? ס'וואָלט מיר פֿיל אָנגעלייגטער געווען, ווען די הגדה זאָל זיך געפֿינען בײַ מיר אין מײַנע הענט, אָדער לפּחות אין ירושלימער נאַציאָנאַל-ביבליאָטעק.

... „אין אײַערע אַרטיקלען שלאָג איך זיך אָן אַ מאָל דוכט זיך, איר זײַט אַ שטיקל ציוניסטן-פֿרעסער, אָבער אסור אויב דאָס אַרט מיך. איך פֿאַרגין דאָס אײַך מיט דעם גאַנצן האַרצן. כראָמטשעט און זאָל אײַך ווויל באַקומען. ס'וועט חלילה פֿון דעם קיינעם ניט שאַטן. איר וועט זיך נאָר אַ ביסל קאַליע מאַכן דעם מאָגן, אפֿשר אַ מאָל אויך אויסברעכן אַ צאָן.

בנוגע אָבער די גוטע זאַכן וואָס איר פֿאַרמאָגט פֿאַרן „רשומות" איז זיך כּדאַי צונויפֿצורייִדן. אדרבא, לייגט אויס אײַער קרעמל און לאָמיר זען וואָס איר פֿאַרמאָגט. שיקט עפּעס צו, אָבער משופּרא דשופּרא. פֿוילע לאַגער-סחורה האָב איך פֿײַנט. די חסידישע מעשׂיות האַלט בײַ אײַך, זיי קריכן מיר שוין פֿונעם האַלדז, סײַדן עפּעס גאָר אַן אַנטיקל, אָדער, ווי זאָגט פּרץ, אַן אויסטערלישע זאַך, אַ צאַצקע. די עם-האַרצישע שטיקלעך קענען מיך אויך ניט צופֿרידנשטעלן, איבעריקנס, קלײַבט אויס עפּעס גוטס און באַזונדערס פֿון דעם העברעיִשן פֿאָלקלאָר. וועגן האָנאָראַר וועלן מיר שוין דורכקומען. אַלעס הענגט אָפּ פֿון טוב הסחורה. אויף ביבליאָגראַפֿישע זעלטנהייטן בין איך אויך אַ בעלן. אדרבא, זײַט מהנה אַ גוטן ברודער מיט עפּעס גוטס. לאָמיך אויך האָבן צו געדענקען אײַך דורך דעם וואָס איר האָט עפּעס געגעבן און ניט נאָר דורכדעם וואָס איר האָט גענומען. איך מיין, אַז מײַן הגדה האָט כּשר פֿאַרדינט, (איר זענט דאָך אַ כּשרער ייִד) אַז איר זאָלט מיר מיט עפּעס אָפּדאַנקען, ווי מיינט איר? און ווי איר האָט דאָרט געזונגען בײַ ליאַליען (שלום-עליכמס טאָכטער ליאַליע קויפֿמאַן אין אָדעס, ש. ר.) דאָס געוויסע לידל „וועל איך שוין מער ניט גנבֿענען, גנבֿענען, גנבֿענען", אַ שיי,

לידל, כ׳לעבן, עס ליגט מיר נאָך ביז היינט אין טעם. געדענקט איר דאָס נאָך? איר האָט דערביי קונציק און ממזריש געגלאָנצט מיט די אויגן ווי אַן אמתער אָדעסער וווילער יונג און אַזוי לאַנג געחזרט: „ניט גנבענען״, „ניט גנבענען״ ביז מיין הגדה איז פאַרשוווּנדן (קורסיוו מיינער ש. ר.). אפשר ווייסט איר, פעטער, ווו מען קען זי איצט צוריק פון ערגעץ ווו אַרויסבאַקומען? איך וועל שענקען אַ זאַך וואָס איר האָט ליב: אַ וויכטיקע ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט (אויף וואַרשעווער שפּראַך באַטייט עס: דער אָרנטלעכער גנב ווערט געבעטן אָפּצוברענגען די גנבה קעגן אַ גוטער לוינונג... ש. ר.).

בכבוד רב ח. נ. ביאַליק

אויף דער דאָזיקער באַשולדיקונג ביאַליקס, אַז איך האָב ביי אים „אָוועקגעלקחנט״ די הגדה, האָב איך אים אָפּגעענטפערט (פון וועגעדיק) ווי דער אמת איז, אַז איך האָב זיין יקר-המציאותדיקע מתנה גליין איבערגעגעבן אַן-סקין אַ ראיה דערויף איז אַגב אויף דער בריוו פון ח. נ. ביאַליקן צו אַן-סקין, וואָס מ. שאַליט האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ (נומ׳ 3):

אָדעס 1916.

ליבהאַרציקער אַן-סקי!

האָט קיין פאַראיבל ניט, וואָס אויף אַזאַ שטיקל פּאַפּיר. דאָס איז דער באַבעס מתנה. אַ דאַנק איר דערפאַר.

איך האָב איין געגלייבט און מיטגעגעבן רובינשטיינען די הגדה. זעט זשע און שיקט זי מיר אָפּ ביי צייטנס, איך זאָל קיין צרות ניט האָבן. זי איז ניט מיינע. איך וועל איין ניט אָפּשיקן די איבערזעצונג פון דער דראַמע (דיבוק – ש. ר.) ביז איר וועט מיר ניט אָפּשיקן די הגדה. און דער זיידע (מענדעלע – ש. ר.) האָט טאַקע אַריינגערעדט אין פּאַנאָגראַף. ער האָט געשריען, אַז ער איז אַ נאַר, אַ נאַר.

פרענומעראַנטן אויף די אַלבאָמען וועט מען שוין קליינן איצט איז דער עולם צעפאָרן אויף דאַטשעס, ניטאָ וואָס צו מאַכן

און זייט געזונט, טייערער חבר

אייער ח. נ. ביאַליק

אויף מיין ענטפער פון וועגעדיק האָט מיר דער דיכטער געענטפערט אויף העברעיש: „אתה משוטט ומטייל בין ההרים וחי כצפור שמים. תמיהני איך יהודי בזמנו מתיר לעצמו מותרות כאלה, אולם אין מקשים על בונדיסטן בודאי כך נאה וכך יאה לו: בודאי זכויותיו המרובות הן שגרמו לו כך. מילא, יערב לך ויבסם לך. אנחנו ה„ציוניסטן״ נסתפק כאן בארץ-ישראל בקב של תפוחים זהב ו„מנדרינקעס״ חרובים וצמוקים...

הרידקציה של רשומות מצפה לפולקלור העברי שלך. שמא תאמר שתתעשר מפסולת הלוחות שלך, אתה טועה טעות גדולה. עלינו ראשית לראות תחלה מה טובו של חומר זה. מן הדוגמאות הקטנות ששלחת עדיין קשה לשפוט על כל החומר. הרידקציה של „רשומות“ בוחרה לראות את הכל במזומן ובעיין. ולאחר שהחומר ימצא חן בעיניה יגתן באחד מן הכרכים המרובים ואחרי זה תקבל את שברך על סך שלש לירה לגליון. הטובים התנאים האלו בעיניך ? אם הן אז הכל שריד וקים

והננו הכותב בחפזון ובקצור

בכבוד רב ח. נ. ביאליק*

„ווילנער טאָג“ 1934

סודות פון חדר

(אַ בלעטל געשיכטע פון ייִדן אין דער רוסישער זשורנאַליסטיק)

און די מעשה, וואָס איך וויל אײַך דערציילן, האָבן רוסישע זשור-נאַליסטן יאָרנלאַנג געהאַלטן בסודי-סודות, מורא האָבנדיק, ס'זאָל, הלילה, ניט פאַרשאַטן דער רוסישער ליבעראַלער עפנטלעכקייט. אַזוי ווי דער ליבעראַליזם אין רוסלאַנד איז שוין לאַנג אַ שוכן-עפר, איז אפשר געקומען די צײַט איך זאָל אויפהייבן דעם פאָרהאַנג און דערציילן סודות פון חדר.

ווי באַוווסט איז רעדאַקטאָר פון „קיִעווסקאַיאַ מיסל“ געווען דעם מאָזירער רבס אַ זון און „האָמאָ נאָוווסעס“ אַ ייִנגערער ברודער יאָנאַ ראַפאַילאָוויטש קוגעל. בײַ דער געלעגנהייט איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם מערקווירדיקן פון די „ייִדישע קעפּ“, וועגן וועלכן מ'האָט בײַ אונדז אַזוי ווייניק געשריבן, ווײַל יאָנאַ ראַפאַילאָוויטש איז געווען דער אַנאָנימער מחבר פון לייט-אַרטיקלען און בכלל זיך קיין מאָל ניט אונטערגעשריבן.

אין דער צײַט פון דעם רוסישן געזעלשאַפטלעכן רענעסאַנס, ווען ס'זײַנען אָנגעשטאַנען נײַע שטרעבונגען און אויפפּאַסונגען, איז קוגעל אויפ-געשווומען אין דער רוסישער ראַדיקאַלער פּרעסע. קוגעלס פעדער איז געווען פּיקאַנט. געפעפערט און געשניטן האָט ער מיט אַ צווייזײַטיקן שווערד, מערקווירדיק וואָס אַפילו אין הייסע שלאַכטן האָט קוגעל קיין מאָל ניט פאַר-לאָרן דאָס בייטיקע גלײַכגעוויכט: ער האָט געמאָסטן און געוויגן מיט אַ גענויקייט פון אַן אַפּטייקוואָג, דורכגעזיפּט און דורכגעקליבן, דערצו נאָך האָט ער אַזוי גיפטיק סאַרקאַסטיש און בײַסיק אויסגעלאַכט די אומפּעיִקע רעגירונג.

---

* די אויבן-דערמאָנטע בריוו פון ביאַליקן צו אַנסקין געפינען זיך אין אַנסקי-מוזיי און ביאַליקס ביידע בריוו צו מיר געפינען זיך אין ייוואָ — ש. ר.

עס איז קיין חידוש ניט, וואָס קוגעל האָט אַזוי גלענצנד אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס אויף דעם אַנטיסעמיטישן פּראָנט פון סוואָרין, מענשיקאָוו, בורענין, טיכאָמיראָוו, פּיכנאָ און שולגין.

געקומען איז ער פון נאָטאָוויטשעס „יידישע" „נאָוואָסטי" צו דער ראַדיקאַל-מאַרקסיסטישער „קיִעווסקאַיאַ מיסל", ווו ער האָט אַרויסגעוויזן גלענצנדע פעיִקייטן פון אַ רעדאַקטאָר מיט דעם געהעריקן חוש. ווי אַ קינסט־לער־קאַפּעלמײַסטער האָט ער מיט זײַן דיריזשאָר־שטעקעלע צוזאַמענגעשטעלט בײַ דער „קיִעווסקאַיאַ מיסל" אַזאַ קאַפּעליע, וואָס איז באַשטאַנען פון באַרימטע שריפטשטעלער: גאָרקי, טשיריקאָוו, אַמפיטעאַטראָוו, יאַבלאָנאָווסקי, לונאַטשאַרסקי, טראָצקי („אַנטיד אָטאָ") פּעטריטשעוו און פילע אַנדערע. ניט קוקנדיק אויף אַזעלכע קרעפטן האָבן אַלע געפילט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם גלאַנצפולן זשורנאַליסט און באַשיידענעם רעדאַקטאָר, „יאָנושקאַ" האָבן אים אַלע אַזוי גערופן אין זײַן אָפּוועזנהייט, ווײַל ער איז געווען דער אינטימסטער, האַרציקסטער חבר און נאָענטער פרײַנד אין דער רעדאַקציע.

אימעצער האָט פאַרגלײַכט האָמאָ נאָוווסעס הומאָר צו הײַנריך הײַנע. יאָנאַ ראַפּאַפּאָרטאָוויטש איז געווען פיל שאַרפזיניקער פון זײַן ברודער. ווי ראַקעטן פלעגן זיך טראָגן זײַנע שאַרפע אַפאָריזמען און וויצן איבער אונדזערע צימערן פון דער רעדאַקציע. איין מאָל בין איך געזעסן אין מײַן אַרבעטס־צימער, פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, מיט פיבערהאַפטער אומגעדולד איז געפלויגן מײַן פעדער איבער די שפּאַלטן. פּלוצלונג לויפט אַרײַן צו מיר קוגעל מיט אַ דעפּעשע וועגן גראַף וויטעס געווײנלעכע ליבעראַלע רעוועראַנסן און גאָלדענע הבטחות. קוגעל האָט מיר געוויזן די דעפּעשע און געזאָגט: די רעדאַקציע דאַרף זיך אָפּרופן מיט אַ שאַרפן פּאָליטישן פעליעטאָן, — אפשר וואָלט איר גענומען אויף זיך.

פאַרגעסט ניט, האָב איך אים געענטפערט, אַז איך האָב אויף זיך אַ צוויי־פאַכיקע אַרבעט און מוז פאַרטרעטן מײַן קאָלעגע, וואָס איז איצטער אין אורלויב, חוץ דעם, ווער פון אונדז קאָן שאַרפער אָנשרײַבן אויסער אײַך? איר זײַט דאָך מײַן „ליטעראַרישער סנדק" און רבי...

— ס'איז קיין ראיה ניט, האָט ער מיר גלײַך געענטפערט, דער שאַרפּ־שטיין מאַכט אַנדערע אינסטרומענטן שאַרף צו שנײַדן, פון דעסט וועגן קאָן ער אַליין ניט שנײַדן...

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך באַוויזן אין „קיִעווסקאַיאַ מיסל" זײַן גאַליק־גיפטיקער אַרטיקל „פּליאַסקאַ סוויאַטאָוואָ וויטע" (דער טאַנץ פון הייליקן וויטע), וואָס די גאַנצע כּמעט רוסישע פּרעסע האָט אונטערגעכאַפּט און ציטירט.

אונטער קוגעלס דערפאַרענע הענט האָט „קיִעווסקאַיאַ מיסל" גענומען זיך אַנטוויקלען און פאַרשפּרייטן אַזוי, אַז זי האָט אָנגעהויבן אַרויסצושטויסן

פון דער פּראָווינץ די פּאָפּולערסטע דאַן רוסישע צײַטונגען: „רוסקאָיע סלאָוואָ“ און „בירזשעוויאַ וויעדאָמאָסטי“.

אין פאַרלאַג פון „קיִעווסקאַיאַ מיסל“ האָבן זיך באַטייליקט צוויי שותפים: באָגדאַנאָוו, אַ טיפּישער רוסישער אידעאַליסט, און לובקאָווסקי, אַ מענטש מיט, איך וואָלט געזאָגט, מיט... אַ פרײַנדלעכן קלאַפּ אין פּלייצע און אַ שיטערן, דריבנעם געלעכטערל, מיט ווייך-שטעכעדיקע ווערטער און „באַוואָפנטער נייטראַליטעט“, מיט איין וואָרט — אַלע סימנים פון אַ ניט-אויפריכטיקן און אַ מענטש מיט קאַפּריזן. פּלוצלונג איז באָגדאַנאָוו געשטאָרבן פון אַ האַרץ-אַטאַקע. לובקאָווסקי האָט זיך דאַן באַטראַכט אַלס „מושל בכיפה“ און אָנגעהויבן זיך מישן אין די אינערלעכע רעדאַקציאָנעלע ענינים מכּוח „נומערוס קלאַוזוס“... די הויפּט-טענה זײַנע איז געווען צו קוגעלן, פאַרוואָס ער פאַרפלייצט די רעדאַקציע מיט ייִדן און די צײַטונג — מיט ייִדישע חתימות, וואָס קען זיך אַזוי שעדלעך אָפּרופן אויפן טיראַזש. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אימפּולסיווער מענטש, ווי קוגעל, האָט זיך אָפּגעקערט מיט די פּלייצעס. לובקאָווסקי האָט זיך פונדעסטוועגן ניט באַרויִקט און פאָרגעלייגט דער רעדאַקציע אַ פּסעוודאָנים „קאָסמאָפּאָליט“, אויף וואָס די „ניט-כּשרע“ חתימות זאָלן פאַרביטן ווערן. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן און אייניקע געמלטע זשורנאַליסטן האָבן געשמוגלט דעם גרענעץ און אָנגעריבן אַ מאָרדע דעם פּרעמיער על חשבון הקאָסמאָפּאָליט. די „כּנסת ישראל“ אין „קיִעווסקאַיאַ מיסל“ איז געווען צופרידן און פאַר נחת זיך ממש געריבן די הענט; אויך לובקאָווסקי האָט געקוואָלן פון אַזאַ געטלעכער המצאה, אָבער מיט דעם איז דער אינצידענט ניט געווען אויסגעשעפּט: עפּעס מעשה-שטן האָט געדאַרפט דער גענעראַל-גובערנאַטאָר שטראַפירן די צײַטונג נאָר פאַר קאָסמאָפּאָליטס אַרטיקלען. דאַן האָט לובקאָווסקי געשטעלט אויף דעם שפּיץ מעסער די פראַגע וועגן ענדערן די פּאָליטישע ליניע אין „קיִעווסקאַיאַ מיסל“. גאַנץ אָפט פלעגט זיך לובקאָווסקי פאַרהאַלטן בײַ קוגעלן אין קאַבינעט; קוגעלס פּנים איז געווען גוואַלדיק ערנסט... לובקאָווסקי האָט ליב געהאַט אַרומרינגלען אַרום זיך צווישן די אָנגעשטעלטע אין ביוראָ לײַב-קנעכט, וואָס האָבן געפירט רכילות אויף קוגעלן. אָבער זײַן רעפּוטאַציע איז געווען קלאָר און ווײַס ווי די סיבירער שנייען... איינמאָל האָט קוגעל גענומען אורלויב און זיך געלאָזט קיין מאָסקווע „אויסרוען“. זײַן אורלויב האָט ער אויסגענוצט אויף אונטערהאַנדלען מיטן באַוווסטן מיליאָנער און פאַרלעגער פון „רוסקאָיע סלאָוואָ“, מיט סיטונען.

ווער עס קען קוגעלן, דער ווייסט, אַז דאָס אונטערהאַנדלען איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ שווערן און פריִערדיקן אינעווייניקסטן געראַנגל, אָדער אַ פאַרצווייפלטן בלית-ברירהדיקן שריט.

קוגעל האָט פאָרגעלייגט סוטינען זײַן קאַנדידאַטור אַלס רעדאַקטאָר פון „רוסקאָיע סלאָוואָ“. סיטינען האָט דער ענין זייער אימפּאָנירט. אין אמתן—

אַזאַ כּשרער טאָפּ מיט אַ כּשרער לעפל: פון איין זײַט ווערט „רוסקאָיע סלאָוואָ" אויפגעריכט מיט אַזאַ גלענצנדן רעדאַקטאָר, פון דער צווייטער זײַט ווערט די צײַטונג פּטור פון אַזאַ געפערלעכן קאָנקורענט, ווי קוגעל. צווישן די אַנדערע פּונקטן פון קאָנטראַקט האָט סיטין אַרײַנגעשטעלט, אַז קוגעל איז זיך מתחייב באַלד נאָך זײַן קומען קיין קיִעוו איבעררײַסן מיט „קיִעווסקאַיאַ מיסל". קוגעל האָט סיטינען דערמאָנט דאָס ניכטערע שפּריכוואָרט: „גיס ניט אַרויס די אומריינע וואַסער, כּל-זמן דו האָסט ניט דאָס ריינע"... דאַרום איז קוגעל אײַנגעגאַנגען אויף סיטינס פּונקט, אָבער מיט אַ באַדינג: סיטין זאָל זיך מתחייב זײַן אַרויסצוצאָלן קוגעלן פערציק טויזנט רובל אַלס קנס, אויב קוגעל וועט ניט צוגעלאָזט ווערן אַלס רעדאַקטאָר אין „רוסקאָיע סלאָוואָ" (קוגעל איז געווען גוט אײַנ-פּאָרמירט וועגן די „נומערוס קלאַוזוס"-שטימונגען אין דער „ליבעראַלער רוס-קאָיע סלאָוואָ"). דער קאָנטראַקט איז געווען אונטערגעשריבן פון ביידע צדדים והכל שריר וקים.

פּאַר קוגעלס אָפּפאָרן פון מאָסקווע קיין קיִעוו איז געבליבן, אַז קוגעל ערקלערט דער רעדאַקציע און פאַרלאַג פון „קיִעווסקאַיאַ מיסל" וועגן זײַן דעמיסיע און סיטין — דער רעדאַקציע „רוסקאָיע סלאָוואָ" וועגן זײַן אָפּמאַך מיט קוגעלן.

ווען סיטין האָט ערקלערט דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון „רוסקאָיע סלאָוואָ" וועגן זײַן אָפּמאַך מיט קוגעלן, האָט זיך וו. דאָראָשעוויטש אויפגעהויבן און ערקלערט:

מיר, רוסישע מיטאַרבעטער אין דער רוסישער צײַטונג „רוסקאָיע סלאָוואָ", וועלכע דערשײַנט אין דער רוסישער שטאָט מאָסקווע ווילן ניט קענען אַרבעטן אונטערן טײַטל פון קוגעלן. הײַנט קומט קוגעל, מאָרגן — פּעטשאַ. די גאַנצע טווערסקע גאַס וועט דאָך פאַרשמעקט ווערן פון קנאָבל און ציבעלע... איך שטעל צו דער אָפּשטימונג: ווער איז פאַר אונדזער רוסישן רעדאַקטאָר, דער זאָל אויפהויבן די הענט.

דער „רוסישער" רעדאַקטאָר האָט באַקומען אַ געפּאַנצערטע מערהייט.
ווער איז קעגן דעם מאַזירער רבס זון און וויל מיט אים ניט צוזאַ-מענאַרבעטן? ביטע שטימען.

קעגן קוגעלן האָט זיך אַרויסגעזאָגט די פאַרזאַמלונג אײַנשטימיק.

מילא דאָראָשעוויטשעס ווילדער אַרויסטריט איז נאָך פאַרשטענדלעך: דאָראָשעוויטש איז אָפּטמאָל געווען „אונטערן גלעזל", אָבער דאָס וואָס קעגן דעם „מאַזורער רבס זון" האָבן געשטימט אַזעלכע „זײַלן" פון רוסישן ליבע-ראַליזם, ווי נעמיראָוויטש - דאַנטשענקאָ, באָבאָריקין, פּאַנקראַטאָוו און פּאָטאַפּענקאָ, זיי זײַנען דאָך ניכטערע ליבעראַלן...

איך געדענק נאָך דעם איינדרוק וואָס דער סקאַנדאַליעזער אינצידענט האָט געמאַכט אויף די יידיש־רוסישע זשורנאַליסטן. איך בין נאָך דאַן געווען יונג און די גאַנצע וועלט האָט מיר אויסגעוויזן יונג און שעמעוודיק...

נאָכן „פוטש“ האָט קוגעל באַקומען פערציק טויזנט רובל אַנטשעדיקונגס־געלט. יש־אומרים, אַז די געלט זאָל קוגעל אַריינלייגן אין פאַרלאַג פון דער פעטערבורגער ראַדיקאַלער צייטונג „דיען“. צי קוגעל איז טאַקע געווען אַ מיטפאַרלעגער — איז צווייפלהאַפט. איין זאַך איז אַ פאַקט, אַז נאָך דער „קיעווסקאַיאַ מיסל“ איז קוגעל געוואָרן רעדאַקטאָר פון „דיען“ וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצושטויסן די פּאָפּולערסטע צייטונגען אין דרום־רוסלאַנד, „רוסקאָיע סלאָוואָ“ און, מחילה, „קיעווסקאַיאַ מיסל“, וואָס האָט נאָך קוגעלס דימיסיע אויסגעזען טויט, ווי אַ פאַרפראָרענע קאַרטאָפליע. אַ טויט־ערנסט האָט געווייעט פון די אַרטיקלען. קוגעלס אייַנפלוסרייכע אַרטיקלען וועגן שטרייט־פראַגעס האָבן זיך שוין מער ניט באַוויזן, זיי האָבן געקלונגען אין דער צאַפּלדיקער „דיען“.

לובקאָווסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז קוגעל איז פאַר אים געווען דער שטעקן, וואָס האָט זיך ניט איינגעבויגן, נאָר דערביי אים דורכגעשטאָכן די האַנט און גורם געווען דער „קיעווסקאַיאַ מיסל“ אַזאַ רומלאָזן סוף.

„צוקונפט“ (ניו־יאָרק), נומ׳ 5. מאַי, 1932.

אין איין קופע מיט שולגינען

אַ פאָר מינוט איידער דער צוג האָט זיך גערירט פון פּאַריז, האָב איך דערהערט אַ קלינגען פון שליסלען הינטער מיין טיר. דאָס האָט דער קאָנדוקטאָר געעפנט די טיר פון מיין קופּע און אַרייַנגעלאָזט צו מיר אַ שכן, וואָס האָט לאַנגזאַם אַריינגעטריטלט. אַ בלאַסער מאַן איז עס געווען מיט לענגלעכע קנייטשן אויפן פּנים. אַרום די אויגן בלויע פאַסן, אונטערן מויל קרייזלט זיך אַ שוואַרץ־גרוי־בערדל. אין זיין קוק פילט זיך אַ פיבער. אין דעם נערוועזן ציטער פון דער הויט פון פנים פילט זיך אַ מידקייט. כ׳וואָלט שווערן, אַז כ׳האָב ערגעץ דעם מאַן געזען. דערצו נאָך באַטראַכט ער מיך אַזוי אויפמעקזאַם... ווער זאָל עס זיין?

דאָס וואָלט אפשר געבליבן פאַר מיר אַ רעטעניש ווען ניט אַ צופעליקער עפּיזאָד:

— מסיע שולגין — האָט אויסגערופן דער באַן־אייבער־קאָנדוקטאָר — פאַר אייַך אַ באַן־דעפּעשע.

— דאַנק פיל — האָט זיך דער הער פאַרנייגט און שנעל אויפגעמאַכט די דעפּעשע.

דער נאָמען „שולגין“ האָט געווירקט אויף מיר, ווי אַן עלעקטרישער פונק.

— שוין זשע דער זעלבער פון דער צײַט פון די פּאָגראָמען אין קיִעוו? האָב איך גענומען טראַכטן — ער האָט דאָך דאַן אויסגעזען, ווי אַ זודיקער קעסל מיט אַ צוגעשרויפּטן דעק? געהאַלטן אין איין ברויזן, נאָר מאַלע וואָס צײַטן מאַכן פון אַ מענטשן!...

מײַן ערשטע פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט שולגינען איז אויסגעפאַלן אין דער צײַט, ווען איבער דער רוסישער פּרעסע און געזעלשאַפטלעכקייט האָט אַ בלאָז געטאָן אַ פּרילינג־ווינטל, געטראָפן האָב איך זיך מיט אים בײַם באַקאַנטן רוסישן פּובליציסט און ייִדן־פרײַנד יעווגעני שאָלפּ, וועמעס וווינונג ס׳איז געווען דער צענטער פון קיִעווער זשורנאַליסטן, אומאָפּהענגיק פון ריכטונגען און שאַטירונגען, הגם שולגין האָט דאַן נאָך ניט אַרויסגעוויזן זײַן פּאָליטישן פּרצוף. אַפילו אין קיִעווער ליטעראַטן־פאַריין, וווּ מיר פלעגן זיך טאָג־טעגלעך טרעפן, איז ניט געווען צו באַמערקן, אַז פון אים זאָל אַרויסוואַקסן אַזאַ ציניקער און פּסיכאָפּאַט, וואָס זאָל לײַדן אויף דער מאַניע פון „ייִדן־געפאַר“. שפּעטער איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער פּאָגראָמישן „קיִעוולייאַנין“ און געשריבן מיט אַן אָפנהערצנקייט פּאָגראָמישע לייט־אַרטיקלען, וואָס האָבן געמאַכט אַ שוידערלעכן אײַנדרוק, אַ פיל שוידערלעכן איידער די פּאָגראָמען זעלבסט.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער קיִעווער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער גאָסודאַרסטוו. דומע אָן דעם צעטל נום 3, וואָס אין זײַן שפּיץ איז געשטאַנען שולגין, אָן דער פּאָלעמיק צווישן „קיִעוולייאַנין“ און „קיִעווסקאַיאַ מיסל“ וווּ איך האָב זיך באַטייליקט.

די גאַנצע צײַט בין איך געשטאַנען בײַם אָפענעם פענצטער, באַטראַכט די שטאָט, וואָס האָט געפינקלט מיט אירע טויזנטער פאַרשיידנפאַרביקע קאָלירן מיט אירע פּרעכטיקע פּאַלאַצן און טורעמס. פּלוצלונג האָט אָנגעהויבן שרעקלעך דונערן און בליצן. די ווענט האָבן געציטערט. איך האָב זיך אומגעקערט אויף מײַן פריִערדיקן פּלאַץ. אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, ער האָט ניט אַראָפּגענומען פון מיר זײַנע אויגן.

— אַנטשולדיקט, וואָס באַטראַכט איר מיר אַזוי?

— עפּעס זענט איר מיר באַקאַנט, דאַכט זיך פון קיִעוו. אפשר קאָנט איר מיר דערמאָנען בײַ וועלכע אומשטענדן האָב איך אײַך געזען?

— צי געדענקט איר אײַער מיטאַרבעטער אַנאַטאָלי סאַווענקאָ מיט זײַנע „זאַמעטקי“ אין „קיִעוולייאַנין“.

— יאָ, איך געדענק! אַנטקעגן וואָס פרעגט איר?

— אויב איר געדענקט אפשר, קאָנט איר זיך דערמאָנען, ווי סאַווענקאָ האָט אַמאָל פּאָלעמיזירט מיט דער „ייִדישער“ „קיִעווסקאַיאַ מיסל“, אָנרופנדיק זי „קיִעווסקאַיאַ מקווה“ און איר מיטאַרבעטער „באַרדיטשעווער באַלאַבאַלאַיקע“, אויב איר געדענקט בין איך עס די „באַרדיטשעווער באַלאַלאַיקע“ פון דער „קיִעווסקאַיאַ מקווה“...

אַ וואָלקנדל האָט זיך באַוויזן אויף זײַן פּנים. די קנייטשן אַרום זײַן מויל זײַנען געוואָרן שאַרפער. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט פאַרגלייווערטע אויגן. זײַן מויל איז געווען האַלב־אָפן. פּלוצלונג איז פאָרגעקומען אויף זײַן געזיכט אַ שפּיל פון פאַרשיידענע אויסדרוקן. שטאָלץ, פאַרביטערט. און די ליפּן — ווינקלען פול מיט פאַראַכטונג צו זײַנע געוועזענע קעגנער.

— נו, הער שולגין. אַ צײַנד איז צײַט צו אַ חשבון־הנפש: ווער איז גערעכט געווען צי די „קיעווסקאַיאַ מיסל" צי „קיעווליאַנין"? צי האָט מען טאַקע געדאַרפט אויסטראַכטן אַן עלילת־דם, מאַכן פּאָגראָמען און אָבלאַוועס אויף ייִדן?

אַוודאי איז גערעכט געווען „קיעווליאַנין", וואָס האָט געקוקט אויף אײַער צײַטונג, ווי אויף אַ ייִדיש שפּיצל און אויף אײַער רעדאַקציע — אַלס לאַבאָראַטאָריע פאַר אויפרײַס־באָמבעס. אין דער אמתן: אײַער אַמאָליקער רעדאַקטאָר דעם מאָזירער רבס זון יאָנאַ ראַפּאַלאָוויטש קוגעל איז איצט אַ רעדאַקטאָר פון דער „פּראַוודאַ" (?), אײַער מיטאַרבעטער און ציוניסט (!) ליראָוו (ליטוואַקאָווס אַמאָליקער פּסעוודאָנים) איז דער רעדאַקטאָר פון יעווסעקישן „עמעס", דער שבת־גוי טשאַגאָוועץ איז איצט דער טאָנגעבער אין דער קיִעווער סאָוועטישער פּרעסע (?) אײַך פרעג איך שוין ניט ווו איר אַרבעט—מסתמא אין מאָסקווע אָדער אין מאָסקוויטשעוו.

איך האָב אים אָנגערופן מײַן וווינאָרט.

— אין פּוילן? און שולגין האָט אַרויסגעגאָסן אַ שטראָם שנאה צו פּוילן דערפאַר, וואָס זי האָט אַמאָל אַרויסגעשיקט עטלעכע מאָנאַרכיסטן.

— און די ייִדישע קאָמוניסטן — האָט שולגין ווײַטער געשטורעמט — וואָס האָבן זיך פאַרקאָמיסאַרעוועט, פאַרשפּיגן אונדזערע הייליקסטימער, פאַרכאַפּט אונדזער אייגנס, וועלן האָבן אַ מיאוסע מפּלה. עס וועט קומען דער גואל און וועט אַרויסרוימען די ייִדן פון רוסלאַנד.

שולגין רעדט געהיימניספול, ווי ער וואָלט געוואַרט האָפערדיק, פול מיט האָפענונג, אויף עפּעס.

— איך באַמערק אין אײַך — רײַס איך אים איבער—אַ צוריקקערנדיקן טיפּוס פון „קיִעווליאַנין" — איר האָט טענות צו די ייִדישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן אײַך באַעוו[illegible]ט, און איר פאַרגעסט, אַז דער „קאָמוניסט", וואָס האָט אָפּגעשאַפט פּריוואַט־אייגנטום בשעת ייִדישע פּאָגראָמען אין אוקראַינע, זײַט איר, הער שולגין, און אײַער „קיעווליאַנין". אויב עס וועט מיר אויסקומען צו שרײַבן די געשיכטע פון דער רוסישער קאָמונע, וועל איך אָנהייבן ניט פון טראָצקין, זינאָוויעוון, קאַמעניעוון און גאַמאַרניקן (פאָרזיצער פון קיִעווער אַרבעטער־ראַט. ח. נ. ביאַליקס שוואָגער), נאָר פון אײַך, הער שולגין, וואָס האָט הפקר געמאַכט ייִדיש האָב און גוטס.

שולגין האָט עס ביטער אַראָפּגעשלונגען. איך האָב באַמערקט, ווי אין זײַנע אויגן ליגט פאַרבאָרגן יענער אײַנגעגעסענער צער, וואָס מערקט זיך

פּמעט בײַ אַלע רוסישע מאָנאַרכיסטן, בשעת זיי רעדן וועגן יידן אין רוסלאַנד... שולגין האָט זיך געפילט ווי אַן אָפּגעשמיסענער, טאַקע ווי נאָך אַ באָד, ווי נאָך אַ „קיִעווער מקווה".

דאָ האָט דער צוג אים געבראַכט צו זײַן סטאַנציע. אין פאַרלעגנהייט האָט ער זיך געזעגנט, זיך אַפילו העפלעך פאַרנייגט פאַר דער „באַרדיטשעווער באַלאַבאַיקע"...

„מאָמענט" (וואַרשע) נומ' 4, 1929.

קאָזאַקן אין איטאַליע

ווער וואָלט עס גלייבן, אַז די אַלטע גוואַרדיע, אָט די צאַרישע קאָזאַקן זאָלן מיט אַמאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך זייערע פלודערן מיט די לאַמפּאַסן, אָנטאָן מעשה־אַרטיסט און געבן איבער איטאַליע אַ... קאָנצערט.

אמת טאַקע זייערע „קאָנצערטן" אין יידישע שטעט און שטעטלעך געדענקען מיר נאָך עד־היום און דאָס וועלן מיר אויך ניט פאַרגעסן, ווי אַזוי זיי האָבן אַמאָל געשפּילט די ערשטע פידל אויסצוזוכן „רעוואָלוציאָנערן", „שפּיאָנען" און „ראַדיאָ־טעלעגראַפן" בײַם יידן אין באָרד, פונדעסטוועגן פילט זיך אַ גרויסער חילוק צווישן די אַמאָליקע „קאָנצערטן" און דעם לעצטן קאָנ־צערט אין דער טרייסטלאָזער צײַט אין דער פרעמד, ווען דער טאָג איז פאַר די קאָזאַקן ניט אַזוי זוניק־העל, נאָר פאַרטונקלט.

די קאָזאַקן האָבן געגעבן אַ וואָקאַליש־מוזיקאַלישן קאָנצערט אין מעראַ־נער קורהויז. די ערשטע רייען זײַנען געווען באַזעצט, פאַרשטייט זיך, דורך אחינו בני ישראל, וואָס האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין געלט און געצאָלט צו 20—40 ליר פאַר אַ פּלאַץ, אַבי נעענטער צום קאָזאַק.

דאָס וואָס יידן האָבן זיך געשטופּט דווקא נעענטער צו די קאָזאַקן, איז גאָר קיין חידוש ניט: די יידישע וואַנדערער, פאַרשטייט איר מיך, זײַנען שוין לאַנג פון רוסלאַנד, פילן זיך „גײַסטיק עלנט". אַ בענקשאַפט נאָגט זייערע הערצער און שוין לאַנג, אַז זיי זוכן „פעדים" דורך וועלכע זיי זאָלן זיך קענען צוזאַמענבינדן מיטן אַלטן רוסלאַנד. איצט אַז גאָט האָט זיי שוין יאָ מזכה געווען מיט די אמתע קובאַנער קאָזאַקן, מיט פאַרריסענע פּלאַטשיקע נעזער און אָפּגעשטאַנענע אויערן פון זייערע גלאַט געשוירענע קעפּ. טאָ פאַרוואָס זאָל מען זיך טאַקע ניט שטופּן?

למען האמת מוז דער שרײַבער פון די שורות עדות זאָגן, אַז נאָך דעם ווי רוסלאַנד האָט די קאָזאַקן אויסגעשפּיגן קיין פראַנקרײַך, דערנאָך זיי פאַרטריבן האָט דער אַמאָליקער „וואַניושאַ" פאַרלוירן זײַן געוועזענעם גלאַנץ. ער שפּײַט שוין מער ניט מיטן ווינקל פון מויל. זײַן שרינט גלאַנצט שוין מער ניט מיטן חזיר־שמאַלץ, פאַרשוווּנדן איז זײַן טראַדיציאָנעלער „טשוב". עפּעס האָט ער באַקומען אַ פאַרוואָגלט פּנים און פינטלט מיט די פאַרוועלקטע אויגן אונטערן פליכעוואַטן קאָפּ.

אָט וואָס הייסט פאַרבײַטן די נאַהײַקע אויף אַ וואַנדער־שטעקן!..

דוכט זיך, וואָס קאָן זײַן ברייטער, ווי דאָס עכט־רוסישע לידל „וונ־ז פאָ מאַטושקע פאָ וואָלגע“, וואָס איז שטענדיק געווען דער סימבאָל פון ווײַ־לערישקייט, פונדעסטוועגן איז דאָס עכט רוסישע לידל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין קלאָג־ליד... דאָ אין מעראַנער קורהויז האָט זיך געדוכט, אַז איך בין אויף זכור־ברית אין דער אַלטער באַרדיטשעווער קלויז...

אָט וואָס הייסט אַ גילגול פון אַ ניגון!

מענדעלע אין „פישקע דער קרומער“ דריקט זיך אויס, אַז אַפילו אַ ייִד מיט ביינער, ווען ער זינגט אַ פריילעכס, פונדעסטוועגן, עפּעס קלאָגט ער, פאַרגייט זיך וויינענדיק, אין זײַנע זמירות הערט זיך דער נוסח פון „איכה“, לאַכט ער שטייען אים די טרערן.

אמת טאַקע דאָרט האַנדלט זיך וועגן אַ ייִד און דאָ — וועגן אַ קאָזאַק אָבער... ס'איז שוין באַלד קיין נפקא־מינה ניט.

מערקווירדיק, וואָס דער „קאָזאַק הנגזל“ האָט דאָ, אין זײַן קלעם, געכאַפּט דעם עכט־ייִדישן גלות־שניט בײַ יעדן אַנטראַקט, למשל, רוקט זיך אַרײַן צווישן דעם עולם אַן „איינִיקל“ מיט אַ פּיבער אין די אויגן און מיט אַ הכנעה־שפלותדיק שמייכעלע „נעמט ער צונויף“ לטובת די קאָזאַקן. דאָס פאַר־קויפט דער קאָזאַק בילדער, וואָס שטעלן פאָר אָרעמקייט, רחמנות און הילף, וואָס איין מענטש ברענגט דעם אַנדערן.

ייִדן וועמען מען האָט שוין לאַנג אָרויסגעגעבן דעם אַטעסטאַט פון „נתבעים למשכן ונותנים, נתבעים לעגל ונותנים“ האָבן פונאַנדערגעשפּילעט די טײַסטערס און ברייט זיך געוואָרפן מיט געלט לטובת די געליטענע קאָזאַקן.

די ווינער אַרבעטער, וואָס זײַנען געווען דערבײַ, האָבן אויסגעשריִען צום בילדער־פאַרקויפער:

— פון אונדז באַקומט איר ניט קיין פעניג. ווענדט זיך בעסער צו אײַערע ייִדן. זיי וועלן שוין אײַך באַלוינען לויט אײַערע פאַרדינסטן!..

דאָס געשפּענסט פון די ייִדישע קרבנות האָט ווי געשוועבט צווישן די קאָזאַקן אין ייִדישע רייען, אין בלוטיקן שײַן פון די קאָזאַקישע שחיטות זײַנען מיט אַמאָל אַרויסגעטראָטן אַלע פּרטים...

„מאָמענט“, וואַרשע נומ׳ 150, 30 יוני, איבערגעדרוקט אין „פאָלקסבלאַט“ (לאָדז), „צייט“ (ווילנע), „אונדזער לעבן“ (ביאַליסטאָק), „זאַגלעמביער צייטונג“ און „פּרוזשענער לעבן“.

ש. אַנ־סקי

(אַ ליכטל צו זײַן יאָרצײַט)

מיר פאַרמאָגן גרעסערע טאַלאַנטן פון אַנ—סקין; מיר פאַרמאָגן אויך מער אויסגעהאַלטענע רעוואָלוציאָנערן, ווי ער איז געווען; מיר פאַרמאָגן אָבער ניט אַזאַ מין סך־הכל פון אַ דור, וואָס זאָל זיך אַזוי בולט און קלאָר

אָפּשפּיגלען אין איין פּערזאָן, ווי דאָס איז אַזוי גליקלעך געשען מיט דעם ייִד, מענטש, שרײַבער און פּאַרקעמפער, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן אַן–סקי...

פון יענער צײַט ווען אונדזערע משכּילים האָבן שוין אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק קירפּיטשניקאָווס אָדער עוזר בלאָשטיינס גראַמאַטיק און האָבן זיך שוין אויסגעלערנט צו שרײַבן ניט גאָר קיין שלעכטן רוסיש, האָט אַן–סקי זײַן השפּעה באַקומען. ער איז געווען אַ משׂכּיל פון אַט דעם שניט, אַ מענטש מיט באַאָבאַכטונגס-קראַפט און מיט אַ פילנדיק האַרץ–האָט ער זיך געשטעלט פאַר אַ צוועק צו בילדן און אויפקלערן דאָס פאָלק און ער האָט זיך איבער-געגעבן מיט לײַב און לעבן דער דאָזיקער פאָלקס-אַרבעט. די צײַט אין רוס-לאַנד איז געווען פון „גיין אין פאָלק". לאַווראָוו האָט שוין דעמאָלט פאַרכאַפּט די בעסערע רוסישע יוגנט און אַן–סקי האָט אין זיך גובר געווען זײַנע סענ-טימענטאַלע נייגונגען צו בלײַבן טרײַ זיך אַליין אין די ד' אמות פון ייִדישער סביבה און האָט זיך געלאָזט אין דער גרויסער וועלט אַרײַן...

מיט פיל יאָרן שפּעטער האָט ער, דער סעקרעטאַר בײַ לאַווראָוון און אָנגעזעענסטער פּאַרטיי-מיטגליד פון ס.–ר., פיגורירט אַלס קאַנדידאַט אין דעם באַרדיטשעווער ציוניסטישן וואַלצעטל אין גאָסודאַרסטווו' דומע... דער מחבר פון דער פּאָפּולערסטער „שבועה" האָט זיך געווענדט צו דעם קיִעווער בונדישן געגנט-קאָמיטעט מיט אַ ביטע בײַם איבערדרוקן זײַן „שבועה" אין דער עווענ-טועלער זאַמלונג „אַרבעטער-לידער" ניט אונטערצוחתמענען „סינאַני"... ווער ווייסט, ווי לאַנג ס'האָט געדויערט אָט די נשמה-ראַנגלעניש צווישן דעם מענטשן און דעם ייִדן אין אַן–סקין ביז ער האָט זיך אַליין געפונען און האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער ייִדישער פאָלקסאַרבעט.

אַלס בעלעטריסט אין רוסיש האָט זיך אַן–סקי אויסגעצייכנט מיט זײַן האַרציקן באַשרײַבן דאָס לעבן און שטרעבן פון דיברייטע פאָלקס-שיכטן. אויף זײַנע ווערק פון דעם מין ליגט אויך דער שטעמפּל פון זײַן צײַט-טענ-דענץ. צו באַווײַזן די, וואָס לייענען דעם „לשון המדינה", אַז די ייִדישע מאַסע איז דערשלאָגן און פאַרפאַלגט פון די היימישע ווי פון פרעמדע „תּקיפי-עולם".

ער האָט געוואָלט אַרויסרופן רחמנות און מיטלײַד צו דער ייִדישער מאַסע, סײַ בײַ דעם ליבעראַלן רוסישן לעזער, סײַ בײַ דער ייִדיש-אַסימילירטער אינטעליגענץ. דער „ביט", אַזוי צו זאָגן, איז בײַ אים זייער געטרײַ און ערטערווײַז זייער טאַלענטירט געמאָלן. דער עיקר – האַרציק, אַ ביסל סענטימענטאַל און וואַרעם, ווי ער איז אַליין געווען אין לעבן.

ער האָט שוין געשריבן אויסשליסלעך אויף ייִדיש אין די טיפענישן פון זײַן סענטימענטאַלער זעל האָט ער אָבער געבענקט אויך נאָך דער נביאים-שפּראַך, האָט שטאַרק געשעצט די מסורה און די בעסטער פון ייִדישן עבר.

און אין דעם שפּראַכן-קאַמף איז ער געווען דער „מתווך", דער פּשרה-מאַכער צווישן יידיש און העברעיִש, וואָס האָבן צווישן זיך נאָך די ירושה ניט געקענט איינטיילן...

ער איז אַפילו געווען דער פּשרה-מאַכער צווישן די בונדיסטן און ציוניסטן...

איך דערמאָן זיך אַן-סקיס אַרויסטרעטונג אַלס פּשרה-מאַכער אויף דעם אַלאוקראַיִנישן קהלה-צוזאַמענפאָר. פאָרגעקומען איז דער צוזאַמענפאָר אין 1917 יאָר בימי קערענסקי אין קיִעוו. כּמעט דער גאַנצער צוזאַמענפאָר איז דורכגעגאַנגען אונטער דעם צייכן פון פּאַרטיי-קריגעריי און רייסעריי. פון איין זייט די בונדיסטן אין שפּיץ מיט משה ראַפעס — פון דער צווייטער זייט די ציוניסטן אונטער דער אָנפירונג פון דעם באַרדיטשעווער ראַבינער בערמאַן.

דער קאַמף איז געווען אַ העפטיקער, אַ פאַרשאַרפטער. אום צו אָפּ-שפּאַלטן די וואַקלדיקע דעלעגאַטן פון דער בונדישער פראַקציע האָט זיך בערמאַן געפרווט פּראָוואָצירן זיין קעגנער, און רעדנדיק וועגן דער תּורה האָט ער מיטאַמאָל פאָרגעלייגט אַלע דעלעגאַטן באַערן די תּורה מיט אויפ-שטיין. אַלע זיינען אויפגעשטאַנען. די בונדיסטן זיינען געבליבן פעלזנשטיין זיצן אויף זייערע ערטער.

די דאָזיקע אַנטירעליגיעזע דעמאָנסטראַציע האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אויף די דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך מיט פויסטן געוואָרפן אויף די זיצנדיקע בונדיסטן.

דער אָנוועזנדער דאַן אַן-סקי, אַלס חשובער גאַסט, האָט זיך דאַן באַוויזן אויף דער טריבונע:

„רבותי, ערלויבט מיר אַרויסצוזאָגן מיין מיינונג וועגן דעם דאָזיקן אינצידענט. די בונדיסטן זיינען געבליבן זיצן אויף זייערע ערטער. איך בין מודה, אַז דאָס איז אַ חילול-התורה. די געערטע דעלעגאַטן אָבער דאַרפן געדענקען און וויסן, אַז די בונדיסטן האָבן מיט אמתע מסירת-נפש באַהיט און באַשירמט דאָס יידישע פאָלק, זיין ערע און זיין תּורה, ווי עס האָט זיך געטראָפן בשעת פּאָגראָמען אין סמילע, זשיטאָמיר און האָמליע".

עס האָט זיך געפילט, אַז ניט אַן-סקיס ווערטער האָבן באַרויִקט די דעלעגאַטן, נאָר זיין גוואַלטיקע פּאָפּולאַריטעט און די אַכטונג צו דעם גרויסן קאָפּ זיינעם.

ער איז געווען דער ליבלינג אין דער יידישער פּראָווינץ.

דער זיידע פון דער יידישער דעמאָקראַטיע — האָט געשטרעבט צו שליסן שלום צווישן די צעגליי-דערטע קלאַסן...

דערהויפּט האָט ער געפונען זיין גאַנצע באַפרידיקונג, בעת ער האָט זיך געגריבלט אין די מאָנומענטן פון פאָלקס-שאַפן אויף אַלע געביטן פון

לעבן. ניט געקוקט אויף זײַן צוקער־קראַנקייט און עלטער האָט ער געוואַנ־דערט און געזוכט די פּערל פון פאָלקלאָר, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּראָווינץ...

ער האָט זיך אַליין באַגײַסטערט און מיט זײַן באַגײַסטערונג אָנגעצונדן זײַנע צײַט־חברים, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געטרוימט פון דער צײַט, ווען עס וועט אין רוסלאַנד געבויט ווערן דער בית־המקדש פון דער ייִדישער היסטאָרישער „קונסט און לעבן" אויף אַלע געביטן פון פאָלקס־שאַפן.

פיל האָט אַן־סקי אויפגעטאָן און נאָך מער האָט ער איבערגעלאָזן פאַר אַנדערע, וועלכע ער האָט געלערנט צו גיין אין זײַנע דרכים, צו שעצן דעם ייִדישן הוה, דעם הײַנט. אָבער תמיד אין זינען האָבן די אַלטע גאָלדענע קייט, וואָס אירע רינגען ליגן טיף אין אונדזער עבר. און ווער ווייסט, אפשר וואָלט אַן־סקי זײַן טרדים פאַרווירקלעכט ווען אינמיטן דער אַרבעט וואָלט זיך ניט אַרײַנגעריסן די וועלט־שהיטה?

דער דיכטער און זאַמלער האָט ייִדישע טרערן גענומען זאַמלען און ייִדישע ווונדן היילן...

ער איז געווען דער באַרימהערציקער ברודער פון דעם ייִדישן פאַר־ווונדעטן סאָלדאַט. ער האָט צוזאַמען מיט די היימלאָזע געוואַנדערט און געזוכט פאַר זיי הילף און האָט זיי געפּרוווט פאַרטיידיקן פון זייערע פּײַניקער.

די מלחמה־יאָרן האָבן אים אָפּגעריסן פון זײַן געליבטער אַרבעט: צו זאַמלען און אָפּהיטן די ירושה פון די דורות. ער האָט געמוזט אָפּגעבן זײַן האַרץ און צײַט דער חיי־שעה... אָבער דאָס וואָס ער האָט אויפגעטאָן אויף דעם געביט אַליין גיט אים דאָס רעכט אויף „חיי־עולם". קיין איין זאַמלער פון די פאָלקס־אוצרות וועט גלײַכגילטיק ניט קענען פאַרבײַגיין אַן־סקיס אַרבעט.

„ליטעראַרישע בלעטער" נומ' 31 (1925)

בײַ דער זאַמל־אַרבעט

(מאַטעריאַלן פון צײַטונגען)

„באַלד נאָך דער רעוואָלוציע איז די ייִדישע עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט צוזאַמען מיט דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן מוזיי אין פּעטראָגראַד צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אַן אַרכיוו פון אַלע ייִדישע אויסגאַבן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין נאָך דער רעוואָלוציע. די אַרבעט איז צעטיילט געוואָרן צווישן פּעטראָגראַד און קיִעוו. קיִעוו האָט אויף זיך גענומען צו זאַמלען און קאָנצענ־טרירן אַלע געדרוקטע מאַטעריאַלן פון דרומדיקן קאַנט. אין משך פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר האָט זיך דער קיִעווער אָפּטיילונג אײַנגעגעבן צונויפצוזאַמלען העכער צוואָנציק טויזנט עקזעמפּליאַרן פון פאַרשיידענע אויסגאַבן פון פּראָ־ווינציעלע, פּאָליטישע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס. שוין איצט שטעלט דער

אַרכיוו מיט זיך פּאָר אַ רײַכן מאַטעריאַל, וואָס שפּיגלט אָפּ אַלע פּאָליטישע און קולטורעלע שטרעבונגען אויף דער ייִדישער גאַס. יעדער פּאָסט ברענגט פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך צענדליגער בראָשורן, בלעטלעך, אויפֿרופן, אוסטאַוון, פּלאַטפאָרמען און אַנאָנסן אויף ייִדיש, העברעיִש און רוסיש.

די ייִדישע עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט ווענדט זיך מיט אַ בקשה, אַז די אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך נאָך ניט אָפּגערופן, גלײַך צושיקן זייערע געדרוקטע מאַטעריאַלן אויפן אַדרעס פון דעם קיִעווער באַפולמעכטיקטן פון דער געזעלשאַפט ה׳ ש. רובינשטיין, קיִעוו, איליגסקאַיאַ 4, וווינונג נומ׳ 2.

„נייע צייט" (קיעוו), נומ. 64, 19 אפריל 1918.

אַן אַנאַלאָגישער אויפרוף פון דער היסט׳ עטנ׳ געז׳ איז אויך אָפּגעדרוקט אין „פאָלקסצײַטונג", קיִעוו 1918.

אַ בריוו אין רעדאַקציע

חשובע רעדאַקציע!

איך בעט געבן פּלאַץ פאַר מײַנע פאָלגנדע שורות:

בײַ יעדן פאָלק זײַנען זײַנע פאָלקס־שפּריכווערטער הייליק. טויזנטער מאָל הערט מען די דאָזיקע שפּריכווערטער איבעררעדן און איבערזאָגן פון געבילדעטן און פשוטן עולם. די גרעסטע שריפטשטעלער באַנוצן זיך אָפט מיט זיי אין זייערע ווערק.

ייִדן האָבן אין די שפּריכווערטער אַרײַנגעלייגט זייער גאַנצע חכמה און וועלטלעכקייט, דערפאַר האָבן זיי טאַקע אַזאַ גרויסע ווערט.

שוין עטלעכע יאָר, אַז איך האָב אָנגעהויבן זאַמלען ייִדישע שפּריכווערטער, טראָגנדיק זיך מיט דער אידעע צו שאַפן אַ פולשטענדיקע קאָלעקציע, וואָס זאָל דערגאַנצן איגנאַץ בערנשטיינס זאַמלונג „ייִדישע שפּריכווערטער".

ווער עס וויל מיטהעלפן צו דער זאַמלונג ווערט געבעטן צו פאַרצייכענען די ייִדישע שפּריכווערטער, וואָס ער געדענקט, אָנמערקנדיק דערבײַ נאָך יעדן שפּריכוואָרט די שטעט ווו נעמלעך ער האָט עס געהערט.

ווער עס שיקט מיר צו אַ באַדײַטנדע קאָלעקציע, דער באַקומט בײַ מיר האָנאָראַר.

מײַן אַדרעס: ש. רובינשטיין, אָטוואָצק, גורנע גאַס נומ׳ 11.

„מאָמענט", 6 יולי 1928.

ייִדישע שפּריכווערטער

(אַ בריוו אין רעדאַקציע)

ווער עס איז באַקאַנט מיט פרעמדע שפּראַכן, דער ווייסט, אַז בײַ יעדן פאָלק זײַנען זײַנע פאָלקס־שפּריכווערטער הייליק. טויזנטער מאָל הערט מען די דאָזיקע שפּריכווערטער איבערחזרן און איבערזאָגן פון געבילדעטן און

הארעפּאשנעם עולם, פון דעם ארבעטער אין דעם לעדערנעם פארטעך, אדער ביי דער קוזניע. אויך מענדעלע און שלום-עליכם באנוצן זייער א סך פאלקס-שפּריכווערטער אין זייערע ווערק.

דאס יידישע פאלק, פארזונקען אין דער פּאטריארכאלער סביבה, האט אין די שפּריכווערטער ארײַנגעלייגט זײַן גאנצע וועלטלעכקייט, בעת די שכנישע פעלקער האבן געהאט געוויס ליטעראַרישע פארמען און מעגלעכ-קייטן. דערפאר טאקע האבן יידן געשלאגן רעקארד אין דער הינזיכט, הן אין כמות, הן אין איכות.

פאר דער לעצטער צײַט זענען אנגעשטאנען שפּריכווערטער-זאמלער פון פארשיידענע שיכטן און קלאסן, אנגעהויבן פון דעם מיליאנער איגנאץ בערנשטיין און געענדיקט מיטן רב עלזעט ביי וועמען דער גאנצער פאלקלאר באזירט זיך אויף דעם קלעריקאליזם.

שוין פון זײַט עטלעכע יאר, ווי איך האב אנגעהויבן זאמלען יידישע שפּריכווערטער (אדאנק דער איניציאטיוו פון דעם מחבר פון דער בונדישער „שבועה"—ש. אנ-סקי) און האלט אין איין זאמלען, טראגנדיק זיך מיט דער אידעע צו שאפן א פולשטענדיקע קאלעקציע, וואס זאל רעפּרעזענטירן אלע שיכטן און קלאסן פון דעם יידישן פאלק, שאפן אזא קאלעקציע, וואס זאל דערגאנצן איגנאץ בערנשטיינס זאמלונג „יידישע שפּריכווערטער".

ווער עס וויל מיטהעלפן מײַן פאלקלאר-אקציע, ווערט געבעטן צו פאר-צייכענען די יידישע שפּריכווערטער, וואס ער האט אונטערגעהערט בײַם פאטער אין שטוב, בײַם באלעבאס אין לערן-ווארשטאט, בײַ זײַנע חברים אויף א בונדישער ליאמע און צושיקן מיר אויף מײַן אדרעס:

ש. רובינשטיין, אטוואצק אאז"ו.

„פאלקסצייטונג", (ווארשע) 22 יוני 1928

א פאלקלאר-עקספּעדיציע איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך

דער פאלקלאר-זאמלער שמואל רובינשטיין, וועלכער האט שוין פאר-עפנטלעכט אין א ריי יידישע צײַטשריפטן אייניקע ארבעטן אויפן געביט פון יידישן פאלקלאר, איז ארויסגעפארן מיט א פאלקלאר-עקספּעדיציע איבער די באדײַטנדסטע יידישע קבוצים. דער הויפּט-צוועק פון דער רײַזע איז פּאפּו-לאריזירן די אידעע פון פאלקלאר-זאמלונג דורך א ריי פארלעזונגען און ארגאניזירן יידישע פאלקלאר-זאמלער. שמואל רובינשטיין וועט באזוכן ביא-ליסטאק, גראדנע, בריסק, שעדלעץ, לידע, באראנאוויטש און ווילנע. עס איז כדאי צו באמערקן, אז ש. רובינשטיין האט זיך זײַנער צײַט באטייליקט צוזאמען מיט ש. אנ-סקי אין דער עטנאגראפישער עקספּעדיציע, וואס איז געשטיצט געווארן דורך דעם ניט לאנג פארשטארבענעם באראן וולאדימיר גינזבורג און האט געזאמלט פיל וויכטיקע מאטעריאלן אין יידישע שטעט און שטעטלעך פון געוועזענעם רוסלאנד.

(ייטא) „הײַנט", 25 אפּריל 1932

ש. רובינשטיינס קאָלעקציע שפּריכווערטער איבערגעגעבן דעם ייִוואָ

דער זאַמלער פון יידישן פאָלקלאָר ש. רובינשטיין האָט איבערגעגעבן פאַר דער פאָלקלאָר-קאָמיסיע פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט די ערשטע קאָלעקציע פון 2000 שפּריכווערטער, וואָס ער האָט געזאַמלט אין משך פון לאַנגע יאָרן אין פאַרשיידענע יידישע ישובים (ייִטאָ).

(ייִטאַ) („פאָלקסצייטונג" 1934)

ייִוואָ אַריינבאַקומען נייע פאָלקלאָר-מאַטעריאַלן

דער יידישער פאָלקלאָר-מאַטעריאַל, וועלכער איז זיינער צייט אויפגע-זאַמלט געוואָרן דורך דער אוקראַיִנישער אַפּטיילונג פון דער פּעטערבורגער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין קיִעוו, בראש פון וועלכע עס זיינען געשטאַנען ש. אַנ--סקי און ש. רובינשטיין, איז די טעג איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון ייִוואָ דורך שמואל רובינשטיין. טראָץ דעם וואָס דער מאַטעריאַל האָט געוואַנדערט מער ווי 20 יאָר מיטן זאַמלער איבער פאַרשיי-דענע גרענעצן, לענדער, שטעט איז ער אָפּגעהיט געוועזן און איבערגעגעבן אין אַ געהעריקער פאָרם דער יידישער פאָלקלאָר-קאָמיסיע פון ייִוואָ.

(ייטא) „ווילנער טאָג" 1936

אַן אויסגאַבע פון שמואל רובינשטיינס פאָלקלאָריסטישע אַרבעטן

אין צוזאַמענהאַנג מיט שמואל רובינשטיינס 50-יעריקן יובל האָט זיך אין ווילנע געגרינדעט אַ יובל-קאָמיטעט מיטן צוועק אַרויסצוגעבן ש. רובינ-שטיינס פאָלקלאָריסטישע אַרבעטן. דער יובל-קאָמיטעט, אין וועלכן עס גייען אַריין צווישן אַנדערע ש. באַסטאָמסקי, ד"ר מאַקס ווײַנרייך, דניאל טשאַרני און זלמן רייזען, ווענדט זיך צו אַלע ליבהאָבער פון יידישן פאָלקלאָר מיט-צוהעלפן אין דער אַקציע אַרויסצוגעבן דעם בעל-היובלס „שריפטן פון אַ יידישן פאָלקלאָריסט".

(ייִטא) „ווילנער טאָג" 1936

פון אַ פאָלקלאָר-אַקציע

שמואל רובינשטיין דער מחבר פון דעם ניט לאַנג אַרויסגעגעבענעם בוך „שריפטן פון אַ יידישן פאָלקלאָריסט" האָט זיך די טעג אומגעקערט נאָך צוויי חדשים צייט פון אַ פאָלקלאָר-אַקציע, וועלכע ער האָט דורכגעפירט אין אַ ריי יידישע שטעט און שטעטלעך און מיטגעבראַכט אַ היפּש ביסל יידישן פאָל-קלאָר. אַ טייל פון דעם אויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער ביאַליסטאָקער צייטונג „אונדזער לעבן"

„אונדזער טאָג" און „צייט" (20 יוני 1937)

אויסצוגן פון מײַן פאָלקלאָר־קאָלעקציע *

מ ע שׂ ה ל ע ך

(ח ס י ד י ש)

דער בעל־שם ז״ל האָט שטאַרק געוואָלט וויסן ווער וועט זײַן זײַן שכן אין גן־עדן. איין מאָל שבת פאַר נאַכט בשעת שלש־סעודות, ווען ער האָט געהאַט ווי כּסדר עלית־נשמה, האָט ער זיך אָנגעפרעגט וועגן דעם מלמעלה האָט מען אים באַוויזן: פלוני בן פלוני מעיר פלונית. עפּעס אַ אומבאַקאַנטן נאָמען פון אַ ייִדן פון ערגעץ אַ קליין שטעטעלע. פאַרשטייט מען אַז די תשובה איז געווען ניט גאָר אין גאַנצן אַ תשובה מספּקת. האָט זיך דעם בעל שם טוב געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ מעשים טובים אָדער מדות טובות זײַנען וועלן אַזוי פיל, ווי זײַן גאַנצע עבודה מ׳זאָל ווערן צוליב זיי זײַן שכן אין עולם האמת. תּיכּף נאָך הבדלה האָט ער געהייסן אַלעקסן שפּאַנען די פערד און איז באַלד אַוועקגעפאָרן איינער אַליין אין שטעטעלע. קומענדיק אַהין, האָט ער אָנגעהויבן נאָכצופרעגן וועגן דעם ייִדן, נאָר קיינער האָט ניט גע־ווּסט פון אַזאַ מין בעל־הבית. ערשט שפּעטער האָט זיך עמעצער געכאַפּט, אַז ס׳איז עפּעס יאָ דאָ אַ ייִד מיט אַזאַ נאָמען, נאָר אַוודאי ניט אים מיינט דער בעש״ט: עפּעס אַ פּאַסטעך, אַ גראָבער יונג ממש אַן ערל, כאָטש אַפילו אַן אָרנטלעכער מענטש. דער בעש״ט האָט זיך אָנגעטאָן פאַר אַ בעטלער אין אַלטע צעריסענע בגדים און האָט אָנגעקלאַפּט פאַר נאַכט אין טיר פון דעם אָנגעוויזענעם הײַזל, ערגעץ אין עק שטעטעלע, הינטער דער גוישער גאַס. עפּעס אַ ייִדענע האָט געעפנט די טיר און האָט אים געפרעגט וואָס ער דאַרף? דער בעש״ט האָט געענטפערט, אַז ער איז אַ בעטלער, גייט פון זייער ווײַט און בעט מ׳זאָל אים אַרײַנלאָזן איבערנעכטיקן. אינעווייניק שוין האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן די גוישע שטוב מיט די ווײַסע טירן אָן מזוזות און בכלל אין גאַנצן דער אַרום האָט אויף אים געמאַכט ניט גאָר קיין גוטן רושם. ווו איז דײַן מאַן? האָט ער אַ פרעג געטאָן. די ייִדענע פאָרט זיך ערגעץ דאָרט בײַ דער טשערעדע — האָט זי אים עפּעס בייז געענטפערט.

---

* געפינט זיך אין ייִוואָ. דער פאָלקלאָר־מאַטעריאַל איז פאַרנאָטירט פאָנעטיש דורך מיר און מײַנע פאָלקלאָר־זאַמלער לויט דער אָרטיקער אויסשפּראַך. בײַ דער געלעגנהייט דריק איך אויס אַ דאַנק מײַנע פאָלקלאָר־זאַמלער, באַזונדערס דעם ייִדישן פּקח אין ווילנע ב נ י מ י ן א י ס ע ר ל י ן און א. ש. ר אַ ב י נ אָ ו י ץ (קיעוו) פאַר זייער מיטהעלפן מיר אין מײַן זאַמל־אַרבעט.

אַ וואָרף געטון אַ שטיק שוואַרץ ברויט און האָט געוויזן אין אַ ווינקל, ווו ער קאָן זיך לייגן שלאָפן.

דער בעש"ט האָט זיך צוגעשפּאַרט צום ווינקל, נאָר שלאָפן האָט ער שוין ניט געקאָנט. ער האָט געוואָלט זען, וואָס וועט זײַן ווײַטער. אַ שטיקל צײַט שפּעטער האָט זיך אַרײַנגעוואַלגערט אַ געזונטער לעפּיק,* אָנגעטון ווי אַ גוי אין אַ לאַנגן פּעלץ, פאַרבונדן פון אויבן מיט אַ גאַרטל, מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט און אַ זאַק מיט אַ דודקע אַף דער פּלייצע. אַ פּנים דער בעל-הבית — האָט אַ קלער געטון דער בעש"ט. דער פּאַסטעך האָט אַ וואָרף געטון דעם זאַק מיטן שטעקן אויף אַ זײַט אָן אַ גוטן אָוונט און אָן אַ גוט וואָרט. אַוועקגעזעצט זיך אויפן פּאָל און געהייסן געבן עסן און שפּעטער אַ ווײַלע: ווער איז דער? דער בעש"ט ליגט און שווײַגט, און קוקט וואָס וועט דאָ זײַן. אָפּגעגעסן דאָס שטיקל ברויט מיט קאַשע אָן וואַשן זיך, אָן אַ ברכה האָט זיך דער פּאַסטעך אַ וואָרף געטון אויפן פּאָל און איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. פון קיין בענטשן אָדער קריאת-שמע איז גאָרניט געווען וואָס צו רעדן. דעם בעש"ט איז די גאַנצע מעשה געוואָרן אַ חידוש אפילו. נאָר דאָך... אַ למד-וואָווניק מסתמא, האָט ער בײַ זיך געטראַכט, מסתמא וועט די עיקר-עבודה ערשט זײַן בײַ נאַכט, ווען אַלע וועלן שלאָפן. די גאַנצע נאַכט האָט דער בעש"ט ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג, מורא האָבנדיק, פאַרשלאָפן די עבודה פון דעם פּאַסטעך, נאָר יענער האָט אָפּגעכראָפּעט די גאַנצע נאַכט, ניט אויפכאַפּנדיק זיך אויף אַ רגע. פּאַרטאָג איז ער אויפגעשטאַנען, פאַרבונדן דעם גאַרטל, אַרײַנגעלייגט אַ שטיק ברויט אין טאָרבע אַרײַן, גענומען טרײַבן די טשערעדע אין פעלד אַרײַן. פון ניגל-וואַסער און ברכות איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן. דעם בעש"ט ווערט אַלץ מער קשה. דאָך טוט ער זיך אָן און גנבעט זיך שטילערהייט נאָך דער טשערעדע. קומענדיק אין פעלד, האָט דער פּאַסטעך זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, פונאַנדערגעעפנט די טאָרבע, אַרויסגענומען דאָס ברויט, אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און אַ זאָג געטון: גאָטעניו, איך וויל עסן!... אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט און האָט זיך גענומען עסן. אָפּגעגעסן, האָט ער ווײַטער אויפגעהויבן אַרויף די אויגן און אַ זאָג געטון: איך דאַנק דיר, טאַטעניו, וואָס דו האָסט מיר געגעבן עסן. כ'וואָלט אַוודאי געוואָלט מיט עפּעס דיר אָפּדינען, נאָר וואָס זאָל איך טון, אַז איך בין אַזוי אָרעם און האָב גאָר ניט און קען גאָר ניט. לאָמיך כאָטש אָפּשפּילן דיר אויף דער דודקע אַ ביסל. נאָכן שפּילן האָט ער זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן און איז אָפּגעשלאָפן ביזן האַלבן טאָג, אויפכאַפּנדיק זיך האָט ער ווײַטער אַ זאָג געטון: טאַטעניו, איך וויל עסן. ווײַטער אָפּגעגעסן, ווידער אָפּגעשפּילט. נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט זיך דער בעש"ש הקדוש אומגעקערט קיין מעזשיבוזש. אַז ער האָט דערציילט זײַנע חסידים די דאָזיקע מעשה,

* לעפּיק אין וואָלין: אַ געזונטער מגושמדיקער מענטש.

איז ער געווען שטאַרק פריילעך און האָט זיי געזאָגט, אַז אדם מישראל וואָס ער קען קיין שטיקל ברויט ניט אויפעסן ביז ער וועט זיך ניט אָנפרעגן מלמעלה און אַז פאַר יעדן ביסן דאַרף ער אָפּדאַנקען און אָפּדינען דעם בורא-עולם איז אין לך מדה גדולה מזו, און שפּעטער אַ ווײַלע האָט ער מוסיף געווען: ווייל איז דעם, וואָס איז זוכה צו זײַן שכן מלמעלה.

יאנושפּאָל—וואָלין (ש. הארנשטיין)

(שטייגעריש)

אַ מאָל האָט אין אַ דאָרף געוווינט אַ ייִד אַ ישובניק, איז ער געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. דעם גאַנצן לעבן זײַנעם האָט ער געהאַנדלט מיט בראָנפן, זיך געבעך געשלעפּט ווינטער אין די גרעסטע פרעסט מיט די פלעשער, ווײַל אויף צו באַצאָלן פאַר אַ טעלעכע גראָשן איז ניט געווען. און סוף כל סוף, אַז ס'איז געקומען צום לייזן, האָט ער זיך אַזוי אויסגע-האַנדלט אַז דאָס ווײַב און קינדער זײַנען געזעסן אָן אַ שטיקל ברויט און דערצו איז ער נאָך געבליבן אַ בעל-חוב, ווי עס טרעפט זיך מיט אַ שלימזל.

איין מאָל מאַכט צו אים דאָס ווײַב: ווייסטו וואָס, משה, לאָמיר פּרוּוון אונטערגיסן צו דעם בראָנפן צו ביסלעך וואַסער, אפשר וועט דער אייבער-שטער העלפן?

גוט! גייט אַ געשעפט!

דער ייִד גיסט אונטער אַ ביסל וואַסער, און דער אייבערשטער העלפט. אין שטוב איז דאָ פון כל-טוב, ניט צו פאַרזינדיקן. אַלץ באַנייט, באַקליידט. מיטן בראָנפן טראָגט מען זיך שוין מער ניט אַרום. עס געפינט זיך שוין אַן איבעריקער גראָשן אויף אַ פור אויך.

זאָגט צו אים איין מאָל זײַן ווײַב: הער, מײַן מאַן, וואָס דאַרפסטו אָנ-קומען צו יענעם, ווען דו דאַרפסט? טעלעכע קערבלעך האָבן מיר, לאָמיר זיך בעסער אַליין קויפן אַ שפאַן!

— זאָל זײַן אַזוי — ענטפערט משה — מ'דאַרף אַ מאָל אַ ווײַב אויך פאָלגן!

דער אָרעמער ייִד האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. געוואָרן אַליין מעשה באַלעבאָס, אַזוי איז אַוועק אַ שטיקל צײַט, דער געשעפט מיט דעם וואַסער גייט און די קעשענע וואַקסט.

איין מאָל אין אַ שטילן ווינטערדיקן פאַר נאַכט פירט זיך דער ייִד מיט זײַן ווײַב אַ היפּש ביסל בראָנפן. זיי זיצן זיך רויִק, צופרידן אויפן אייגענעם שליטן, דערמאָנען זיי זיך אין זייער פריערדיקע צרות. זאָגט אים דאָס ווײַב: — געדענקסטו, משה, פאַר אַ יאָרן, ניט הײַנט געדאַכט, ביסטו געגאַנגען אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע, און געריסן זיך די קישקעס מיט די פלעשער בראָנפן און איך מיט די קינדערלעך זײַנען געזעסן אָן אַ שטיקל ברויט. הײַנט אַ דאַנק

זײַן ליבן נאָמען, פאָרן מיר אויף אַן אייגענער פור, און עטלעכע קערבלעך איז אויך דאָ אין קעשענע, ווי זאָגט מען, גוט איז צו דערמאָנען די צרות אין אַ גוטער צײַט.

רעדנדיק אַזוי, פאָרן זיי אַרויף אויפן טײַך, וואָס פליסט לעבן דאָרף, און מיטאַמאָל — טררראַך!

דאָס איז ברעכט זיך, דאָס פערדל איז מיטן שליטל אַראָפּ אונטערן אײַז. פאַרשווונדן איז דער בראָנפן ווי אויף דער וועלט ניט געווען. שיר־שיר דאָס צופרידענע פאָרפאָלק מיט זיך ניט אַרײַנגעשלעפּט.

— ווײ איז מיר! פאַרפאַלן זענען מיר מיט די ביינער! — שרײַט אויס דער ייִד און ברעכט מיט די הענט.

מאַכט צו אים די ייִדענע:

— שאַ, שאַ, מײַן מאַן, וואָס ווילסטו? פון וואַסער האָט זיך עס גענומען, און אין וואַסער איז עס אַרײַן!

ק"עוו (שפרה האָפשטיין)

פאָלקסלידער

זיצט אַ מיידל בײַ דער פיאַנע
זיצט און רעדט צו זיך אַליין:
איך בין שיין, מײַן פאָטער איז רײַך
און צו מיר איז קיינער ניט גלײַך.

גייט אַרײַן אַן אַלטיטשקער מאַן
און רעדט איר איבער די זעלבע רייד:
דו ביסט שיין, דײַן פאָטער איז רײַך
און צו דיר בין איך אַזוי גלײַך.

— זיידעניו, האַרצעניו, זאָג זשע, זאָג ווער ביסטו?
— איך בין דער שליח פון פעלדער און וועלדער
און נעם צו מיידלעך פון אַלערליי לענדער.

— זיידעניו, האַרצעניו, טאָ נאַ דיר אַוועקעט
די שטוב און דאָס גאָלד.
— די שטוב און דאָס גאָלד זאָל זיך נאָך שטיין
ווען מ'וועט דאַרפן וועט קומען אַליין.

— זיידעניו, האַרצעניו, טאָ נאַ דיר אַוועקעט
די שאַפע מיט ספרים.
— די שאַפע מיט ספרים זאָלן נאָר ליגן,
ווען איך וועל עס דאַרפן,
וועל איך עס קריגן.

הערט אויס, מענטשן, וואָס האָט פּאַסירט:
געווען איז אַ מיידל, זי האָט זיך גערימט,
זי איז שיין איר פּאָטער איז רײַך
און צו איר איז קיינער ניט גלײַך.

אַרויסגענומען פון אַ ליכטיקן שטוב,
אַרײַנגעלייגט אין אַ פינצטערן גרוב,
באַרימען טאָר מען זיך קיין מאָל ניט, } ביס
ווײַל עס קומט אַ שלעכטער סוף.

ס ל אָ נ י ם (שיינע שאַפּירע)

אין טיורמע בײַם פענצטער
צווישן אײַזערנע גראַטן
דער זומער דער שיינער פאַנגט אָן —
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.

אין טיורמע איז הייס,
איך צערײַס אויף מיר מײַן פלייש —
ווי שלעכט איז צו זײַן אַ רעשטאַנט —
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.

איך זיץ מיר אויף דער נאַרע,
מײַנע ביינדעלעך די דאַרע,
אַן אַלפּן ברויט* מיט אַ ביסל וואַסער —
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.

מען פירט מיר צום סוד,
מען עפנט אַלע טויערן,
מען שטעלט מיר אַוועק בײַ דער טיר —
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.

איך שטיי מיר בײַם טיר,
איך באַטראַכט מײַן מונדיר,
מײַן מונדיר איז פון שאַרע געמאַכט —
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.

מען סודיעט מיך אָפּ
אויף גוטע עטלעכע יאָר,
נאַכהער וועט מען מיך לאָזן פרײַ —
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי.

ס ל אָ נ י ם (שיינע שאַפּירע)

* אַ פערטל ברויט

זיץ איך מיר אויפן פריזבאַלע
און טו מיר קנאַקן מײַנע קערלאַך
גייט פאַרבײַ זיך אַ שוסטער יינגאַלע
און ווינקט צו מיר געפערלאַך.
זיץ איך מיר אויפן גאַניקל,
טו איך מיך באַדענקען;
אַז אַ מיידל ליבט אַ יינגל,
טוט זי ביטער קרענקען.
זיץ איך מיר אויפן בעטאַלע
טוט מיר מײַן הארץ אויסדערציילן;
נישטאָ דער דאָקטאָר, נישט דער פאָראָשעק
וואָס זאָל מײַן ווייטיק היילן.

טשערנאָוויץ (פארצייכנט ח. גינינגער פון ש. שווארץ).

יידישע פאָלקס—„טשאַסטושקעס”

הונדערט רובל האָט זי
און הונדערט רובל פאָט זי
און אַ פעלץ אַ סוויטע
און אַ קדחת אַ דריטע.

גראָדנע (עלקע באס)

ר׳ אברהם דער מחותן
איז אַ פײַנער מענץ,
ער נעמט אַרויס אַ צענער
און גיט דער כלה אַף טענץ.

טאַטע, טאַטע, טאַטע,
מאַך זשע מיך ניט דיל,
כינקען אַ חתן
אַ וואָסערן זי וויל.

טשערניגאָוו (פייגע לעוויצקי)

הערסטו, טאַטע,
הערסטו, מאַמע,
וואָס די באָבע האָט געטאָן:
זי האָט געקוילעט אַלע הענער
און האָט געלאָזט דעם גרויסן האָן.

האָן, האָן, האָן—האָן—האָן!
וואָס די באָבע האָט געטאָן:
זי האָט געקוילעט אַלע הענער
און האָט געלאָזט דעם גרויסן האָן.

קאָוונע (צבי שטיין)

הער מײַן מאַן,
דו זאָלסט ווערן אַ בר מינן!
וואָלט אונדזביידן געווען גוט:
איך וואָלט דיר פאַרשפאָרן מאַכן דעם טויט
און מיר וואָלט געווען גוט:
איך וואָלט קריגן אַ מאַן מיט ברויט.

גראָדנע (ע. באס)

יידישע שפּריכווערטער און גלייכווערטלעך

(אַ קורצער פראַגמענט)

אַ מאָל — 1) אַ מאָל איז רוסלאַנד געווען אַ לאַנד פון אוממיגלעכע באַגרענעצונגען און היינט איז זי אַ לאַנד פון אומבאַגרענעצטע מיגלעכקייטן (ווילנע).

2) אַ מאָל האָבן זיך מענטשן געוואָרפן צום האַנדל און היינט וואַרפט מען זיך צוליבן האַנדל (וואַרשע).

3) אַ מאָל פלעגט מען זאָגן פון בריק אין וואַסער און היינט מעג מען זאָגן פון בריסק אין וואַסער (ביאַליסטאָק).

4) אַ מאָל האָט מען געטאָן אַלץ וואָס מ׳האָט געמעגט און היינט מעג מען אַלץ וואָס מ׳טוט (גראָדנע).

5) אַ מאָל האָבן ווייבער געטראָגן פרעמדע האָר און ליב געהאַט אייגענע מענער און היינט טראָגט מען אייגענע האָר און מ׳האָט ליב פרעמדע מענער (קעשעניעוו).

6) אַ מאָל האָט מען געמאַכט איין שמיטה אין זיבן יאָר און היינטיקע סוחרים מאַכן זיבן שמיטות אין איין יאָר (ווילנע).

אַנטיסעמיטן. — 1) דער גרעסטער בלבול פון די אַנטיסעמיטן איז דאָס אַחדות צווישן יידן (בוקאַרעשט).

2) די אַנטיסעמיטן זענען קלאָר אין יידישן דין, ווייל זיי לערנען שטענדיק מיטן יידן דעם „יד חזקה“ (גאַלאַץ).

ארבעה בנים. — ער האָט ארבעה בנים: איינעם אַ חכם פון „לא לחכמים לחם“, דעם אַנדערן אַ רשע פון „לוה רשע ולא ישלם“, דעם דריטן אַ תּם — ער האָט גלאַט קיין טעם ניט, דעם פערטן שאינו יודע לשאול — ווייסט ניט ווו צו באָרגן אַ גמילות חסד (קעשעניעוו).

אָרעמאַן. — 1) אַ שלימאַזל אַן אָרעמאַן: האָט ער אַ מכה האָט ער ניט קיין ציבעלע, האָט ער אַ ציבעלע האָט ער ניט קיין מכה (ווילנע).

2) אַן אָרעמאַן צעברעכט מען מיט אַ וועטשערע (אומאַן און באַרדיטשעוו).

3) דער אָרעמאַן האָט בשר ודגים אין... די זמירות (וואַרשע).

4) גאָט פירט אויס די אָרימע לייט איבער די הייזער (וואַרשע).

5) דער אָרעמאַן לעבט מיט אַ האָפענונג, אַז ער וועט ווערן אַזוי רייך ווי זיין שכן, אָדער זיין שכן וועט נאָך אָרעמער ווערן ווי ער איז, אָדער זיי וועלן ביידע שטאַרבן (קאַטאָוויץ).

אַפּיקורסים. — ימים נוראים כאַפּן זיך אַלע אַפּיקורסים צו ראָמס מחזורים, ווייל „ראָם [רום] על כל גוים“ (ווילנע).

בגימטריא. — 1) וריק איז בגימטריא ישו דערפאַר שפּייט מען אויס צו עלינו (ווילנע).

2) אלהים איז בגימטריא „הטבע“ [אַ משכּילישע ווערטל אין מאָהיליעוו].

באַשעפּטיקונג. — 1) איך באַשעפּטיק פיל מענטשן: זיי לויפן צו מיר מאָנען מײַנע גמילות־חסדים, וואָס איך האָב אָנגעבאָרגט (ביאַליסטאָק).

2) איר ווילט וויסן מײַן באַשעפּטיקונג, איך נעם אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אַלוועלטלעכן קריזיס (ווילנע).

בײַטן. — 1) איך בײַט מחשבה בעצה [אַ קאָנספּיראַטיוו ווערטל פון די וואַלוטשיקעס אין רצון־פּאַרבאַנד. מחשבה — דומסקע געלט, עצה — סאָוויעטישע] (קיִעוו).

2) איך בײַט קרענק אויף צרות [קרענק — קערענקעס, צרות — צאַרסקע] (קיִעוו).

בלאָטע. — בלאָטע איז גלײַך צו כריין: ניט מ׳אַקערט, ניט מ׳זייט — ס׳וואַקסט פון איר אַליין (וואַרשע).

בעסער. — 1) בעסער זאָלן מיר בלײַבן נאָך אײַך אַלמנות איידער איר זאָלט מאַכן אונדזערע קינדער פאַר יתומים (מאָהילעוו).

2) בעסער שלעכטע סחורה אין אַ גוטער צײַט, איידער גוטע סחורה אין אַ שלעכטער צײַט (וואַרשע).

3) בעסער איך אַליין, ווי צווישן שלעכטע מענטשן (יאַנושפּאָל).

3) בעסער פּסח איין מלכּה איידער יום־כּפּור פערציק מלקות (לאָדזש).

4) בעסער צו רעדן מיט אַ ייִדענע און טראַכטן וועגן גאָט איידער רעדן מיט גאָט און טראַכטן וועגן אַ ייִדענע (אָדעס).

ברענען. — 1) די לאַנד ברענט און די באָבע צוואָגט זיך (קעשעניעוו).

2) אַז די באָרד ברענט איז די מאָרדע קאָכעדיק (וואַרשע).

3) די שטוב ברענט און דער זייגער גייט (אומאַן).

גאָט. — גאָטעניו, בײַ דיר איז אַ יאָר אַ מינוטקעלע און אַ מיליאָן אַ גרעשעלע, באָרג זשע מיר דײַן גרעשעלע און וואַרט מיר דײַן מינוט־קעלע (שפּאָלע).

גביר. — דער גביר איז געגליכן צו אַ סערדעל:ביידע באָדן זיך אין פעטס און האָבן ניט קיין קעפּ. [אַ בונדיש ליאַמע־ווערטל אין באַרדיטשעוו].

גלאָק. — דער גלאָק קלינגט, ווײַל ער איז פוסט (באַרדיטשעוו).

דאָקטאָר. — 1) אַ באַנקיר איז פריער באַשאַפן געוואָרן און דער־נאָך אַ דאָקטאָר; אַ ראיה: פריער שטייט אין עשרת הדברות „לא תגנוב” און ערשט דערנאָך „לא תרצח” (ווילנע).

2) די מצבות זײַנען די בעסטע שבחים פאַרן דאָקטאָר (מינסק).

3) דער יעגער הרגעט פריער דערנאָך שינדט ער די הויט און דער דאָקטאָר פאַרקערט (ווילנע).

4) מ׳וואָלט געקאָנט לעבן, נאָר די דאָקטוירים לאָזן ניט (ווילנע).

הונט. — 1) הינט בילן, סוחרים פאָרן [אַ קרעטשמע־ווערטל].

2) גיי מאַך מיט אַ הונט אַ קשר! (לובאַוויטש).

המן. — 1) ברוך הוא וברוך שמו המן [אמן] (לעמבערג).

2) פאַראַן צוויי המנס אויף דער וועלט: איינער אויפן בוים דער אַנדערער אויף די בלעטער [אַזוי פלעגט מען זיך וויצלען אין קיִעוו איבערן רעדאַקטאָר פון „קיִעווליאַנין”].

היים. — פון דער היים זאָלסטו ניט אַרויספּאָרן, אין וועג זאָל דיך ניט זײַן און אַהין זאָלסטו ניט קומען [אַ קללה אין האַמליע].

וואָלף. — דער וואָלף פאַרלירט זײַן האָר אָבער ניט זײַן נאַטור [בײַ א. ב. ווערט געבראַכט דאָס ווערטל אָן אַ מראה מקום פון „מחברת עמנואל״: „הזאב מחליף שערו ולא טבעו״].

וואַסער. — 1) ער פאָרט איבערן וואַסער און שפּײַט אין די הענט (וואַרשע).

2) ער באָדט זיך אין ווײַסל און זוכט אַ טרונק וואַסער (וואַרשע).

ווײַב. — 1) ער שרײַבט זײַן ווײַב, פיל געליבטע, און ווייסט ניט, אַז זײַן ווײַבל האָט אַזוי פיל געליבטע (קאַלושקי).

2) דער ווײַב שרײַבט מען מרת, ווײַל „לב יודע מרת נפשו״ (ווילנע).

3) מײַן ווײַב איז אין נאָהיים און איך האָב ענוים דאָמאַ (ווילנע).

4) ווײַבער זײַנען געבילדעט און קאָנען צוויי שפּראַכן: איין שפּראַך פאַר דער חתונה און די אַנדערע נאָך דער חתונה (באָברויסק).

5) דער ערשטער מאַן וואָלט קײַן ווײַב ניט גענומען, ווען מ׳וואַרפט ניט אָן אויף אים אַ שלאָף (באַרדיטשעוו).

6) מיט וועמען האָט די ווײַב ראָמאַנסירט, ווען אויף דער וועלט איז מער ניט געווען ווי איין מאַנצפּאַרשוין? מיטן שלאַנג (לידע).

7) אַזוי ווי ס׳איז שלעכט, אַז מ׳זיצט מיט דער אייגענער ווײַב אין קינאָ און ס׳ווערט ליכטיק, אַזוי איז גוט צו זיצן מיט אַ פרעמדער ווײַב בעת ס׳ווערט פינצטער (ווילנע).

8) נעמען עטלעכע ווײַבער איז מן התורה. אַ ראיה: יתרו האָט געהייסן זיבן נעמען (ביאַליסטאָק).

וועלט. — 1) ווען אַלע מענטשן זאָלן ציען אויף איין זײַט, וואָלט זיך די וועלט איבערגעקערט (ביאַליסטאָק).

2) די וועלט איז אַ קליינע: אַלע באַגעגענען זיך (יאַנושפּאָל).

3) שוין איין מאָל אַ וועלטעלע: אין פאַבריק איז „פּאָקאָרנע״, אין שטוב איז „כלאָדנע״, אין קאַסע „טשיסטע״ און „פּרוזשנע״, דאָס לעבן איז „טוואַרדע״ [אַן אַרבעטער־שפּריכוואָרט. קאַלאַמבור צווישן די נעמען פון וואַרשעווער גאַסן און דער איצטיקער סיטואַציע].

חזן. — 1) דער ערשטער חזן איז געווען שלמה המלך, ווײַל רחבעם האָט אויף אים געזאָגט: „אבי יסר אתכם בשוטים״ (ווילנע).

2) דער חזן איז געגליכן צו אַ שמאַטע: אַ שמאַטע רײַסט זיך און דער חזן רײַסט זיך אויך (ביאַליסטאָק).

3) חזנים האָבן ליב עסן עוף, ווײַל עוף השמים יוליך את הקול [הכּל] (זשיטאָמיר).

טראָצקי. — 1) טרעסט מאַכט: טראָצקי ראַזרעשיל יעווריעיאַם סוואָבאָדנויו טאָרגאָווליו (קיעוו).

2) די כּנסת־ישראל פֿאַרמאָגט דרײַ מאַרקעס: צוקער בראָדסקעס, טיי וויסאָצקעס און אַרמיי טראָצקעס (ווילנע).

3) אַ מאָל לײב־גוואַרדיע און הײַנט גוואַרדיע לײבאַ טראָצקי (ווילנע).

ייִדן. — 1) ייִדן און אַראַבער קריגן זיך צוליב ירושלים ווי אונדזערע חכמים ברענגען: שנים אוחזין בדלות [בטלית] (ווילנע).

2) אַ ייִד איז אַ מילדער: פֿאַר אַ גוט מאָרגן צעוואַרפֿט ער זיך און ווינטשט אײַך אַ גוט יאָר (קעשעניעוו).

3) ווען ניט דער בה״ב וואָלטן ייִדן אויסגעגאַנגען פֿון הונגער (וויניציע).

4) אַ גר בלײַבט בײַם גויִשן שׂכל מיט פֿרישע צרות און אַ משומד בלײַבט בײַם ייִדישן שׂכל מיט גויִשן מזל (גאַלאַץ).

5) דער ייִד איז בצלם אלהי״ם, ווײַל „ה׳ אל ארך אפים״ — ער האָט אַ לאַנגע נאָז (רוים).

6) אין דײַטשלאַנד האָבן ייִדן צו זינגען און צו זאָגן מיטן נוסח אשכּנז און אין שפּאַניע בײַ פֿראַנקאָ — מיטן נוסח ספרד (ווילנע).

7) די ערשטע ייִדישע דעפּוטאַטן זײַנען געווען משה און אהרן (קעשעניעוו)

8) וועלכער ייִד האָט געמאַכט דאָס ערשטע געשעפֿט אַף אַ גויִשן נאָמען? יעקב האָט גענומען זײַן ברכה אַף עשׂוס נאָמען (ווילנע).

9) דער ייִד איז „מפוזר ומפורד״: מפוזר צווישן דער גאָרער וועלט און מפורד בײַ זיך אַליין (ווילנע).

10) וועלכער פּאַס איז פֿאַרן ייִדן דער וויכטיקסטער? דער פּת לאורחים (קעשעניעוו).

11) ביז די יוצאי מצרים האָבן זיך דערשלאָגן קײַן ארץ ישׂראל האָט געדויערט 40 יאָר: די ייִדן האָבן נעבעך געדאַרפֿט וואַרטן אין דעם מדבר אויפֿן סערטיפֿיקאַט (וואַרשע).

יאַפּאָניע. — 1) צוליב אַ דגש האָט זיך אָנגעהייבן די מלחמה צווישן רוס און יאַפּאַן: יאַפּאַן האָט געטענהט יאַ־פּאָניע און דער רוס יאַ—פֿאָניע (ווילנע).

2) פֿאַרוואָס האָט אויסגעבראָכן די יאַפּאָנישע מלחמה? יאַפּאָניע איז דער בעל־תּוקע [טאָקיאָ] האָט פֿאָניע אויך פֿאַרלאַנגט זײַן דער בעל קורא [קאָרעיע]. (ביאַליסטאָק).

3) יאַפּאָניע האָט דערפֿאַר מצליח געווען, ווײַל אין „הנותן תּשועה למלכים״ פֿלעגן ייִדן מאַכן אַנשטאָט בכל אשר יפנה יצליח — בכל אשר יאַפּאָניע יצליח (סלאָנים).

„יזכּור״ — צו אַ מקשה לילד דאַרף מען זאָגן יזכּור: מה דאָך ייִדן מיט בערד גייען אַרויס צו יזכּור, זאָל אַ קליין קינד ניט אַרויסגיין (ווילנע).

כּסלו. — בײַ אײַך אין שטאָט איז פֿאַראַן נאָר עלף חדשים אין יאָר, איין חודש כּסלו איז בײַ אײַך אַ צעריבענער: האָט איינער אַ כּיס האָט ער קײַן לב ניט האָט ער אַ לב האָט ער קײַן כּיס ניט (ווילנע).

לבן. — לבן האָט געהאַנדלט מיט כּלי־זמרים און פאַרקויפט יעקב אבינו צוויי באַסן [בּתּן] (באַרדיטשעוו).

מאַדאַמעשי. — עס שאַדט ניט. מאַדאַמעשי, וואָס איך וויש אויס די טעלער מיטן נאָזטיכל: די טיכל איז שוין אַלץ איינס שמוציק (וואַרשע).

מאָטיע. — 1) מיט דעם פעטער מאָטיען גייט מען דורך אַלע חלאתן

אפעטער מאָטיע" — אַן אכסניה, אין פּרעסבורג אויף דער „יודן־גאַס" — אַ צענטער פון אומלעגאַלער עמיגראַציע. די אכסניה ווערט גערופן לויטן נאָמען פון דעם אייגנטומער. חלאתן — חוץ לתּחומין].

2) אויס עטי מיט מאָטי [אויס חבר].

מאַן. — 1) דער חילוק צווישן מײַן מאַן און דעם מן פון מדבר איז דאָס וואָס אין מדבר פלעגט דער מן פאַלן זעקס טעג אין וואָך און מײַן מאַן פאַלט ברוך השם זיבן טעג אין דער וואָך (ווילנע).

2) די ווײַב טראָגט דעם מאַנס פאַמיליע פון דער חתונה אָן און דער מאַן די ווײַבס פאַמיליע זינט ער האָט באַנקראָטירט (ווילנע).

מאַפּקע. — מיר האָבן אַ בפירושע ראיה, אַז ס'איז דאָ אַ גיהנום אויף יענער וועלט, וואָרים אויב ניט, וווּטוט זיך דאָרט מאַפּקע [מאפּו] אַהין? (קאָוונע).

מלעיר. — אַ הויקער. אײַנגלויבעניש אין וואַרשע: אַז מ'זעט אַ מלעיר, איז דער טאָג ניט מלעיריש־מזלדיק [ניט מזלדיק].

מענטש. — 1) ער איז אַ מענטש פון איך און מײַנע שיך (קיעוו).

2) דרײַסיק טעג איידער אַ מענטש שטאַרבט רופט מען אויס אויף אים אין גן עדן אָדער גיהינום: גרייט צו אַ חדר פאַר פלוני בן פלוני (שפּאָלע).

3) אין יאָר פון שטאַרבן לײַכטן שוין ניט אַזוי די חלומות בײַם מענטשן בעתן שלאָפן (שדה־לבן).

4) ער איז אַן אָנגענומענער מענטש: ווי ער קומט נעמט מען אים אָן פאַרן קאָלנער (וואַרשע).

5) יעדער אומגליק האָט פיל סיבות. די ערשטע סיבה איז דער מענטש אַליין (מעראַן).

סוחר. — 1) אַ סוחר, אַז ער האָט ניט אָנגעזעצט איז אַ סימן, אַז ער איז געשטאָרבן פאַר דער צײַט (ווילנע).

2) וואָס איז דער חילוק צווישן דעם אַפּיקורס און סוחר? דער אַפּיקורס גייט אָן אַ היטל און דער סוחר אָן אַ קאָפּ (קעשעניעוו).

עסן. — 1) ער עסט ווי אַ פערד און ליגט אין דער ערד (אָטוואָצק).

2) אַלע נעבעכעס עסן געדיכטע לאָקשן (ביאַליסטאָק).

3) ער איז אַ קנאַפּער עסער: וויפל ער עסט איז פאַר אים אַלץ קנאַפּ (ווילנע).

פּרעזידענט. — אַפילו דער פּוילישער פּרעזידענט לייגט דעם קאָפּ פאַרן אַרבעטער [שערער־ווערטל אין זשעליכאָוו].

פיש. — ערב ראש השנה איז בײַ די מתים געווען אַ לעבעדיקער

סעזאָן און בײַ די הענדלערקעס פֿון די לעבעדיקע פֿיש — אַ טויטער סעזאָן
[אַ ווערטל אויפֿן ווילנער פֿישמארק].

פֿידלער. — דער פֿידלער לייגט אונטער אַ טיכעלע אונטער דעם פֿידל, ווײַל דאָס פֿידל וויינט (ווילנע).

פֿאַרדינער. — ער איז אַ זעלטענער פֿאַרדינער: ער פֿאַרדינט זעלטן (ווילנע).

פֿעלדשער. — דער פֿעלדשער איז דער אמתער אל קנא ונוקם: ער נעמט אַן אַ פֿולע קאַנע מיט אייל און איז זיך נוקם אין דעם געוויסן אָרט (ווילנע).

פֿערד. — מײַנע פֿערד, אַז זיי ווילן פֿליען זיי ווי די אָדלערס, נאָר וואָס דען: ס׳האָט נאָך קיינמאָל ניט געטראָפֿן אַז זיי זאָלן ווען (דימער).

צײַט. — 1) אויב צײַט איז געלט, האָב איך קײַן צײַט ניט (זשיטאָמיר).

2) קנייטשן אויפֿן פּנים און גרויע האָר זײַנען דער פּאָטשערק פֿון אונדזער צײַט (באַרדיטשעוו).

3) הײַנטיקע צײַטן האָט מען חתונה אָן כּלי-זמר, ווײַל חתן-כּלה האָבן זיך געגנוג אָנגעשפּילט (אָדעס).

4) די גוטע צײַטן טראָגן אונדז, דערפֿאַר דאַרפֿן מיר איבערטראָגן די שלעכטע צײַטן (באַרדיטשעוו).

קאָמיסאַרן. — 1) זעקס קאָמיסאַרן אָן פֿלודערן—וואָס באַקומט זיך? — 12 колен израилевых (ווילנע).

2) אַז אַ סאָוועטישער קאָמיסאַר פֿאַרכאַפּט מלוכישע געלטער, איז אַ מיצווה אויף אים צו מאַכן די ברכה (ברח [בּריח] דין עמעס) [אמת] (ביאַליסטאָק).

קאָפּ. — 1) זײַן קאָפּ איז אַן אָרענטלעכער: ער נעמט קיין מאָל ניט
[איראָניע אין ווילנע איבער אַ טעמפּן קאָפּ וואָס איז קיין מאָל ניט תּופֿס].

2) איך ווער ניט נתפּעל וואָס ער האָט אַ גוטע קאָפּ: אַזוי ווי ס׳קען זײַן אַ פֿאַרך אויף אַ קאָפּ אַזוי קען זײַן אַ קאָפּ אויף אַ פֿאַרך (ווילנע).

3) פּיס פֿאַרפֿירן די קאָפּ (קעשעניעוו).

קושן. — אויב נאָר פֿון קושן איז געוואָרן די קדושין, מעגסטו זיך ווען, אַז זיי וועלן זיך גטן (דימער).

ראשי-תּיבֿות. — 1) די ראשי תּיבֿות פֿון להדם איז למדו היטב דרשו משפּט (ווילנע).

2) די ראשי תּיבֿות פֿון שדי איז שומר דלתות ישראל (פּראָג).

3) די ראשי תּיבֿות פֿון גבאי איז גנבֿענען בײַ אַלע ייִדן (ווילנע).

4) די ראשי תּיבֿות פֿון כּלבֿ איז כּרדום [קרדום] לחפּור בה; אַי וואָס, כּ׳ אַנשטאָט ק איז בת ק׳ כּבת כּ׳ (ווילנע).

5) די ראשי תּיבֿות פֿון גט איז גמר טובֿ (אָוונע).

6) די ראשי תּיבֿות פֿון אדם איז אָבראָטאָווע, דאָכאָדאָווע, מאַיאָנט-קאָווע (וואַרשע).

רש״י. — 1) לא הבישן למד; מאַכט רש״י: דער וואָס קען לערנען דער האָט ניט וואָס צו בײַסן (ווילנע).

2) ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישון; מאַכט רש״י: דער אויבערשטער וועט אײַך געבן ברויט, נאָר אַקערן מוזט איר (טשערנאָבל).

שטאָפּוועקסל. — אַ לאָדזער פאַבריקאַנט, וועלכער בײַט אויס שלעכטן שטאָף אויף אַן ערגערן וועקסל׳ לײַדט דער פאַבריקאַנט אויף שלעכטן וועקסלשטאָף (ווילנע).

רב. — 1) דער רב איז אַ מחמיר: אַלע חומרות מאַכט ער נאָר פאַר מיר (ווילנע).

2) רבי, ס׳איז שוין צײַט אײַך, איר זאָלט אויפהערן צו גיין מיט חומרות און אָנהייבן גיין אויף קוליעס [קילות] (ווילנע).

שוויגער. — ווי פּרוווט מען אויס שוועמלעך, צי זיי זײַנען ניט קיין גיפטיקע? מ׳גיט דער שוויגער צו פאַרזוכן (ווילנע).

שיף. — ס׳איז די מעשה מיטן כעלעמער: וואָס איז דער געוויין אויף אײַך וואָס די שיף טרינקט זיך? ס׳איז דען אײַער שיף? (וואַרשע).

שדכן. — ס׳איז די מעשה מיטן שדכן, וועלכער האָט אויסגעפירט אַ שידוך, האָט ער געזאָגט: איך האָב שוין מײַנס אָפּגעטאָן — איך האָב זיי אָפּגעקוילעט, איצט זאָלן זיי צווישן זיך פליקן (ווילנע).

שמש. — דער שמש פון די ציצית ווערט אָפּט צעדרייט און אָפּגע־ריסן, דער שמש פון חנוכה-ליכט ווערט פאַרברענט און אויף דעם שמש פון קלויז קומט קײַן פאַהיבעל ניט (ווילנע).

שפראַך. — 1) אַ מאָדנע שפראַך איז העברעיִש, אַלץ איז בײַ זיי „שוויניאַ״: אַ שיף וואָס ברענגט עולים קײַן פּאַלעסטינע הייסט שוויניאַ ספינה], אַפילו אַז מ׳נעמט אויף געסט און מ׳בעט זיי זיך זעצן, איז אויך שוויניאַ [שבו נא] (ווילנע).

2) די פּוילישע שפראַך הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיטן פּאַן. אַפילו אַ טופּל הייסט בײַ זיי פּאַן—טאָפּליע (ביאַליסטאָק).

תורה. — די תורה איז געגרינדעט אַף אמת, שכל און יושר. אמת: ס׳שטייט: הן עכבתי אמש, שכל: ובת כהן כי תחל לזנות; און יושר: יותר ממה שאיש רוצה לישא אשה, אשה רוצה להנשא (ווילנע).

ייִדישע פֿאָלקס־וויצן

אַ קאַפּוליע אָנצוהערעניש

אויף אַ לויה גייט זיך צווישן עולם אַ ייִדענע נאָכן אָרון, וויינט און בעט זיך בײַם מת: אַ מליץ יושר זאָלסטו זײַן פֿאַר מיר און די קינדער.

— ייִדענע — רופֿט זיך אָפּ אַ זײַטיקער — אויף אַזאַ זאַך שיקט מען ניט קיין אַנדערן, נאָר מ׳גייט אַליין... (ביאַליסטאָק).

עולם הפוך

דער דובנער מגיד איז דורכגעפֿאָרן מעזריטש, האָט מען אים געפֿירט צו ר׳ בער מעזריטשער שבת צו מלוה מלכּה. זעט ער ווי ר׳ בער מעזריטשער זיצט זיך בײַם טיש און ברומט אונטער אַ ניגון און די חסידים כאַפּן אַ טענצל. זאָגט דער מגיד: עולם הפוך ראיתי. בנוהג שבעולם זינגען די ציגײַנער און דער בער טאַנצט און דאָ זע איך גאָר ווי דער בער זינגט און די ציגײַנער טאַנצן (מעזריטש).

ווי די שאלה אַזוי די תשובה

אַ שטאָט־לערער איז געקומען צום רב מיט אַ שאלה צי ער מעג שמירן די בראַנד־מכּה מיט פּוטער משום בשר בחלב? האָט אים דער רב געענטפֿערט: אויב די בראַנד־מכּה וועט ווערן 60 מאָל געשוואָלן מעגט איר שמירן, ווײַל יעמאָלט וועט עס ווערן בטל בששים (וואָלאָזשין).

ביאַליק שבעל־פּה

אין אַ שמועס וועגן מחברים, האָט ביאַליק זיך אויסגעדריקט: אַ ייִדישער מחבר מאַכט דורך דרײַ עטאַפּן אין אָנהייב איז ער אַ מדפּיס, דערנאָך אַ מפּסיד צום סוף אַ מספּיד.

פֿאַר וואָס ער „קריכט"?

אַ פֿרוי איז געקומען צום רב און זיך געקלאָגט אויף איר מאַן אַז ער קריכט צו דער דינסט. האָט דער רב געשיקט זײַן שמש נאָכן מאַן און אים פֿירגעהאַלטן פֿאַר וואָס ער קריכט צו דער דינסט. זײַט אַזוי גוט — מאַכט דער רב צו אים — איך וואָלט וועלן זען ווי איר גייט. שפּאַצירט זיך דורך איבער מײַן צימער ביז דער שאַפּע מיט ספֿרים. דער ייִד האָט זיך געלאָזט איבער דעם רבס לאַנגן צימער. זאָגט אים דער רב פֿאַרוווּנדערט: איר גייט דאָך אויסגעצייכנט, טאָ פֿאַר וואָס זשע קריכט איר?...

דער סך־הכּל

ערב יום כּפּור איז אַ ייִדענע געגאַנגען, טראָגנדיק אונטער איין האַנט אַ כּפּרה און מיט דער אַנדערער האַנט אַ סליחה. מעשה שטן האָט זי זיך

עפּעט פאַרן בריק, שטאַרק געפּאַלן און זיך צעשלאָגן דעם הינטן. די כּפּרה איז אַנטלאָפן, די סליחה איז אַרײַנגעפאַלן אין טײַך. מאַכט די ייִדענע: רבונו של ע ם, איצט האָב איך ניט קיין סליחה, ניט קיין כּפּרה און ניט קיין מחילה...

די באַשטעטיקונג

אין בירגער־קריג ווען מ'האָט ניט געטאָרט אַרויספירן פון רוסלאַנד יין נאַרהאַפטע פּראָדוקטן ווי האַרטע צוקער, אייער, זאַמדצוקער אדג"ל. ה אָט זיך געשאַפן אַ רעגירונגס־קאָנטראָל איבער די באַנען אונטערן נאָמען „זאַגראַדיטעלני אָטריאַד". די זעלנער פלעגן ניט דורכלאָזן קיין באַגאַזש ביז דער סוחר שטעלט זיי ניט צו אַ באַשטעטיקונג פון דעם קאָמיטעט, אַז אין דעם באַגאַזש געפינט זיך ניט די פאַרבאָטענע נאַרהאַפטע פּראָדוקטן. האָט אַ ייִד געפירט מיט זיך די אַלע פאַרבאָטענע פּראָדוקטן. שטעלט אים אָפּ דער זעלנער און פאָדערט פון אים אַ באַשטעטיקונג. דער ייִד האָט ניט לאַנג גע־טראַכט און אים דערלאַנגט זײַן „גינסטיקן" אַנאַליז, אין וועלכן עס איז בפירוש אָפּגעדרוקט: Сахару нет, песку нет, белка нет איבערלייענדיק די באַשטעטיקונג, איז דער זעלנער ווייכער געוואָרן: — Проходи товарищ.

די דרײַ בכורים

דרײַ בכורים פּראַסטאַקעס זײַנען געזעסן ערב פּסח און געקלערט ווי אַזוי זיך אַרויסדרייען פון פאַסטן דעם תּענית־בכורים. איינער האָט געטענהט, אַז ער איז בכּוח צו פאַסטן, ווײַל ער איז אַ חולה, דער צווייטער, אַז ער איז אַ זקן מופלג, דער דריטער אַז ער איז במחילה אַ געבּרעכטער. איז בײַ זיי געבליבן אַרײַנצוגיין איינציקווײַז צום רב און פרעגן בײַ אים וועגן דעם אַ שאלה.

דער ערשטער איז אַרײַנגעגאַנגען דער קראַנקער און האָט געפרעגט:

— רבי, איך בין קראַנק צי מוז איך פאַסטן?

— ניט אַזוי רעדט אַ ייִד — האָט דער רב אים איבערגעשלאָגן די ר ייד — מען דאַרף זאָגן איך בין לא עליכם קראַנק.

דאָס האָט אונטערגעהערט הינטער דער טיר דער זקן, וועלכער איז גלײַך נאָכן חולה אַרײַנגעקומען און דערפאַר געזאָגט:

איך בין, רבי, לא עליכם אַ זקן מופלג, צי מעג איך פאַסטן?

— ניט אַזוי דאַרפט איר ריידן — האָט אים דער רב איבערגעשלאָגן — איר זאָגט בעסער: איך בין אַ זקן מופלג, אויף אײַך, רבי, געזאָגט געוואָרן כּפל כּפלים.

הערט דאָס הינטער דער טיר דער דריטער ווי מען דאַרף זאָגן, קומט ער אַרײַן נאָך דעם זקן און זאָגט:

— רבי, איך בין אַ געבּרעכטער, אויף אײַך, רבי, געזאָגט געוואָרן כּפל כּפלים (דווינסק).